STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05468

# A GELEKHTER NOKH A SHTURM

## Arkadii Averchenko

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jack & Lovell Olender
in memory of
Benjamin & Kate Olender*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארקאַדי אַווערטשענקאָ

# א געלעכטער נאָך א שטורעם

יידיש
פון מ. אָשעראָוויטש

ערשטער באַנד

וואַרשע / פאַרלאַג בזשאָזאַ / ניו־יאָרק
1928

Printet in Poland.

A gelechter nuch a szturm—
Wyd. „BRZOZA" Warszawa
A. AWERCZENKO
,Druk. „Br. Lewin - Epstein i S-ka"
:: :: :: Warszawa, Pawia 38. :: :: ::



א. אווערטשענקא

ערשטע אפטײל: זכב

# נאך דער רעוואלוציע — אין דער היים

# א י נ ה א ל ט:

## ע ר ש ט ע   א פ ט י י ל ו נ ג

## נאך דער רעוואלוציע אינדערהיים


| | |
|---|---|
| פארווארט פון י. אשעראוויטש | 9—14 |
| א לאנד אן שווינדלער | 15—20 |
| גראז צעטרעטן מיט שטיוול | 21—27 |
| א מעשה מיט צוויי געפאנגענע | 28—34 |
| ווי די געשיכטע קאן אמאל זיין גרויזאם | 35—42 |
| א רוסיש מעשהלע | 43—48 |
| פארדארבן דורך און דורך | 49—54 |
| קעמפער | 55—59 |
| א נייער פסח | 61—67 |
| אויג אויף אויג מיטן טויט | 68—72 |
| פיאדאר שאליאפין | 73—79 |
| נאך אן אנגעווייטאקטע פראגע | 80—84 |
| דיאבעטא | 85—91 |
| ספעקולאנטן | 92—96 |
| דער נייער מיליאנער | 97—105 |
| דער ארבעטער פאנטאלעי גרימזין | 105—109 |

## צווייטע אפטיילונג

# „אין גלות"

| | |
|---|---|
| די טראגעדיע פון א רוסישן שרייבער | 113—118 |
| אין קאנסטאנטינאפאלער זאאלאגישן גארטן | 119—125 |
| דער צווייטער באזוך אין זאאלאגישן גארטן | 126—132 |
| רוסישע פרויען אין קאנסטאנטינאפאל | 133—146 |
| נאך א קבר | 147—153 |
| אן ארנטלעך מיידל | 154—162 |
| א דועל אין גלות | 163—171 |
| פונקט געטראפן | 172—180 |
| אן אדעסער אקטריסע | 181—186 |
| א מיטל ווי צו געפינען א צימער אין פראג | 187—189 |
| א גוטער לעזער | 190—194 |
| אן אונטערוועלט־שענקל אין פראג | 195—201 |
| טשעכן | 202—205 |
| א רוסישער מענטש אין אויסלאנד | 206—212 |
| מארטאוו און אבראמאוויטש | 213—219 |
| קניידלעך | 220—221 |

# ארקאדי אווערטשענקא אין יידיש.

## א פאר באמערקונגען פון מ. אשעראוויטש.

„איך ווייס נישט פארוואס, עס איז אבער א פאקט, אז כאטש איך אליין בין נישט קיין ייד, האב איך דאך צווישן יידן דעם גרעסטן דערפאלג".

אזוי׳ האט מיר ארקאדי אווערטשענקא געשריבן אין א פרי־וואטן בריוו, א פאר חדשים פארן טויט. און אין דעם זעלבן בריוו האט ער אויסגעדריקט זיין באדויערן, פאר וואס ס׳איז נאך ביז איצט נישט ארויסגעגעבן געווארן אויף יידיש קיין לייטישע זאמלונג פון זיינע ווערק.

כאטש א צוויי־דריי ביכער זיינע האט ער געוואלט זען ארויס־געגעבן אויף יידיש, און ער האט מיך אלץ געבעטן, אז איך זאל דאס זען טאן פאר אים און אז איך זאל אויך זען, אז דער אויס־וואל פון די דערציילונגען, וואס וועלן ארויסגעגעבן ווערן אויף יידיש, זאל זיין א געלונגענער.

איך האב דאס אים אלץ צוגעזאגט. אבער גראד אין יענער צייט האט זיך אלץ נישט געמאכט קיין געלעגנהייט דערויף. און איצט, ווען אזא געלעגנהייט האט זיך, ענדלעך, געמאכט און דער פאר־לאג „בושאזא" גיט ארויס דריי בענדער פון אווערטשענקאס ווערק אויף יידיש אין מיין איבערזעצונג, איז ארקאדי אווערטשענקא שוין נישטא צווישן די לעבעדיקע.

אים איז נישט באשערט געווען צו זען זיינע ווערק געזאמלט

אויף יידיש, כאטש דאס איז געווען איינער פון זיינע שטאַרקסטע וואונטשן.

דאס ביכעלע, וואס מען האט אין יענער צייט ארויסגעגעבן אויף יידיש אין לאדזש, האט אים נישט צופרידנגעשטעלט; אים איז נישט געפעלן דער אויסוואל און אויך דאס צוזאמענשטעלן פון זיינע הומאָרעסקן, וואס מען האט אריינגעגעבן אין ביכעלע, און ער האט מיר דאן, אויף זיין וויציקן שטייגער, געשריבן וועגן דעם אזוי:

„וואס איז דא פארהאן וואס צו רעדן! איר פארשטייט דאך אליין — לאדזש!...“

צווישן די יידישע לעזער איז ארקאדי אווערטשענקא זייער פאפולער און באליבט. מען לייענט אים זייער גערן און מען האט אלע מאל גרויס הנאה פון זיין שארפזין, וואס האט אין זיך א באַזונדער מין קינסטלערישן חן און א געמיטלעכע שטיפערישקייט.

ווי די מערסטע הומאריסטן איז ארקאדי אווערטשענקא גע־נייגט מגזם צו זיין א ביסל, בעת ער שטעלט ארויס די קאמישע זייטן פון זיינע העלדן. דאס קומט אבער בא אים ארויס לייכט, אָן דער מינדסטער אנשטרענגונג, און דער עיקר — טאלאנטפול און איבערצייגנד.

ווייל בא אווערטשענקאן איז קיינמאל נישט אזוי וויכטיק דער וויץ ווי די וויציקייט. אין זיינע דערציילונגען איז אלעמאל פארהאן א קאמישע סיטואציע, וואס איז דורכאויס מענטשלעך; אים געלינגט שטענדיק צו מאכן גלייבן דעם לעזער, אז אפילו דאס אוממעגלעכע איז מעגלעך, אז אפילו דאס, וואס איז נישט געשען, האט געקאנט געשען.

ער האט זיך זיין אייגענעם קינסטלעריש־הומאריסטישן אמת.

און ווייל ער איז געווען אַן אמתער הומאריסט און אַן אמתער קינסטלער, האבן אים ליב געהאט צו לייענען אפילו די מענטשן, פון וועמען ער האָט אין זיינע ווערק אפגעלאכט... זיינע אייגענע העלד, זענען זיינע בעסטע לעזער געווען... עס איז אבער אויס־

געקומען אזוי, אז לאכנדיק פון זיך אליין, האבן זיי געמיינט, אז זיי לאכן פון אנדערע...

און אין דעם איז באשטאנען דער קינסטלערישער כח פון אווערטשענקאס טאלאנט.

נישט נאר זיך אליין האט ער געקענט אוועקשטעלן ווייטער פון זיינע העלדן, כדי צו קענען אביעקטיוו באמערקן יעדע קליי־ניקייט; ער האט אויך געקענט זיינע אייגענע העלדן אוועקשטעלן ווייטער פון זיך אליין...

אים האבן דערפאר ליב געהאט אלע קלאסן לעזער.

אים האט מען שטענדיק געלייענט און מען לייענט אים נאך אצינד נישט דערפאר, וואס ס׳פאסט נישט פאר אן אינטעליגענטן מענטשן נישט צו לייענען די ווערק פון א בארימטן שריי־בער, נאר דערפאר וואס ס׳איז פשוט אינטערעסאנט אים צו ליי־ענען...

א פאר שעה מיט אווערטשענקאס ווערק הייסט — א פאר שעה פארגעניגן.

און איז דאס דען נישט א מערקווירדיקער פאקט, וואס די געטרייעסטע צוויי לעזער, וואס ארקאדי אווערטשענקא האט געהאט, זענען געווען צוויי מענטשן, וועלכע זענען זיך איינער דעם אנדערן געווען די פארביסנסטע שונאים — ניקאלאי ראמאנאוו און לע־נין!...

צווישן די פארשידענערליי זאכן וואס א ספעציעלע אויס־פארשונגס־קאמיסיע האט געפונען אין יעקאטערינבורג, אין דעם הויז, וואו מען האט דערשאסן אויף טויט דעם לעצטן רוסישן צאר און זיין גאנצע פאמיליע, האט מען אויך געפונען א פולשטענדיקע אויסגאבע פון ארקאדי אווערטשענקאס ווערק, אין א פראכט־באנד. און די מענטשן, וועלכע זענען געשטאנען נאענט צו דער ראמא־נאוו־משפחה אין די לעצטע טעג, האבן שפעטער דערציילט, אז ניקאלאי דער צווייטער איז געווען ארקאדי אווערטשענקאוס א גע־טרייער לעזער.

ער האט זיך נאך אפשר אמוזירט מיט דעם פעליעטאן וואס

אווערטשענקא האט אנגעשריבן אין דעם טאג, ווען ער, דער לעצטע רצאר, איז געווען געצוואונגען זיך אפצוזאגן פונם טראן.

א טשעקאווער פעליעטאן איז דאס געווען. און נישט אזוי דער פעליעטאן ווי דער איינפאל. דער הומאריסט האט פשוט גענומען דער פולן טעקסט פון דער אפזאגונג, מיטן אונטערשריפט פונם ארונטערגעזעצטן קיסר, און אונטערגעשריבן זיין נאמען מיט דעם װעלבן פארנעם װאס דער קיסר פלעגט זיך אונטערשרייבן אויף אפיציעלע „דאקלאדן"— „פראטשאל ס' אודאוואלסטוויעם". (איבערגעלייענט מיט פארגעניגן).

פאר דער רעוואלוציע איז אין אווערטשענקאס שרייבן שטענדיק געווען א סך געמיטלעכקייט און א סך זארגלאזע שטיפערישקייט. זעלטן ווען האט מען בא אים געקענט אויפכאפן א טאן פון גאליקייט, אדער פארביסנקייט.

ער איז געווען דער לוסטיקער שטיפער אין דער רוסישער ליטעראטור. ער אליין האט אמאל דערציילט, אז מען האט אים אנומעלטן געפרעגט, פאר וואס ער שרייבט אזוי,פיל, האט ער דערויף געענטפערט, אז ער שרייבט בלויז דאן, ווען ער איז פריילעך, און אזוי ווי ער איז זייער אפט פריילעך, שרייבט ער דעריבער זייער אפט...

נאך דער רעוואלוציע אבער, ווען די באלשעוויקעס האבן איבערגענומען די מאכט און אווערטשענקא איז, פונקט ווי א סך אנדערע רוסישע שרייבער, געווארן אן „אימיגראנט", ווייל ער איז געווען קעגן די באלשעוויקעס, האט זיך אין זיין שרייבן גענומען פילן גאל און פארביסנקייט. ער האט אויפגעהערט ל א כ ן און אנגעהויבן א פ ל א כ ן.

אין 1921 האט ער אין פאריז ארויסגעגעבן א ביכל „א טוץ מעסערס דער רעוואלוציע אין דער פלייצע". אין דעם ביכל האט ער געמאכט אויסצודרייען לענינען, טראצקין און די גאנצע רעוואלוציע. און דאס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואס נישט קיין אנדערער ווי לענין אליין האט וועגן אווערטשענקאס ביכל אנגעשריבן אן ארטיקל אין דער „איזוועסטיא". דאס ארטיקל האט געהייסן „א טאלאנטפול ביכל" און דארטן האט לענין געלויבט

אווערטשענקאן ביזן הימל און געראטן די סאוויעטישע צייטונגען איבערצודרוקן דאס ביכל...

דאס איז — ווי ווייט מיר איז באקאנט — דער איינציקער ארטיקל, וואס לענין האט אין זיין לעבן אנגעשריבן וועגן א בעלעטריסטיש ווערק. און דאס באווייזט, וואס פאר אן אויפמערקזאמער לעזער אווערטשענקאס לענין איז געווען.

* *

*

איבערזעצנדיק אווערטשענקאס ווערק אויף יידיש פאר דעם פארלאג בזשאזא, האב איך זיך גענומען דאס רעכט צו מאכן דעם אויסוואל פאר די דריי בענדער לויט מיין געשמאק, און דערמיט דערפיל איך, אייגנטלעך, דעם וואונטש פון דעם פארשטארבענעם שריפטשטעלער. ער האט זיך אין דעם נאך בא זיין לעבן איינגאנצן פארלאזט אויף מיר און געגלויבט, אז ער מעג זיך אויף מיר פארלאזן סיי אין אויסקלויבן די זאכן און סיי אין דער איבערזעצונג.

באם צונויפשטעלן דעם ערשטן באנד, וועלכן איך האב א נאמען געגעבן „א געלעכטער נאך א שטורם״, איז די ארבעט געווען א שווערע. אין דעם באנד, ווי די לעזער וועלן זען, גייען אריין בלויז אזעלכע זאכן, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאס לעבן פון רוסישע מענטשן נאך דער רעוואלוציע. אין דער ערשטער אפטיילונג, וואס איך האב א נאמען געגעבן „נאך דער רעוואלוציע אינדערהיים״, גייען אריין פערצן דערציילונגען פון דעם לעבן אין רוסלאנד נאך דער רעוואלוציע. און אין דער צווייטער אפטיילונג, וואס איך האב א נאמען געגעבן „אין גלות״, גייען אריין זעכצן דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאס לעבן פון די רוסישע מענטשן אין דער פרעמד, אין אויסלאנד. איך האב אלץ געוואלט, אז די זאכן, וואס וועלן אריין אין ערשטן באנד זאלן זיין פון אזא שניט, אז אין זיי זאל זיך פילן אווערטשענקא דער קינסטלער, מער ווי אווערטשענקא דער פארביטערטער „אימיגראנט״. אן דעם כלל האב איך זיך געהאלטן, און דערפאר

האב איך ארויסגעלאזן א סך דערציילונגען, אין וועלכע די פובלי-ציסטישע זייט באהערשט שוין צופיל די בעלעטריסטישע. דאס איז געטון געווארן נישט האבנדיק אין זינען קיין פאליטישע כוונות, נאר ריין ליטעראַרישע.

צום שלוס וויל איך נאך זאגן אט וואס:

איבערזעצנדיק אווערטשענקאן אויף יידיש, האב איך דא און דארטן זיך דערלויבט צו מאכן קליינע ענדערונגען אין געוויסע אויסדרוקן; איך האב דאס אבער געטון בלויז דארט, וואו עס איז געווען אבסאלוט נייטיק, דארט, וואו א ווערטלעכע איבערזעצונג וואלט געקלונגען לעכערלעך און ווילד. אין אלגעמיין האלט איך, אז ווערטלעכע איבערזעצונגען זענען נישט גוט. זיין געטריי צום אריגינאל הייסט נישט — בלייבן א שקלאף צום ווארט. דער עיקר איז — אפהיטן דעם גייסט פון דער שפראך, פון וועלכער די איבערזעצונג ווערט געמאכט און זען, אז די איבערזעצונג זאל זיך לייענען ווי אן אריגינאל.

ניו־יארק, 26 יאנואר 1927

# א לאנד אן שווינדלער.

אויף א פוסטן פלאץ באם ברעג פון ים, וואו עס זענען געווען אנגעווארפן א סך שטיינער, זענען זיך צונויפגעקומען דריי מענטשן; באשיצט פון דעם שאטן, וואס א ריזיק גרויסער פעלז האט ארום זיך פארשפרייט. האבן די דריי מענטשן פארזיכטיק זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, און ווען זיי האבן זיך איבערצייגט, אז קיינער הערט זיך נישט אונטער, האט דער עלטסטער אנגעהויבן זיין רעדע אזוי:

— אין נאמען פון שווינדלעריי און פארברעכעריי עפן איך אויף די זיצונג! מיר אלע דריי — די מענטשן, וואס זענען געווען אלטגעזעסענע בירגער אין געפענגעניש און די קרוין אין די אלע ערטער, וואוהין מען האט אונז אמאל פארשיקט אויף קאטארגע — מיר האבן זיך דא פארזאמלט, כדי צו גרינדן א געזעלשאפט פון פארברעכער, וועלכע זאלן זיך אפגעבן מיט גנבה, גזילה און פארשידענערליי שווינדלען אין אלגעמיין. אבער, — האט דער עלטסטער א זאג געטון מיט א שמייכל, — עס קען דאך זיין, אז פאר דער צייט וואס מיר האבן זיך נישט געזען, זענט איר שוין גאר געווארן לייטישע מענטשן און באשלאסן צו לעבן שטיל און ערלעך?

— עס הייבט זיך גארנישט אן! — האבן זיך די צוויי באלייי-

דיקט און א קוק געטון בייז אויפן פארזיצנדן, — שווינדלער זע־נען מיר געווען, שווינדלער וועלן מיר בלייבן!

— אויב אזוי איז גוט! — איז דער פארזיצנדער געווען צופרידן. — ס׳איז באמת א פארגעניגן און א נחת צו זען אזעלכע אויסגעהאלטענע לומפן ווי איר זענט.

— נו, געוויס! בפרט נאך, ווען די צוויי אויסגעהאלטענע לומפן שטעלן זיך אוועק אונטער דער פירערשאפט פון אזא אויס־וואורף ווי דו ביסט.

— און איצט, מיינע הערן, — האט דער עלטסטער ווייטער גערעדט, — וויל איך, אז איר זאלט וויסן, אז מיר זענען נישט געקומען אהער מאכן קאמפלימענטן איינער דעם אנדערן. מיר מוזן גלייך צוטרעטן צום עיקר! אלזא, וואס קאנט איר פארשלאגן?

בא דעם יינגסטן שווינדלער האט זיך באוויזן א ציניִשער שמייכל אויפן פנים און, געבנדיק זיך א שטעל אוועק, האט ער געזאגט:

— איך האב א פלאן פאר א שפאגל נייעם שווינדל: ווי איר ווייסט, איז פוטער איצטער זייער א טייער ארטיקל. אויפן מארק כאפט מען עס פון די הענט און מען צאלט א גוטע פרייז, נו, האב איך א פלאן, אז מיר זאלן מאכן פאלשע פוטער.

— פאלשע פוטער? — האט דער עלטסטער איבערגעפרעגט. — פון וואס וועלן מיר דאס מאכן?

— וואס הייסט, פון וואס? פון מארגארין, געלער פארב און חלבענע ליכט...

דער פארזיצנדער האט זיך צעלאכט:

— ווייסט דען נישט דער געשעצטער חבר, אז פארב און חלבענע ליכט קאסטן איצט א סך טייערער ווי פוטער?

— טאקע? נו, אויב אזוי, וועט איר מיר אנטשולדיקן. זאל מען פארשלאגן עפעס אן אנדערן פלאן.

האט זיך אויפגעהויבן דער צווייטער:

— מיינע הערן, — האט ער געזאגט, — איך ווייס פון א געוויסער האנדלס־פירמע, וואו עס געפינט זיך אין אן אייזערנער קאסע א כומע פון עטלעכע מיליאן!

— דאס איז אן ענין. אבער ווי אזוי ברעכט מען אויף די אייזערנע קאסע?

— וואס הייסט, ווי אזוי? מיט די אינסטרומענטן, וואס מיר האבן אלע מאל באנוצט אין אזא פאל — אן אויטאמאטישער עג-בער, זויער-שטאף, עלעקטריק, א צעטילען, און די אלע אנדערע זאכן.

— ווי-זשע וועלן מיר די אלע נייטיקע אינסטרומענטן קריגן?

— פריער פלעגן מיר זיי, געוויינלעך, באקומען פון לאנ-דאן.

— נו, פאלג מיך א גאנג! בארעכען אליין: וויפיל וועט קאסטן אויב איינער פון אונז זאל פארן קיין לאנדאן, דארטן קויפן די אלע נייטיקע זאכן לויט דעם קורס פונם רוסישן רובל, איינ-פאקעווען, באצאלן פארן אריבערשיקן, באצאלן פארן צושטעלן און פארן ברענגען... איך בין זיכער, אז דאס וועט אונז ארייננרייבן אין א הוצאה פון אן אכציק ענגלישע פונט, און דאס מאכט אויס, לויטן איצטיקן קורס, א חשבון פון אן אכט מיליאן רובל! און וואס וועט זיין אויב עס וועט זיך שפעטער ארויסווייזן, אז אין דער אייזערנער קאסע געפינען זיך נישט מער ווי פינף מיליאן? אדער גאר — דריי מיליאן? וועט דאך אויסקומען, אז מיר וועלן גאר דערלייגן צום געשעפט. און אויב עס זאלן דארטן אפילו זיין צען מיליאן — לוינט זיך מיר נישט צו ארבעטן צוליב וואסערע צוואנציק פראצענט.

— הערט זיך איין, — האט איינער פון דער חברה שוין פארלוירן דאס געדולד. — אויב דעם הער פארזיצנדן געפעלט נישט קיין זאך, וואס מיר שלאגן פאר, דאן זאל ער פארשלאגן עפעס אן אייגענעם פלאן!

— מיין פלאן איז, אז מיר זאלן מאכן פאלשע פינף-הונדערט-רובלדיקע פאזיטלעך. ערשטנס זענען זיי פון איין פארב, בלויע, צווייטנס, איז די צייכנונג א לייכטע, און דריטנס...

— וואס זשע דארף מען האבן דערצו? — האט איינער פון דער חברה איבערגעשלאגן דעם פארזיצנדן.

— א קופערן ברעט פאר גראווירונג, א ביסל זויער־שטאף, פארב, פאפיר און א פרעס צו דרוקן.

— און וויפיל פינף־הונדערט־רובלדיקע פאזיטלעך וועלן מיר קאנען אפדרוקן אין א מאנאט?

— א צען טויזנט שטיק אוודאי!

איינער פון די שווינדלער האט גענומען א בליישטיפט און אנגעהויבן מאכן א חשבון. רעכענענדיק האט ער זיך שטארק פאר־טיפט אין „חבור" און „חסור", און דערביי האט ער געזאגט:

— באלד וועל איך אויסרעכענען, וויפיל עס וועט אונז קאסטן א שטיק.

— נו, זאג שוין, נו?

— יא, יא... א טשעקאווער ענין, אבער אן וויגאדעס. דער חשבון ווייזט קלאר און דייטלעך, אז יעדער פאזיטל פון פינף הונ־דערט רובל וועט אונז קאסטן נישט ווייניקער ווי זיבן הונדערט מיט צוואנציק רובל!

צום טייוול! ווי אזוי זשע לוינט זיך דער רעגירונג צו דרוקן פאפיר געלט?

— וואס הייסט, ווי אזוי? די רעגירונג האט גרויסע זאפאסן פון פאפיר און פארב נאך פון די אלטע צייטן.

לאנג זענען אלע דריי שווינדלער געזעסן שטיל. קיינער פון זיי האט קיין ווארט נישט ארויסגערעדט; עס איז זיי אלעמען גע־ווען שווער אויפן הארצן און זיי האבן זיך געפילט שטארק נידער־געשלאגן פון דער שרעקלעך גרויזאמערווירקלעכקייט.

— נו, א מדינהלע! — האט דער פארזיצנדער ביין ארויס־געברומט. — צו וואס פאר א שווינדל מען זאל זיך נישט נעמען, טויג עס אלץ נישט!

— ווייסט איר גאר וואס, — איז דער יינגסטער פון די שווינדלער געפאלן אויף א שכל. — אפשר וואלט געווען א פלאן, אז מיר זאלן נעמען דאס געלט, וואס מיר פארמאגן אלע דריי, קויפן א ביסל מאנופאקטור, עס באהאלטן אויף א זיכערן ארט און ווארטן ביז די פרייז וועט זיך א הייב טון?

— וואס זשע וועט אונז ארויסקומען דערפון ?

— וואס הייסט וואס ? מיר וועלן פארדינען א סך געלט.

— א פלאן איז דאס, אבער אין דעם איז דאך נישטא קיין שווינדל.

— נו, וואס ארט עס אונז ? אבער א וויגאדע איז דאך פאר־האן אין דעם. מיר וועלן מאכן געלט.

— איך פארשטיי נישט. — האט איינער פון דער חברה פארצווייפלט צעשפרייט די הענט. — מיר זענען דאך שוויג־דלער ! ווי פאסט עס פאר אונז זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע זאכן ?

— פארוואס נישט ?

— אבער לאמיר זיך פארשטעלן, אז די פאליציי געפינט אויס, אז מיר האנדלען מיט מאנופאקטור — וואס וועט זי אונז טון דערפאר ?

— גארנישט.

— נו, זעסטו שוין... עס איז עפעס נישט. איך בין נישט געוווינט זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע טריפע געשעפטן.

— אבער וואס זענען מיר שולדיק, אז דאס לוינט זיך פארט בעסער, ווי פאלשע פוטער, פאלש פאפיר־געלד און אפילו ווי אזא זאך, ווי אויפברעכן אן אייזערנע קאסע ! !

— גאט דערבארעמדיקער ! — האט מיט פארדראס אויס־געשריגן דער פארזיצנדער און זיך אנגעכאפט באם קאפ, — ווי נידעריק מיר זענען געזונקען, ווי אומגליקלעך מיר זע־נען אצינד ! איך קען שווערן בא אלע הייליקייטן, אז מיר איז דאס פריקרע, עס שלאגט מיר צום הארצן, אבער, ווילנדיק נישט ווילנדיק, וועלן מיר זיך מוזן נעמען צו אזא פרנסה, וואו מען דארף נישט שווינדלען !

און אלע דריי שווינדלער האבן זיך אויפגעהויבן, זענען אוועק אין שטאט און האבן זיך גענומען צו דער פרנסה, וואס איז זיי נישט געווען צום הארצן.

*  *
*

און איצט פארשטייט איר שוין, פארוואס מען געפינט איצט אין רוסלאנד אזוי ווייניק שווינדלער און אזוי פיל ספעקו־לאנטן?...

## גראז, צעטרעטן מיט א שטיוול.

— ווי אלט, דענקסטו, בין איך? — האט א פרעג געטון א קליין מיידעלע, און דערביי האט זי אונטערגעשפרונגען אויף איין פיסל, געטרייסלט די טונקעלע לאקן און געקוקט אויף מיר פון א זייט מיט איין אויג, וואס האט אויסגעזען זייער גרויס און גרוי...

— כ׳ווייס?... איך דענק, אז דו מוזסט אוודאי אלט זיין א יאר פינפציק...

— וואס? פינפציק? גיי אוועק! איך מיין דאס ערנסט. זאג, ווי אלט, דענקסטו, בין איך?

— כ׳ווייס?... איך דענק, אז דו מוזסט אוודאי אלט זיין א יאר אכט... הא?

— בישט געטראפן! איר בין שוין א סך עלטער.

— א שטייגער?

— איך בין אלט אכט און א האלב יאר.

— טאקע?! היפשלעך. מען קאן באלד זאגן, אז דו ביסט שוין אן אלטע מויד... זאג־זשע מיר, טייערינקע, דו האסט שוין אוודאי א חתן, הא?

— ניין. דאס נישט! — האט דאס מיידעלע געענטפערט און א טיפער קנייטש האט זיך פארשפרייט אויף איר שטערן. — קיין

חתן האב איך נאך נישט. ווי קאן מען זיך היינטיקע צייטן פאר־דרייען דעם קאפ מיט א פאמיליע, אז אלץ קאסט אזוי בראנד טייער?

— עך, גאט מיינער! — האב איך א זאג געטון מיט א זיפץ. — ווי ערנסט און סאליד דו רעדסט דאס, מיידעלע מיינס!... זאג מיר בעסער, קינד, וואס מאכט דיין ליאלקע?

— זי הוסט. איך בין נעכטן מיט איר צו לאנג געזעסן באם טייך, האט זי זיך צוגעקילט... יא, און אז מיר רעדן שוין יא וועגן טייך — ווילסט, קום מיט מיר אהין. דארטן איז אזוי גוט. פייגעלעך זינגען. נעכטן, ווען איך בין דארט געזעסן מיט מיין ליאל־קע, האב איך זייער א שיין זשוקעלע געכאפט.

— א שיין זשוקעלע? נו, גיב עס א קוש פאר מיר אין לאפקעלע. אבער צום טייך קאן איך מיט דיר נישט איצט גיין.

— פארוואס?

— ווייל פון דער אנדערער זייט טייך שיסט מען.

— נו, אז מען שיסט, איז וואס? דו האסט מורא? אי, ביס־טו א נאר. די קוילן גרייכן נישט אהער, ס'איז דאך ווייט. קום, איך בעט דיך, וועל איך דיר דארטן א געדיכט דעקלא־מירן.

— נו, אויב א געדיכט, גיי איך.

אויפן וועג צום טייך, פירנדיק מיך בא דער האנט, האט מיר דאס מיידעלע געזאגט:

— דו ווייסט, נעכטן באנאכט האט א קאמאר מיר געגעבן א ביס אין פוס.

— וואס רעדסטו! א קאמאר? ווארט, ווען איך וועל אים פאקן, וועל איך אים אויסזעצן די ציין.

— דו ווייסט, עס איז נישטא ווער עס זאל לאכן פון דיר... דו ביסט אזא קאמישער מענטש.

— דו דענקסט אזוי?

באם ברעג טייך האבן מיר זיך באקוועם אוועקגעזעצט אויף

א שטיין אונטער א געדיכט באצווייגטן בוים. דאס מיידעלע האט זיך צוגעטוליעט צו מיר, זיך איינגעהערט צו דער שיסעריי וואס האט זיך פון ווייטנס געטראגן, און ווידער איז דער טיפער קנייטש פון וארגן ווי א מיאוסער ווארים ארויסגעקראכן בא איר אויף דעם ריינעם שטערן.

פונם גיין האט זיך בא דעם מיידעלע אנגערויטלט איין בע־קעלע, האט זי דאס אנגעשפארט אן מיין רעקל, און קוקנדיק מיט די פארגליווערטע אייגעלעך אויף דער תמעוואטער גלאטקייט פונם טייך, האט זי מיר געשטעלט א פראגע:

— פארוואס רעאגירט נישט דער וואטיקאן אויף די עקסצעסן פון די באלשעוויקעס?...

א דערשראקענער האב איך זיך געגעבן א רוק אפ פון דעם מיידעלע און געכאפט א קוק אויף דעם ראזעווע מיילעכל מיט דער עטוואס געשוואלענער אייבערשטער ליפ. איך האב זיך נישט גע־קענט גלייבן, אז אט דאס קליינע, ראזעווע, קינדערשע מיילעכל האט נאר וואס ארויסגערעדט אזעלכע שווערע ווערטער און גע־שטעלט אזא פראגע.

— וואס האסטו געזאגט? — האב איך איבערגע־פרעגט.

— איך האב געזאגט, אז איך קען נישט פארשטיין, פאר־וואס דער וואטיקאן רעאגירט נישט אויף די עקצעסן פון די באל־שעוויקעס, — האט זי באך אמאל דאס זעלבע איבערגעחזרט.

שטיל און מיט גרויס רחמנות האב איך זי ארומגענומען, איר געגעבן א קוש אין קעפעלע און ארייננגעשושקעט אין אויערל:

— רעד נישט וועגן דעם, טייער קינד. דו דארפסט וועגן דעם נישט רעדן. דעקלאמיר בעסער דאס געדיכט, וואס דו האסט מיר צוגעזאגט.

— א, דאס געדיכט! — האט זי זיך א כאפ געטון. — איך האב גאר פארגעסן אן דעם. דאס איז א געדיכט וועגן אייבעם, וואס האט געהייסן מאקסים.

מאקסים איז שטענדיק אומעטיק
מאקסים, די הענט ער וואשט נישט.
מאקסים איז שטענדיק צרהדיק
און דעם קאפּ ער צוואגט נישט.
בייסט עס אים און רייסט עס אים
און ער קראצט זיך שטענדיק.

— א יא, א קאמיש געדיכט? זעסט, איך קען עס אויף אויסנווייניק.

— יא, א פיין לידל. האסטו דאס געלעזן דער מאמען?

— ניין, דער מאמען גייען אזעלכע זאכן נישט אין קאפּ אריין. זי איז אלץ נישט געזונט.

— וואס איז איר?

— זי איז בלוט-ארעם. דו פארשטייסט, א יאר נאכאנאנד האט זי געלעבט אין פעטערבורג אונטערן רעזשים פון די באל-שעוויקעס. נו, איז זי געווארן בלוט-ארעם. ס'איז געווען א מאנגל אין פעטס און אין אנדערע נארונגס-שטאפן... וואס איז דא וואס צו רעדן, זי האט אריבערגעטראגן די אלע זאכן, וואס מען טראגט געוויינלעך אריבער אין דעם קאמוניסטישן גן-עדן.

— ארעם קינד! — האב איך שטיל א זאג געטון אומעטיק און א גלעט געטון דעם מיידעלע איבערן קעפּעלע.

— נו, געוויס, בין איך אן ארעם קינד. ווען מיר זענען גע-לאפן פון פעטערבורג, האב איך אין וואגאן פארלוירן מיין ליאלקעס בעטעלע, און דאס בערעלע מיינס האט אויפגעהערט פּישטשען. און דו ווייסט, פארוואס ס'האט אויפגעהערט פּישטשען?

— אוודאי דערפאר, וואס ס'האבן אויסגעפּעלט די בייטיקע נארונגס-שטאפן, אדער אפשר גאר דערפאר, וואס ס'האט באקומען חשק צו סאבאטאזשעווען.

— גיי אוועק, דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט! דו ביסט אזוי קאמיש, ווי מיין גומילאסטיקע-הינטל... זאג מיר, דו קענסט דערלאנגען די נאז מיט דער הינטערשטער ליפּ?

— ווי קומט צו מיר צו קענען אזא זאך! אלע מיינע יארן האב איך געטרוימט פון דעם און ס'האט זיך מיר אלץ נישט איינ־געגעבן.

— און איך האב א חברטע, קען זי דאס יא, און ווען זי טוט דאס, קומט עס ארויס זייער קאמיש.

פון דער אנדערער זייט ברעג האט אנגעהויבן בלאזן א ווינט און די שיסעריי איז געווארן שטארקער.

— דו הערסט ווי די פולימיאטן ארבעטן. — האב איך א זאג געטון, צוטוליענדיק דאס מיידעלע צו זיך.

— וואס טוט זיך מיט דיר? — האט דאס מיידעלע געגעבן א קוק אויף מיר פארוואונדערט. — וואס פאר א פולימיאטן? ווען מען שיסט פון א פולימיאט, טאראכקעט עס געדיכטער... דו ווייסט ווי אזוי? פונקט ווי עס קלאפט א שטעפ־מאשין...

— מיט וואס דען שיסט מען דארט?

— מיט ביקסן. דאס שיסט מען אבער נישט איינציקווייז, ווארטנדיק בא יעדער מאל אויף א באפעל פונם אפיציר, דאס שיסט מען צו עטלעכע מיט אמאל... דו הערסט? איין גרופע שיסט און דערנאך הייבט די אנדערע אן צו שיסן. און עס מאכט: — באך־באך! באך־באך!

— אהא! — האב איך זיך מיטאמאל דערשראקן. — דאס האט מען א זעץ געטון מיט א שראפנעל.

דא האט דאס מיידעלע געגעבן א קוק אויף מיר מיט בא־דויערונג און געזאגט:

— הער זיך איין, גוטער ברודער, אז דו ביסט יא אזא איג־נאראמוס אין אט די זאכן, טא שווייג בעסער. וואס שראפנעל, ווער שראפנעל?! א געווייגלעכער שאס פון א דריי־צאליקן הארמאט, איז בא אים גאר א שאס פון א שראפנעל... ווייסטו דען נישט, אז ווען א שראפנעל פליט, זשומעט ער אין די אויערן, און ווען מען גיט א שאס פון א הארמאט, דאכט זיך אויס פונדערווייטנס, אז א הונט האט זיך צעבילן... עס איז קאמיש.

— הער זיך נאר איין, דו קליינע פלוי, — האב איך אויס־

געשריגן און דערביי האב איך מיט אן אבערגלויבערישער שרעק א קוק געטון אויף אירע פוכיקע ראזע בעקלעך, אויף דעם פאר־ביסענעם נעזל און אויף די קליינע הענטלעך, מיט וועלכע זי האט געהאלטן אין איין ארויפציען די זעקלעך, וואס האבן זיך אראפ־גערוקט איבער די שיך. — זאג מיר נאר, פונוואנען ווייסטו דאס אלץ?

— א קאמישע פראגע! ווען דו וועסט איבערלעבן אזוי פיל, וויפיל איך, וועסטו דאס אויך וויסן...

און ווען מיר האבן זיך אומגעקערט צוריק אהיים, האט זי פארגעסן אן דעם, וואס „דער וואטיקאן רעאגירט נישט אויף די עקסצעסן פון די באלשעוויקעס", זי האט אויך פארגעסן אן די שראפ־נעלן און אן די „דריי־צאליקע הארמאטן", און פארדרייסנדיק ארויף דאס פארריסענע נעזל, האט זי געפלוידערט און געפישטשעט, ווי א פייגעלע:

— דו ווייסט, וואס פאר א קעצעלע דו זאלסט מיר קויפן? עס זאל האבן א ראזעווע נעזעלע און שווארצע אייגעלעך. וועל איך נעמען דאס קעצעלע און וועל עס אנטון אויפן העלזעלע א בלויע סטענגע מיט א גלעקעלע. און איך האב אזא גלעקעלע. קליינע קעצעלעך האב איך ליב. זייער ליב. אבערווארט, איך האב גאר פארגעסן! איך האב נישט מער די בלויע סטענגע מיטן גלעקעלע. זי איז געלעגן אין דער סייף, וואו די מאמע האט געהאלטן איר צירונג, און די קאמוניסטן האבן דאס רעקווירירט לויטן מאנדאט פונם קאמפין"!...

* *

*

אויף דעם פרישן גראז שפאנען גראבע מענטשן מיט גרויסע שטיוול, באשלאגן מיט צוועקעס.

די שפאנען אויף דעם פרישן גראז און צעקוועטשן עס.

בלײַבט דאָס גראָז ליגן צעקװעטשט, צעטרעטן. אָבער װען עס דערװאַרעמט זיך װידער פֿון דער זון, גיט זיך עס װידער אַ גלײַך אױס און אונטער דעם װאַרעמען אָטעם פֿון אַ פֿרײַנדלעך װינטל, הײבט עס װידער אָן שאַרכען פֿון דעם, װאָס איז אײגן, ײנג און אײביק.

## א מעשה מיט צוויי געפאנגענע.

איצט זענען מיר נאך יינג, אבער מיט א צוואנציק יאר שפע-טער וועלן מיר שוין זיין אלטע לייט...

און וועגן דער לעצטער וועלט-מלחמה וועט מען רעדן ווי פון א לעגענדע.

און אז די אייניקלעך וועלן צו אונז צושטיין און פאדערן, מיר זאלן זיי דערציילן ווי אזוי מיר האבן געקעמפט אויף דעם שלאכט-פעלד — וועלן מיר דאס א ביסעלע ליגנט אויסשיטן פאר זיי, אז עס וועט אזש גיין א רויך!

אזוי שטעל איך זיך פאר.

דאס הייסט, ליגנט וועלן, פארשטייט זיך, אנדערע דערציילן, נישט איך. ווייל איך בין נישט פון יענע מענטשן, וואס דערציילן ליגנט.

און דערפאר טאקע מעגט איר מיך שוין מקנא זיין.

וואס וועל איך, למשל, דערציילן מיינע אייניקלעך?

צי איך בין געווען אויף דער מלחמה? — געווען! וואס בין איך געווען, א סאלדאט, אן אפיציר, צי א גענעראל? — גאר-נישט, גלאט געווען...

דאס גוטע יאר האט מיך אנגערעדט צו זיין א כוואט און איך בין אליין אוועק אויפן שלאכטפעלד, כאטש קיינער האט מיך נישט געבעטן.

ווען איך בין אין דער צייט פון דער מאביליזאציע ארײנגע־קומען צום „וואאינסקי נאטשאלניק" האט מען מיך באטראכט און געזאגט:

— איר טויגט נישט!

האב איך זיך געפונען באליידיקט.

— זאגט־זשע מיר, כ'בעט אייך, פארוואס טויג איך נישט?

— די אויגן זענען בא אייך קאליע. איר זענט א קורצזיכ־טיקער!

— נו, איז וואס? וואס פאדערט מען דען פון מיר אויף דער מלחמה? הרגענען דעם שונא? וואס־זשע פאר א קונץ שטעקט אין דעם? ברענגט מיר צו דעם שונא אזוי נאנט, אז איך זאל אים זען, וועט ער זיך שוין פון מיר נישט ארויסדרייען... איר מעגט זיין זיכער!...

— איר וועט דאך אבער עטלעכע אייגענע דערשיסן ביז איר וועט איינעם פונם שונאס לאגער אוועקלייגן!

איך בין ארויס א באליידיקטער און מיט כעס פארמאכט די טיר.

און איך האב באשלאסן פארן אויפן פראנט אלס צייטונגס־קארעספאנדענט...

א באקאנטער ייד האט מיך אפילו אפגעשלאגן פון דעם און מיך געהייסן זיצן אינדערהיים:

— וואס טויג אייך פארן? איך פארשטיי נישט, בנאמנות, וואס פאר א מענטש איר זענט? צווי מלוכות קריגן זיך, זענט איר טאקע מחויב זיך ארײנצומישן אינמיטן?

און דאך בין איך אוועק אויפן פראנט, און, ווי יענער ייד האט געזאגט — בין איך ארײן אינמיטן.

* *

*

אויף די פאזיציעס (אונטער דווינסק) איז מען שוין מיט מיר

געוואוינט געווען, ווי מיט א צרה, וואס מען קען נישט אויס־מיידן.

איינצקע האבן מיך זאגאר ליב געקריגן פאר מיין איינפאכקייט און פרייליכקייט...

איינמאל בין איך אריין צו די סאלדאטן אין די טראנשעען. מיר זענען געזעסן רויק, געשמועסט, גערויכערט. איך האב זיי געטיילט פאפיראסן.

פלוצלינג האט זיך אנגעהויבן א געפערלעכע שיסעריי, געשריען האבן זיך פון ערגעץ געטראגן, עמעצער האט באפוילן עפעס צו טון, נאר איך האב נישט דערהערט, וואס מען האט געהייסן טון, ווייל איך בין געווען פארטיפט אין געשפרעך. אלע האבן געשריגן „הורא", זענען ארויס פון די טראנשעען און געלאפן. האב איך אויך געשריגן „הורא", בין אויך ארויס פון די טראנשעען און בין אויך געלאפן.

עפעס האט עמעצער דעם צווייטן געשלאגן, געשטאכן, און איך דריי זיך אויף אלע זייטן, און פארשטיי, אז איך בין אן אי־בעריקער מענטש... מענטשן טוען אזא ערנסטע ארבעט, און איך פלאנטער זיך פאר די פיס...

דערנאך איז עמעצער אנטלאפן... צי מיר פאר די דייטשן אדער די דייטשן פאר אונז — ווייס איך נישט... איבערהויפט בין איך בא דער מיינונג, אז אין די יעצטיקע מלחמות איז זייער שווער צו וויסן, ווער וועמען עס באגראבט און ווער פאר וועמען עס אנט־לויפט.

דאס ווערט ערשט קלאר נאך דער שלאכט, אין הויפט־שטאב.

איך בין לאנג געלאפן — צי פונם שונא, אדער נאכן שונא — דאס ווייס איך נאך ביזן היינטיקן טאג נישט. מעגלעך, אז מען האט מיך גאר באדארפט דערשיסן, ווי מען דערשיסט א פאררע־טער...

איך בין לאנג געלאפן, אזוי לאנג, אז ווען איך האב זיך אפגעשטעלט און זיך ארומגעקוקט, האב איך קיינעם נישט געזען, נאר

איין דייטש, קענטיק אויך אזא פּארשוין ווי איך, איז געלאפן לעבן מיר.

— ביזט אריינגעפאלן ? ! — האב איך מיט פרייד אויס־געשריגן.

אנשטאט מיר צו ענטפערן האט דער דייטש געכאפּט זיין ביקס און אנגעשטעלט אויף מיר.

איך האב א קלאפּ געטון מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— ביסט משוגע צי פאררוקט ? דו קאנסט דאך מיר נאך דערהרגענען ?

ער איז אזוי איבערראשט געווארן פון מיין געשריי, אז ער האט באלד אראפּגעלאזט זיין ביקס.

— איך וויל דיך טאקע דערהרגענען !

— פארוואס ? איך האב בא דיר דאס ווייב צוגענומען ? אידיאט איינער !

מיינע רייד האבן, ווייזט אויס, געהאט אויף אים א ווירקונג און ער האט זיך צו מיר געווענדט שוין מיט אן אנדערן טאן:

— יא, אבער עס גייט דאך איצט א קריג צווישן אונז !

— איך ווייס אויך, אז עס גייט א קריג — האב איך אים געענטפערט, — אבער ווי נעמט מען עס גלאט און מען דער־שטעכט א גאנץ אומבאקאנטן מענטש ?

מיר האבןביידע געשוויגן.

„יעדנפאלס — האב איך מיר געקלערט — איז ער מיינער א געפאנגענער און איך דארף אים צושטעלן אין אונזער שטאב. כ׳שטעל זיך פאר, ווי אלע וועלן איבערראשט ווערן. „א שיינער קורצזיכטיקער" — וועלן זיי זאגן. און מעגלעך, אז מען וועט מיר נאך געבן א „מעדאל" אויך !

— יעדנפאלס — רופט זיך פּלוצלינג אפּ דער דייטש — ביס־טו מיינער א געפאנגענער.

אזא חוצפּה האב איך שוין נישט דערווארט.

— וואס ? איך, זאגסטו, בין דיין געפאנגענער ? ברודער

לעבן, איך האב דיך געפאנגען. פון מיינע הענט וועסטו זיך אזוי לייכט נישט אויסדרייען!

— וואס? איך האב זיך נאך דיר געיאגט און זאל נאך זיין דיין געפאנגענער?

— איך בין אומישנע געלאפן, כדי דיך אפצונארן און פאנגען. — בין איך פלוצלינג געפאלן אויף א כיטרער „קריגס־המצאה"...

— דו האסט דאך אבער מיך נישט געכאפט?

— דאס איז א קלייניקייט!... קום מיט מיר!...

— קום, — האט מיין דייטש איינגעשטימט. — נאר זאלסט וויסן, אז פון מיר וועסטו זיך נישט אויסדרייען: איך פיר דיך אלס א געפאנגענעם!

— א שיינע געשיכטע! ע ר פירט מ י ך! איך פיר דיך, און נישט דו מיך!

מיר האבן אנגעכאפט איינער דעם צווייטן פאר די הענט און, דערשראקן, זענען מיר געגאנגען פארויס. נאך א שעה בלאנדזשענדיק איבער א נאקעטן און וויסטן פעלד, האבן מיר זיך ביידע אפגעשטעלט. מיר זענען געקומען צום טרויעריקן באשלוס, אז מיר האבן ביידע פארלוירן דעם וועג צום פראנט...

דער הונגער האט זיך דערווייל געלאזט פילן גאנץ געשמאק. און ווען דער דייטש האט ארויסגענומען פון טאש ברויט מיט א קעסטעלע קאנסערוון, האב איך זיך זייער דערפרייט.

— נא, — האט דער שונא זיך אנגערופן צו מיר, אפגעבנדיק מיר א העלפט פון זיין שפייז, — אזוי ווי דו ביסט שוין א געפאנגענער, מוז איך דיך שפייזן.

— ניין, — האב איך אים געענטפערט, — אזוי ווי דו ביסט מיין געפאנגענער, גייט דיין גאנצע שפייז צו מיר... איך האב אזוי צו זאגן, פארכאפט דיין „אבאז!"

מיר האבן זיך אוועקגעזעצט אונטער א בוים און איבערגעכאפט א פיינעם מיטאג, פארטרינקענדיק מיט א ביסל גוטן קאניאק, וואס איך האב פארמאגט אין מיין פלעשל.

— אך, ווי עס גלוסט זיך א דרעמל טון — האב איך זיך אנגערופן, ארויסלאזנדיק דערביי א לאנגן געגעץ. — פון די אלע שלאכטן, פון די געפאנגענע ווערט מען שטארק מיד...

— שלאף דו... איך טאר נישט שלאפן, — האט דער דייטש געזאגט זיפצנדיק.

— פארוואס ?

— ווייל איך דארף דיך היטן דו זאלסט נישט אנטלויפן.

ביז איצט האב איך מורא געהאט צו שלאפן, טאמער וועט דער דייטש אנטלויפן. איצט אבער, אז איך האב געהערט זיינע רייד, האב איך באשלאסן זיך א ביסל אפרוען...

איך האב זיך אויסגעצויגן אונטער א בוים און אנטשלאפן געווארן.

— דו זיצסט ? — האב איך א פרעג געטון.

— איך זיץ, — האט דער פארשלאפענער דייטש מיר גע־ענטפערט.

— נו, קאנסט אויך כאפן א דרימל, אויב דו ווילסט. איך וועל דיך היטן.

— און וואס וועל איך טון, אויב דו וועסט אנטלויפן ?

— וואס הייסט ? ווער אנטלויפט עס דען פון א געפאנ־גענעם ?

דער דייטש האט א צי געטון מיט די אקסלען און איז אנט־שלאפן געווארן.

די זון האט זיך לאנגזאם געזעצט, באשיינענדיק דאס פנים פון מיין שונא מיט א צערטלעך ראזע ליכט.

אפשר וואלט איך אוועקגעגאנגען און אים לאזן דא ? — האב איך א קלער געטון — עס איז מיר שוין נמאס מיט אים האבן צו טון... און אויסער דעם איז גלאט א קאמישע לאגע: איך רעכן אים פאר מיין געפאנגענעם, און ער רעכנט מיך פאר זיין געפאנגענעם... פיליכט וואלטן מיר זיך איינער דעם צווייטן באפרייט... עס זאל הייסן א מין אויסטויש מיט געפאנגענע: איך באפריי מיין געפאנגענעם און ער — זיינעם.

איך בין אויפגעשטאנען, און פארזיכטיק און שטיל בין איך אוועק אין אן אנדערער ריכטונג, איבערלאזנדיק מיין פלעשל מיט קאניאק באם שונא אין האנט, אלס א באפרידיקונג פאר דעם געפאנגענעם, וואס ער האט פארלוירן.

ער האט אויסגעזען שלאפנדיק מיטן פלעשל אין האנט, ווי א זויג־קינד וועמען מען האט אריינגעלייגט אין האנט א זייג־פלעשעלע... מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז ער וועט זיך צעוויינען, ווען ער וועט זיך אויפכאפן און דערזען, אז זיין אם איז פון אים אוועק.

*   *

*

דאס איז די געשיכטע פון מיין באטייליקן זיך אין לעצטן וועלט־קריג. אבער ווי וועל איך עס דערציילן מיינע אייניקלעך? מיר ווייסן דאך נאך ביז היינטיקן טאג נישט, ווער וועמען עס האט באזיגט, ווער פון וועמען איז אנטלאפן און ווער וועמען עס האט געפאנגען: איך דעם דייטש, אדער ער — מיך?

איצט, ווען איך בין נאך יונג, האב איך דערציילט דעם גאנצן אמת, אבער ווען איך וועל עלטער ווערן — וועל איך מוזן באקן ליגנט אויף וואס די וועלט שטייט...

## ווי די געשיכטע קאן אמאל זיין גרויזאם!

דידאזיקע געשיכטע האט מיר דערציילט זייער א סימפאטי־שער מענטש.

— איר זעט אט דעם מאן? — מאכט אזוי צו מיר דער סימפאטישער מענטש, אנווייזנדיק אויף א בלאנדן מאן, וואס איז געזעסן אין טעאטער אין א לאזשע. — דאס איז דער אינזשעניער פיאטיארקין. א מענטש מיט א גאלדן הארץ! איר קאנט זיך קוים פארשטעלן ווי איך האב חשק צו ארבעטן בא אים, אבער דאס גיט זיך מיר אלץ נישט איין! אוממעגלעך!

— פארוואס איז דאס אוממעגלעך? ער וויל אייך נישט? — האב איך געפרעגט פויל און אן חשק, ווי מען פרעגט געוויינלעך, ווען מען ריכט זיך צו הערן א לאנגווייליקע, נישט קיין אינטערע־סאנטע געשיכטע.

— ער וויל נישט? מענטש איינער, עס גייט אים אויס דאס חיות מיך אריינצונעמען צו זיך.

— הייסט עס, אז איר ווילט נישט?

— איך וויל נישט? מענטש איינער, איך וואלט געווען איי־נער א גליקלעכער, ווען ער נעמט מיך אריין!

— אהא, איך פארשטיי, איר ווילט און ער וויל; איר ווילט ביידע, אבער די פאבריק איז אוודאי פארמאכט.

— ניין, די פאבריק איז אפן און מען איז דארטן פארוואָרפן מיט ארבעט.

— אין וואס־זשע איז די מניעה? אוודאי נישטא קיין וואַקאנסיע? אלע שטעלעס זענען פארנומען?

— ניין, ס'איז יא דא א וואקאנסיע, און פונקט פאר מיר!

— און איר נעמט אוודאי נישט אן די וואקאנסיע, ווייל מען ביט אייך אן ווייניק געהאלט? — האב איך געפרווּוט טרעפן.

— ניין, איר האט נישט געטראפן. ערשט נעכטן האט ער מיר אנגעבאטן צוואנציק טויזנט רובל א מאנאט!

— צום שווארצן יאר זאלט איר גיין! — האב איך שוין אנגעהויבן פארלירן דאס געדולד. — וואס דרייט איר א קאפ?! ער וויל, איר ווילט, די פאבריק איז אפן, מען איז דארטן פארוואָרפן מיט ארבעט, שכירות ביט מען אייך אן גוטע, — אין וואס־זשע איז דא פארט דער אפהאלט?

און דא האט מיך דער סימפאטישער מענטש אוועקגעפירט אין א ווינקל לעבן דער טיר און האט מיר דערציילט איינע פון די ווילדסטע געשיכטעס, וואס זענען זייער כאראקטעריסטיש פאר די ווילדע צייטן, וואס מיר האבן איבערגעלעבט.

* *

*

... דער אינזשעניער פיאטיארקין, פארשטייט איר מיך, האט פון מיר געהערט זייער א סך.

טרעפט ער זיך איינמאל מיט מיר און מאכט אזוי:

— איך וואלט זייער געוואלט, אז איר זאלט אננעמען א שטעלע בא מיר אין דער פאבריק.

— מיט פארגעניגן. — ענטפער איך. — וויפיל קאנט איר מיר צאלן?

— דריי טויזנט א מאנאט.

— גוט. אין צוויי וואכן ארום ענדיקט זיך די צייט אויף מיין אלטער שטעלע, וועל איך דאן איבערגיין צו אייך.

אין דער באשטימטער צייט האב איך זיך געקליבן גיין צום אינזשיניער פיאטיארקין אנגעמען די שטעלע, מיין ווייב איז אויך געווען צופרידן דערפון. אבער אין מיטן דערינען גיט זי מיך א שטעל אפ און שטעלט מיר אזא פראגע:

— יא, און וואס איז מיטן געהאלט? וויפיל וועסטו דארט קריגן א חודש?

— דריי טויזנט רובל.

— וואס?! דריי טויזנט רובל א חודש?! נישט אנדערש, נאר דו ביסט פון זינען ארונטער. אזא קליינע סומע וועט נישט קלעקן!

— איך האב דאך אבער אפגעמאכט מיט אים נאך מיט צוויי וואכן צוריק.

— א חכם! מיט צוויי וואכן צוריק זענען געווען אנדערע צייטן, און איצט זענען אויך אנדערע! דעמאלט האט פוטער געקאסט 30 רובל א פונט, און איצט קאסט עס 45 רובל; שיך האבן דעמאלט געקאסט טויזנט רובל א פאר, און איצט קאסטן זיי פינפצען הונדערט רובל. אין אלגעמיין קאסט איצטער אלץ א סך טייערער, ווי מיט צוויי וואכן צוריק... גיי שוין און פאדער מער געלט!

פאלג איך און גיי. איך קום צום אינזשיניער פיאטיארקין, און — ווי איך האב אייך שוין פריער געזאגט — איז פיאטיארקין א מענטש מיט א גאלדן הארץ. — הערט ער מיך אויס און זאגט: „יא, איר זענט גערעכט. אין די צוויי וואכן צייט איז דער יקרות געווארן גרעסער, אלץ קאסט אנדערטהאלבן מאל אזוי פיל ווי פריער. נו, וואס קאן מען זיך העלפן! וועל איך אייך מוזן צאלן פיר טויזנט מיט פינף הונדערט רובל א חודש!"

א פריילעכער בין איך געקומען צו לויפן צו דעם ווייב. איך בין אזוי געלאפן, אז איך האב זיך אזש פארשוויצט, און אזוי ווי אינדרויסן האט דאן געבלאזן א קאלטער ווינט, האב איך זיך צוגעקילט און זיך געמוזט אוועקלייגן אין בעט א קראנקער. אינפלוענציע.

צוויי וואכן בין איך געלעגן אין בעט. דערנאך, ווען איך בין

בעזונט געווארן, נעם איך און לאז זיך גיין צום אינזשיניער פּיאַטיארקין.

נעמט מיין ווייב און שטעלט מיך ווידער אָפּ:

— ווארט! — זאגט זי. — וואס לויפסטו? ווי וועלן מיר איצטער קענען אויסקומען מיט פיר טויזנט און פינף הונדערט רובל א חודש, אז דאס לעבנסמיטל איז פאר די צוויי וואכן געווארן טייערער מיט פינף און דרייסיק פראצענט? פריער האט א פונט פּוטער געקאסט 45 רובל, איצט קאסט עס 60 רובל; שיך האבן פריער געקאסט פינפצען הונדערט רובל א פּאר, און איצט קאסטן זיי שוין צוויי טויזנט!

בין איך געקומען צו פּיאַטיארקינען, צו דעם מענטש מיט דעם גאלדענעם הארץ, און איך האב אים געזאגט, וואס מיך קווטשט.

— איר זענט גערעכט! — מאכט ער אזוי צו מיר. — אויב מען מוז בא אייער געהאלט נעמען אין אכט די פּרייז אויף פּוטער, דאן דארפט איר איצט קריגן זעקס טויזנט רובל א חודש. אבער איר וועט מוזן ווארטן נאך צוויי וואכן, ווייל אין דער צייט, וואס איר זענט געווען קראנק, האב איך אויף אייער ארט אנגעשטעלט אן אנדערן מענטש אויף איין חודש. ער וועט ענדיקן זיין ארבעט, וועט איר דאן פארנעמען זיין פּלאץ.

האב איך אויסגעווארט צוויי וואכן, און דערנאך נעם איך און לאז זיך ווידער גיין צו פּיאַטיארקינען.

נעמט דאס ווייב און שטעלט מיך ווידער אָפּ:

— און וואס איז מיט שכירות? — שטעלט זי מיר די אלטע פראגע. — וויפיל וועסטו איצט קריגן א חודש?

— זעקס טויזנט.

— גאט איז מיט דיר! — דערשרעקט זי זיך. — ווי אזוי וועלן מיר איצט קענען אויסקומען מיט זעקס טויזנט רובל א חודש, אז א פונט פּוטער קאסט איצט הונדערט און צוואנציק רובל, און א פּאר שיך — פיר טויזנט רובל...

קום איך צוגיין צו פּיאַטיארקינען, צו דעם מענטשן

מיט דעם גאלדענעם הארץ, און דערציילט אים אלץ אזוי ווי ס'איז...

— איר זענט גערעכט! — מאכט ער צו מיר. — אזוי ווי מיר האבן שוין אנגעהויבן ציען א פארגלייך מיט דער פרייז איף פוטער און שיך, מוזן מיר שוין ווייטער אויך גיין אין דער זעלבער ריכטונג. אלזא, איר קריגט ניין טויזנט רובל א חודש. א קאנטראקט אויף דריי יאר. אזוי איז בא אונז איינגעפירט...

דערהערט אזא זאך, בין איך געבליבן שטיין א פריטשמעלעטער.

— וואס רעדט איר?! — זאג איך אים. — אויב דער יקרות שטייגט אזוי הויך, אז אין פארלויף פון א חודש צייט קאסט אלץ צוויי מאל אזוי פיל, טא ווי אזוי זשע וועל איך קענען בלייבן דריי יאר צייט בא די זעלבע שכירות? עס וועט דאך אויסקומען אזוי, אז אין דריי מאנאטן ארום וועל איך נישט האבן מיט וואס א טאג איבערצולעבן.

— איר זענט גערעכט! — מאכט ער אזוי צו מיר, דער מענטש מיט דעם גאלדענעם הארץ. — זאל איך האבן אזא יאר ווי איר זענט גערעכט!

און באלד איז ער געפאלן אויף א פלאן:

— ווייסט איר גאר וואס, — זאגט ער מיר, — אפשר וואלטן מיר גאר איינגעגאנגען אויף די באדינגונגען פון א פראגרעסיוון חשבון? וויפיל, זאגט איר, האט מיט צוויי חדשים צוריק געקאסט א פונט פוטער?

— דרייסיק רובל.

— און מיט א חודש צוריק?

— זעכציק.

און איצט?

— הונדערט און צוואנציק.

— און שיך?

— דאס זעלבע: טויזנט — צוויי טויזנט — פיר טויזנט...

אין מאטעמאטיק איז פיאטיארקין געווען א מאדים. אבער

טאקע גאר־גאר א גרויסער מאדים. א שארפער קאפּ אין ציפערן. נישט אומזיסט איז ער אן אינזשיניער!

— יא־יא, — זאגט ער מיר. — דער חשבון שטימט. און איצט, אזוי ווי מיר האבן שוין מאטעמאטיש פעסטגעשטעלט, אז אין משך פון א חודש צייט שטייגט דער יקרות אויף צוויי מאל אזוי פיל, און אזוי ווי מיר מוזן בא אייערע שכירות ציע א פאר־גלייך מיט דער פרייז פון פוטער און שיך, וועלן מיר דאס אלץ אויסרעכענען מאטעמאטיש פינקטלעך... דעם ערשטן מאנאט קריגט איר ניין טויזנט רובל, דעם צווייטן — אכטצען טויזנט רובל, דעם דריטן — זעקס און דרייסיק טויזנט רובל, דעם פירטן — צוויי און זיבעציק טויזנט רובל, דעם פינפטן — הונדערט מיט פיר און דריי־סיק טויזנט רובל, דעם זעקסטן — צוויי הונדערט מיט אכט און אכטציק טויזנט רובל, דעם זיבעטן — פינף הונדערט מיט זעקס און זיבעציק טויזנט רובל, דעם אכטן... נו, כדי ס׳זאל זיין א גלייכער חשבון, וועלן מיר רעכענען — א מיליאן רובל פארן אכטן חודש. דעם ניינטן — צוויי מיליאן, דעם צענטן — פיר מיליאן, דעם עלפטן — אכט מיליאן, דעם צוועלפטן — זעכצען מיליאן...

דא האט זיך פּיאטיארקין ווידער פארטיפט אין חשבון, דער־נאך האט ער גענומען שאקלען מיטן קאפּ:

— יא־יא, — האט ער געזאגט, — עס קומט אויס, אז באם סוף פונם צווייטן יאר וועט איר קריגן יעדן מאנאט פיר און זעכציק מיליארד, און אין מיטן פונם דריטן יאר וועט אייך אויסטראגן איבער פיר ביליאן א מאנאט.

— דאס איז א ביסעלע צופיל. — האב איך געזאגט פאר־טראכטנדיק זיך גאנץ ערנסט.

— גערעכט, — האט מיר פּיאטיארקין צוגעגעבן. — דאס איז א ביסעלע צופיל. דאס געשעפט וועט זיך אזא ברייטקייט נישט קענען פארגינען.

— און נאך א זאך, — בין איך אים אריינגעפאלן אין די רייד. — מיר וועט גאר זיין שווער צו שלעפּן אזעלכע גרויסע פּעק מיט געלט. ווי אזוי וועל איך גאר קאנען ברענגען אהיים די פיר ביליאן? איך וועל דאך מוזן דינגען א וואגן!...

— נו, געוויס. און פארגעסט נישט וויפיל מיליארד עס קאסט היינטיקע צייטן צו דינגען א וואגן! חוץ דעם וועט איר נאך מוזן דינגען א ספעציעלן פלאץ, וואו צו האלטן דאס געלט. און דאס קאסט אויך א היפשע סומע... היינט — אן אייזערנע קאסע, פאר־סטראכירן אין פאל פון א פייער, א וועכטער, וואס זאל אכטונג געבן דערויף, מען זאל עס נישט צוגנבענען. דאס אלץ וועט אייך אפקאסטן אן אוצר!... יא־יא, א חשבון!...

אז איך זאג דאך אייך, אז ער האט געהאט א שארפן קאפ אויף זיך דער פיאטיארקין! א מאדים אין מאטעמאטיק! אלץ האט ער אויסגערעכנט!

פארטיק געווארן מיטן חשבון, זיצן מיר אזוי ביידע און שווייגן, און אויפן הארץ איז אונז זייער אומעטיק. אבער טאקע גאר־גאר אומעטיק.

— וואס־זשע זאלן מיר פארט טון? — פרעג איך בא אים. — אפשר וואלטן מיר גאר געגעבן א שפיי אויף די אלע חשבונות און איך זאל אנגעשטעלט ווערן בא אייך מיט א געהאלט פון צען טויזנט רובל א חודש?... צוואס זאלן מיר זיך ברעכן די קעפ וועגן דעם, וואס שפעטער וועט זיין?

— אבער וואס איז מיט א קאנטראקט אויף דריי יאר? אן אזא קאנטראקט קאנען מיר קיין מענטשן נישט אנשטעלן.

האט זיך בא מיר פון הארצן א שווערער זיפץ ארויסגעריסן און איך בין אוועק אהיים.

און פון דאן אן האלט איך אין איין גיין צו אים און ס'קומט אלץ נישט צו קיין טאלק. ער וויל און איך וויל. מיר ווילן ביידע, און עס קומט גאר נישט ארויס דערפון. דערווייל זענען שוין אוועק דריי וואכן. פוטער קאסט שוין הונדערט מיט אכציק רובל א פונט, שיך — זיבן טויזנט רובל א פאר. דער חשבון, הייסט עס, וואס פיאטיארקין האט געמאכט, שטימט אויף דער האר. דער יקרות וואקסט ווי אויף הייוון, און אנגעמען די שטעלע קאן איך אלץ נישט!...

טרעפן מיר זיך מיט פיאטיארקינען אלע מאל. מיר רעדן און

רעדן, מיר רעכענען און רעכענען, דערנאך ווייגען מיר זיך גוט אויס און מיר צעגייען זיך...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* *
*

דער מענטש, וואס האט מיר דידאזיקע געשיכטע דערציילט, האט אנגעבויגן דעם קאפ און איז געבליבן שטיין א פארזארג־טער.

— פונדעסטוועגן פארשטיי איך נישט, פארוואס איר האט נישט אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט אויף די פיר ביליאן? — האב איך ארויסגעזאגט מיין מיינונג. — איר וואלט געקריגן פיר ביליאנטשיקלעך א חודש און דאן וואלטן שיך אוודאי געקאסט נישט מער ווי א דריי ביליאנטשיקלעך...

— דאס פארשטייען מיר ביידע, אבער דער עיקר איז דאך דאס איבערפירן! און פארגעסט נישט, אז חוץ דעם, וואס מען מוז באצאלן אן אוצר פאר אריבערפירן אזוי פיל פעק מיט געלט, דארף מען נאך דינגען אן אייזערנעם סקלאד, א וועכטער א קאסירער, וואס זאל עס ציילן. און צו די אלע זאכן דארף נאך קאסטן א מטמון דאס געלט צו פארטראכירן... פארלאזט זיך אויף פיאטיארקינען; ער איז א גוטער בעל חשבון און ער האט שוין אלץ אויסגערעכנט!

יא, שרעקלעך גרויזאמע זאכן שפילן זיך אפ פאר אונזערע אויגן טאג איין טאג אויס און מיר נאראנים באמערקן דאס גאר־נישט...

# א רוסיש מעשהלע.

דער טאטע האט דאס קעפעלע פונם קליינינקן זונדעלע צו־געשפארט צו דער ברוסט און אנגעהויבן דערציילן א מעשהלע:

— אין א געדיכטן וואלד, א ווייטן, האט אמאל געלעבט א קליין יינגעלע און אן אלטע באבעצי... אבער, ווייסטו גאר וואס?... זאל זיך די אלטע באבעצי פארדרייען איר אייגענעם קאפ און זאל זי דעם שלאק באקומען! איא, קינד מיינס?

— יא, זאל זי זיך פארדרייען איר אייגענעם קאפ און זאל זי דעם שלאק באקומען! — האט דאס יינגעלע איינגעשטימט מיטן טאטן.

— איך וועל דיר בעסער דערציילן אן אנדער מעשהלע: אמאל איז געווען א זיידע, האט דער זיידע געהאט א באבע, און דער זיידע און די באבע געהאט א הינדעלע א ראבע... ניין, דאס איז נישט קיין שיין מעשהלע! וואס גייט אונז אן דאס הינדעלע, דאס ראבע? זאל עס פלאצן!

— און וואס גייען אונז אן דער זיידע און די באבע! — האט דאס יינגעלע איינגעשטימט מיטן טאטן און דערביי האבן די אייגלעך בא אים געבלישטשעט. — זאלן זיי פלאצן!

— גערעכט. וואס גייען זיי אונז אן? בעסער וועל איך דיר דערציילן אן אנדער מעשהלע: אמאל איז געווען א טאטע, האט ער געהאט דריי זון. דער עלטסטער איז געווען א חכם און א גביר,

דער מיטלסטער — אי אהין, אי אהער... און דער דריט...

— זאָלן זיי אויך פּלאַצן! — האָט דאָס יינגעלע א זאָג געטון פעסט, זייענדיק שטאַרק צופרידן פון דעם, וואָס ער איז אזא העלד און האָט נישט קיין רחמנות אויף קיינעם.

— געדעכט, זון מייגער! — האָט דער טאַטע זיך נישט געשפּאַרט מיט אים. — זאָלן זיי גיין צו אלדי שוואַרצע יאָר! די אַלע מעשהלעך, וואָס איך האָב דיר פריער געוואָלט דערציילן, זענען גאָרנישט ווערט. א שיין מעשהלע דערציילט מען בלויז דאַן, ווען מען נעמט זיך אָן מיט חשק, און אזוי ווי איצט האָב איך זיך גראָד אנגענומען מיט חשק, איז... הער, מיין קינד!

* *

*

...אמאָל איז געווען א מאַן — דיין טאַטע. האָט דיין טאַטע געהאַט א ווייב — דיין מאַמע, און געהאַט האָט ער זי דערפאַר, ווייל אין יענער צייט זענען מענטשן נאָך נישט געשטאָרבן פון טיפוס אזוי ווי די פליגן. און געלעבט האָבן זיי ביידע, דיין טאַטע און דיין מאַמע, אין א וואוינונג פון זעקס צימערן, איין צימער איז געווען אָפּגעטיילט פאַר זייער זונדעלע, דאָרטן איז זיין וויגעלע געשטאַנען... איצט לעבן מיר ביידע, צוזאַמען מיטן אָנקל סאַשאַ אין איין צימער, דעמאָלט אָבער האָב איך געהאַט א וואוינונג פון זעקס צימערן.

— באַ וועמען האָסטו דאָס רעקווירירט?

— באַ קיינעם נישט! אין יענע צייטן איז נאָך נישט געווען אזא זאַך ווי רעקווירירן פרעמדע וואוינונגען! וואו מען האָט געוואָלט און וואו מען האָט געקאָנט האָט מען געדונגען א הויז. אַפילו צוואַנציק צימערן האָט מען געקאָנט האָבן! טרעפט זיך איינמאָל גראָד אזא געשיכטע: איך קום צופאָרן אהיים...

— פונוואַנען? פונם שלאַכטפעלד?

— וואָס פאַר א שלאַכטפעלד? אין יענע צייטן האָט מען פון קיין שלאַכטפעלדער נישט געוואוסט!

— וואס־זשע האבן די מאנסבילן געטון, אז ס׳זענען גאר קיין שלאכטפעלדער נישט געווען? אלע זענען אודאי געווען ספע־קולאנטן, הא?

— אין יענער צייט זענען נאך קיין ספעקולאציעס נישט געווען.

— וואס־זשע פארט האבן די מאנסבילן געטון? געשלאגן ביידאקעס, הא? אודאי ארומגעגאנגען פוסט און פאס?

— ניין, נישט פוסט און פאס. דער אנקעל סאשא, צום ביי־שפיל, איז געווען אן אדוואקאט, פיאטר סעמיאנישט איז געווען א מאלער, געמאלט פארטרעטן און געקריגן געלט דערפאר, דער אנקל קאסטיא האט געהאט א קראם, וואו מען האט פארקויפט שפילעכ־לעך...

— וואַ־אַ־ס? שפילעכלעך? וואס איז דאס אזוינס?

— שפילעכלעך, פארשטייסטו מיך, מיין קינד, דאס זענען אזעלכע זאכן... נו, ווי זאל איך דיר דאס געבן צו פארשטיין — האסט אמאל געזען א לעבעדיק פערד? איז א שפילעכל — א קליין פערדעלע, נישט קיין לעבעדיקס; אויך מענטשעלעך זענען געווען, נישט קיין לעבעדיקע, אבער געמאכט אזוי קונציק, פונקט ווי לע־בעדיקע. און זיי האבן געפישטשעט. א קוועטש באם בייכעלע און ס׳גיט א לאז ארויס א פישטש, פונקט ווי לעבעדיקע.

— צו וואס האט מען דאס געדארפט?

— מען האט עס געגעבן די קינדער, צו שפילן.

— צו שפילן מוזיק?

— ניין, נישט קיין מוזיק.

— זאגסט דאך „צו שפילן?"

— יא, אבער דו פארשטייסט נישט, קינד מיינס. שפילן, דאס מיינט... נו, לאמיר זאגן, מען נעמט א קליין מענטשעלע, נישט קיין לעבעדיקס און מען זעצט עס ארויף רייטנדיק אויף א פערדעלע, וואס איז אויך נישט קיין לעבעדיקס.

— וואס־זשע קומט ארויס דערפון?

— גארנישט. זיצט דאס מענטשעלע רייטנדיק אויפן פער־דעלע.

— צו וואס־זשע דארף מען דאס ?
— וואס הייסט, צוואס ? כדי עס זאל דיר זיין פריילע־כער.
— מיר ? און ווער־זשע שפילט זיך, ווען דאס מענטשלע זיצט רייטענדיק אויפן פערדעלע ?
— וואס הייסט ווער ? דו !
— צו וואס ?
— אך, גאט מייגער ! וואס הייסט, צוואס ? א קינד דארף נישט זיין אלעמאל ערנסט און פארזארגט... אבער — דו וועסט דאך סיי ווי נישט פארשטיין, וואס איך רעד, הער־זשע בעסער ווי־טער, האבן מיר, הייסט עס, אזוי געלעבט און...
— און וואס האסטו געטון ?
— איך בין געווען א דירעקטאר אין א פאבריק, וואו מען האט געמאכט פערפום.
— פערפום ? וואס איז דאס אזוינס ?
— דאס איז געווען אזא פליסיקייט. עס איז געגאנגען אין פלעשעלעך. עפנסט אויף א פלעשעלע, גיסט א שפריץ א פאר טראפן אויפן רעקל, אויפן מאנטל און ס׳שמעקט.
— צוואס דארף מען דאס ?
— גלאט אזוי. עס זאל שמעקן. מאלע וואס מען האט אמאל, אין יענע צייטן, געטון גלאט אזוי. איך, צום ביישפיל, האב גע־האלטן א מענטש, וואס האט גארנישט געטון, נאר גלאט געשטאנען בא דער טיר, און ווען עמעצער איז געקומען, איז זיין אויפגאבע געווען ארייננצוגיין פריער און מעלדן.
— צוואס האסטו דאס געדארפט ? האסט דאך געקאנט ווארטן באך א מינוט, וואלסטו אליין געזען, ווער עס איז געקומען.
— אזוי איז אבער געווען אנגענעמער. אין יענע צייטן האבן מיר א סך זאכן געטון בלויז צוליב דעם, אז ס׳זאל זיין אנגענע־מער. צום ביישפיל, איך און די מאמע פלעגן זיך איינמאל אין מאנאט לאזן וואוילגיין און גלאט אזוי זיך פראווען א באל.
— פראווען א וואס ?

— א באל.

— וואס איז דאס אזוינס?

— דאס איז אזא שמחה. מיר פלעגן ברענגען קלעזמער, א גאנצע קאפעליע קלעזמער... דעם גארטן פלעגן מיר אויספוצן מיט לאמטערנס פון פארשידענערליי קאלירן. די קלעזמער האבן געשפילט און מיר האבן געטאנצט.

— געטאנצט? וואס איז דאס אזוינס?

— געטאנצט הייסט — געטאנצט. א מאן גייט צו צו א דאַמע, נעמט זי אן בא דער האנט, מיט דער אנדערער נעמט ער זי ארום דארט, וואו בא דיר איז דאס הינטערשטע קנעפל באם לייבל — און דאן הייבן זיי ביידע אן טאפטשען מיט די פיס אויף דער ערד און זיי שפרינגען.

— צו וואס?

— גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. ארויסקומען קומט דערפון גארנישט ארויס... און נאכן טאנצן האט מען אלעמען אויסגעזעצט בא די טישן און דערלאנגט די שיינע וועטשערע.

— און דערנאך האט מען זיי פאר דער וועטשערע אוודאי צוגעשטעלט א חשבון, אז ס'איז זיי געווארן פינצטער אין די אויגן!

— ווער האט זיי צוגעשטעלט א חשבון?

— וואס הייסט, ווער? דו.

— וואס רעדסטו, זון מיינער! ווער נעמט דאס געלט פאר וועטשערע בא איינגעלאדענע געסט? דאס איז געווען אן געלט. אלץ איז געווען אויף מיין חשבון. דער קוכער האט צוגעגרייט די פיינסטע און בעסטע מאכלים, קיין שאמפאנער־וויין האט אויך נישט אויסגעפעלט, האט מען געגעסן און געטרונקען און זיך געלאזט וואוילגיין.

— און וויפיל האט דיך געקאסט אזא באל? אוודאי אן אוצר מיט געלט, הא?

— וואס זאל איך דיר דערויף ענטפערן, זון מיינער?... דו געדענקסט דאך אוודאי, ווי היינט נאכמיטאג האבן מיר ביידע

אויסגעטרונקען א פלעשעלע מיט עפּעס א לעבלעך ווארעמער חזירײ, וואס האט אין זיך געהאט א ביסל זיסקייט, און דו געדענקסט דאך אוודאי, וויפיל איך האב דערפאר באצאלט?

— נו, געוויס, געדענק איך. פינפצען הונדערט רובל.

— ריכטיק. און אין יענע צייטן האט א באל מיט א גאנצער קאפעליע קלעזמער, מיט לאמטערנדלעך, מיט א וועטשערע און מיט שאמפאנער־ווײן געקאסט א העלפט פון דעם, וואס דאס פלעשעלע מיט דער לעבלעך־ווארעמער, זיסלעכער חזירײ קאסט איצט...

— הייסט עס, טאטע, אז איך אליין האב היינט אויסגעטרונקען א גאנצן באל?

— יא, מיין קינד, אזוי הייסט עס. אויסגעטרונקען א גאנצן באל און נישט געפלאצט.

— אט דאס איז א שיין מעשהלע! — האט דאס קינד געגאפט. — אן אמת שיין מעשהלע! אמאל איז געווען א קליין ייגעלע, איז בא אים אין בייכעלע געווען א גאנצער באל. כע־כע־כע, פאפא! איז דאס א שיין מעשהלע!

— נו, געוויס, א שיינע! דאס איז נישט קיין מעשהלע וועגן א ציגעלע און א באבע און א הינדעלע א ראבע, אז פלאצן זאלן זיי!

— כע־כע־כע! און נישט קיין מעשהלע וועגן א טאטן, וואס האט געהאט דריי זין, אז אן אויסכאפעניש זאל קומען אויף זיי!

— יא... און דער עיקר — דאס איז נישט קיין מעשהלע וועגן א רויט מיצעלע, אז א ניכפה האט עס געמעגט טרעפן היינט און מארגן און אלע טעג פון א גאנץ יאר!

## פארדארבן דורך און דורך.

א רעסטאראן. ליידיק. בלויז בא איינעם פון די טישלעך זיצט א פארל — מאן און ווייב. ווייטער א ביסל, בא א צווייט טישל, זיצט אן עלעגאנט געקליידעטער יינגערמאן.

בא דער וואנט שטייט דער קעלנער און דרימלט. ער קוקט אויס צעבראכן און שלאבעודיק, ווי א פליג אין הארבסט.

אט אזוי איז קלאר און דייטלעך אנגעצייכנט דאס בילד, אט אזוי קוקט אויס די אומגעבונג, וואו עס דארף זיך אפשפילן א דראַ־מע פון לעבן.

און דער אנהייב ווערט געמאכט דערמיט, וואס דער מאן נעמט ווארפן בייזע בליקן דא אויף דעם ווייב, און דא אויף דעם יינגנמאן.

די בליקן ווערן וואס אמאל אלץ מער און מער אייפערזיכ־טיק, אלץ מער און מער ווילד.

דערנאך פארלירט דער מאן אינגאנצן דאס געדולד, גיט זיך א הייב אויף, טוט אן די הענטשקעס זייער נערוועז, פארלייגט די הענט אויף דער ברוסט און גייט צו צום עלעגאנט געקליידטן יינגנמאן.

— הערט זיך איין, יינגערמאן!

— וואס וועט איר זאגן, מיין ליבער הער? — גיט דער יינגערמאן א קוק אויף אים גלייכגילטיק.

— איך האב באמערקט, ווי איר האט די גאנצע צייט געקוקט אויף מיין ווייב!

— נו, געוויס האב איך געקוקט. איר פארשטייט דאך אליין, אז איך קאן נישט ארויסשרויפן מיינע אויגן און זיי באהאלטן אין בוזעם-קעשענע. ערגעץ האב איך דאך געמוזט קוקן.

— יא! איר האט אבער געקוקט מיט באזונדערע בליקן.

— פונוואנען ווייסט איר דאס? אפשר קוק איך אלע מאל מיט באזונדערע בליקן?

— אויף מיין ווייב האט איר אבער געקוקט מיט ליבעס-בליקן!

— אויב מיט ליבעס-בליקן, דארפט איר זיך איבערנעמען דערמיט, וואס אייער ווייב רופט ארויס בא א פרעמדן מענטש אזא ערנסט געפיל.

— אהא, איר האט נאך די חוצפה צו רעדן אין דער גאל אריין! נו, אויב אזוי — איז נאט אייך!

און דא האט דער מאן געגעבן א שלעפ ארונטער איין הענטש-קע און זי א שליידער געטון דעם יינגנמאן אין פנים אריין.

— וואס מיינט איר דערמיט?

— איך מיין דערמיט, אז איך רוף אייך ארויס אויף א דועל!

— דאס גאר? זייער פיין. נעם איך די הענטשקע, וואס איר האט מיר צוגעווארפן און איך באהאלט זי אין קעשענע.

— וואס מיינט איר, איר באהאלט זי אין קעשענע?! איר דארפט זי מיר אפגעבן צוריק!

— עס הייבט זיך גארנישט אן! לויט די נייע דועל-כללים דארף איך אייך די הענטשקע נישט אפגעבן צוריק...

— איך פייף אויף די נייע דועל-כללים, ווען מיינע הענטש-קעס קאסטן 28 טויזנט רובל א פאר!!

— וואס? אט די הענטשקעס אכט און צוואנציק טויזנט רובל א פאר?! דערציילט דאס אייער באבען!

— איר האלט מיך פאר א ליגנער?

— איך האלט אייך נישט פאר קיין ליגנער. איך זאג נאר,

אז מען האט אייך אפגענארט. מען האט פון אייך פשוט די הויט אפגעשינדן. און אויב איר ווילט מיר נישט גלייבן, קאן איך אייך צושטעלן צוועלף פאר אזעלכע הענטשקעס פאר צוויי הונדערט טויזנט רובל.

— איר מיינט דאס ערנסט? אויף אייער ערנווארט?

— נו, געוויס.

— קענט איר מיר אפשר צושטעלן א גראס?

— איך קען אייך צושטעלן א גראס אזעלכע הענטשקעס! איר זאגט מיר נאר וועלכע נומערן איר דארפט.

— גוט. באלד וועל איך אייך די נומערן פארשרייבן.

און ביידע כאפן ארויס בליישטיפטן און פארשרייבן עפעס אין קליינע ביכעלעך.

דאס ווייב, וועלכע האט זיך די גאנצע צייט צוגעקוקט פונ־דערווייטנס, הייבט פלוצלינג אן וויינען.

— וואס איז מיט דיר? ווענדט זיך צו איר דער מאן. — ווארט א מינוט, מיר וועלן באלד ענדיקן.

— דו וועסט באלד ענדיקן?! געמיינע בריאה וואס דו ביסט! א מציאהלע אויף צוועלף פאר הענטשקעס איז ביי דיר טייערער, ווי דער כבוד פון דיין ווייב. איך האב אבער אלע מאל גע־טענהט, אז דו ביזט א גארנישט, און איצט האב איך זיך אין דעם איבערצייגט. מער קען איך קיין איין מינוט נישט זיין אונטער איין דאך מיט אזא גראשענדיק נשמהקעלע ווי דו ביסט! איך גיי פון דיר אוועק!

— אבער, אום גאטס ווילן, קאטיא, טייערע...

— קיין ווארט נישט מער! גיב מיר א מיליאן און איך גיי פון דיר אוועק אויף אייביק!

— וואט הייסט עפעס א מיליאן? פאר וואס?

— איך מוז דאך האבן פונוואנען צו לעבן.

— אנטשולדיק, טייערע. פארגעס נישט, אז איך האב ביי דיר געגומען נדן נישט מער, ווי צוועלף טויזנט רובל...

— דאס איז אמת. אבער דאס איז דאך געווען נאך מיט אכט יאר צוריק. און אין יענער צייט איז א רובל געווען א

רובל... העי, יינגערמאן! — ווענדט זי זיך צו אַ צם גאלאנטן קאַוואליער, — קענט איר מיר נישט אויסרעכענען וויפיל די סומע פון צוועלף טויזנט רובל מיט אכט יאר צוריק וועט אויסמאכן לויטן איצטיקן קורס? אבער שנעלער, איך בעט אייך. איך האב קיין צייט נישט.

דער יינגערמאן האט געכאפט זיין ביכעלע און אנגעהויבן רעכענען.

— איין מינוט. באלד וועל איך אייך זאגן.

ברוגזע זעצן זיך מאן און ווייב אוועק בא באזונדערע טישלעך און שווייגן.

— נו, אויסגערעכנט? — פרעגט דאס ווייב אומגעדולדיק דעם יינגנמאן.

— מאכט עס שנעלער, — בורטשעט דער מאן.

— שוין! — מעלדעט דער גאלאנטער קאוואליער. — לויטן גאלד-קורס מאכט דאס אויס א חשבון פון 183 מיליאן מיט 572 טויזנט רובל.

גיט דאס ווייב א זאג פעסט:

— זעסטו שוין, דו רויבער! שוין זאלסטו מיר אפגעבן די 183 מיליאן מיט עפעס!

— כאפ זיך נישט, טייערינקע... מיר האבן דאך ביידע צוזאמען דאס געלט פארלעבט. ווייסטו גאר וואס? נעם זיבן הונדערט טויזנט און דער חשבון איז געענדיקט.

— ניין. איך נעם נישט ווייניקער ווי א מיליאן!

נעמט דער מאן ארויס א פאק מיט פאפיר-געלט פון קעשענע און ציילט:

— עך, צייטן ביטערע! צו אלע געשעפטן, וואס איך מאך, דערלייג איך געלט.

דאס ווייב לאזט זיך גיין צו דער טיר, דערנאך קערט זי זיך אום צוריק.

— יא! איך האב גאר פארגעסן. גיב מיר נאך זעקס הונדערט טויזנט רובל.

— פארוואס?

— וואס הייסט, פארוואס? מארגן אין דער פרי קלויב איך זיך דאך איבער אין אן אנדער וואוינונג!

— נו, איז וואס?

— נו, איז דאס. עס וועט ווערן פריי א צימער, וועסטו עס דאך געוויס פארדינגען... א הויט-שינדער ביזטו א גוטער, וועסטו פארן צימער זיכער ארויסקריגן א הונדערט טויזנט רובל א חודש, נו, וויל איך, אז דו זאלסט מיר געבן א העלפט פון דעם, וואס דו וועסט פארן צימער ארויסקריגן אין א יאר.

כאפט זיך דער מאן אן פארן קאפ:

— גזאט מיינער! קאטיא, איך האב דיך דאך אזוי ליב גע־האט! העי, קעלנער, א חשבון!

דער קעלנער לויפט צו מיט א פארטיקן חשבון.

— ווא-א-אס? — שרייט דער מאן, באטראכטנדיק דעם חשבון. פאר אזא פלאש וויין, וואס מען קאן אין מויל אריין נישט נעמען, רעכנט איר מיר פינפצען טויזנט רובל?!

— דאס איז נישט טייער, מיין הער... אונז אליין קאסט דער וויין צוועלף טויזנט רובל א פלאש.

— פאר אזא פאסקודסטווע נעמט מען בא אייך צוועלף טויזנט רובל א פלאש?! איך קאן אייך אזא וויין פארקויפן פאר ניין טויזנט מיט פינף הונדערט רובל א פלאש.

— איר מיינט דאס ערנסט?

— נו, געוויס.

— אלזא, שטעלט זשע מיר צו צוויי קאסטנס. אבער פראכט אויף אייער חשבון. צושטעלן די קאסטנס אין רעסטאראן.

— אפגעמאכט.

ביידע זעצן זיך אוועק באם טישל און שרייבן. און פונקט דאן רוקט זיך דער יינגערמאן צו צו דעם ווייבל און שושקעט איר עפעס אריין אין אויער...

— איך זאל זיך צושטעלן צו אייך אין צימער?.. און וואס איז מיט פראכט? — שמייכלט דאס ווייבל.

— וועגן דעם וועלן מיר שפעטער רעדן, — ענטפערט דער יינגערמאן.

ביידע לאכן. ער נעמט זי אן אונטערן ארעם. זיי גייען אוועק.

דער מאן ווערט פארטיק מיטן פארשרייבן, גיט ער א הייב אויף דעם קאפּ.

— העי, קעלנער, וואו איז מיין ווייב?

— זי איז אוועק מיטן יינגנמאן...

— גאט מיינער! — רייסט זיך בא אים ארויס א טיפער זיפץ און ער מאכט אריין דעם קאפּ אין ביידע הענט. — דאס איז דאך שרעקלעך!

ער וויינט שטיל.

דער קעלנער דערזעט דאס, פארקלעמט עס אים באם הארץ, גייט ער צו צו אים און גלעט אים צערטלעך איבער דער פּלייצע:

— אייך טוט אוודאי זייער וויי דאס הארץ אויף דעם אומגליק, וואס איז געשען?

— נאך ווי אזוי טוט מיר וויי דאס הארץ! — ענטפערט דער מאן מיט א וויינענדיקער שטימע. אזא אומגליק! בארעכנט אליין! געקאנט קויפן א גאנצן גראס העפטשקעס צו צוויי הונדערט טויזנט רובל פאר צוועלף פאר — און איך האב זיך אזוי פארדרייט דעם קאפּ, אז איך האב בא דעם יינגנמאן אפילו דעם אדרעס נישט גענומען! אזא אומגליק! די גאל קאן פּלאצן פאר פארדראס!...

# קעמפער.

אויף דער ערשטער ארגאניזאציאנס־פארזאמלונג פון דער „געזעלשאפט פון רוסישע בירגער צו קעמפן קייגן ספעקולאציע", איז באשלאסן געווארן, אז הייסן זאל די ארגאניזאציע „אבספעק", און דאן האט דער חבר גאלענדוכין, דער איניציאטאר פון דער פארזאמלונג, געהאלטן א רעדע און געזאגט אזוי:

— חברים! קייגן ספעקולאציע דארף מען קעמפן נישט נאר מיט אדמיניסטראטיווע מיטלען! אין דעמדאזיקן קאמף דארף די מאכט געשטיצט ווערן פון אלע בירגער, פון דער גאנצער געזעלשאפט! גיט א קוק אויף ענגלאנד (און אלע האבן א קוק געטון אויף ענגלאנד) — דארטן האבן די קרעמער איינמאל א הייב געטון די פרייז אויף פוטער — בלויז צוויי פיאסטער אויף א פונט — און וואס מיינט איר איז געווארן! גאנץ ענגלאנד האט זיך געגעבן א שטעל אוועק ווי איין מאן — מען האט אויפגעהערט קויפן פוטער, אלע זענען געוועזן אויפגעבראכט און ס'איז דערגאנגען אזוי ווייט, ביז...

— אנטשולדיקט, חבר, — האט אכלאפיעוו, איינער פון דער פארזאמלונג, איבערגעשלאגן דעם רעדנער. — אין ענגלאנד איז דאך גאר נישטא אזא מטבע ווי א פיאסטער. דארטן איז גאר פאר־האן א פעניג...

— דאס מאכט נישט, — איז דער רעדנער נישט נתפעל גע־

ווארן פון דער באמערקונג. — דאס האב איך בלויז געבראכט א ביישפיל. גיט א קוק אויף דייטשלאנד (און אלע האבן א קוק געטון אויף דייטשלאנד) — דארטן קאסט א פונט ראדיא...

— איך מוז אייך איבערשלאגן די רייד, חבר, — האט זיך אכלאפיעוו ווידער אנגערופן. — ראדיא פארקויפט מען נישט אויפן פונט...

— א, יא, איך האב געוואלט זאגן, אז דארטן קאסט א פיאסטער ראדיא נישט מער ווי...

— אנטשולדיקט, חבר, א פיאסטער איז נישט קיין וואג און נישט קיין מאס, נאר א מטבע...

— דאס מאכט נישט. — איז דער רעדנער בא זיך נישט ארונטערגעפאלן. — וואס איך וויל זאגן איז אט וואס: ווען מיר גיבן א קוק אויף רוסלאנד (און אלע האבן געגעבן א קוק אויף רוסלאנד), איז... וואס זעען מיר דארט?

— קיין גוטס געוויס נישט, — האט באבקין, איינער פונם פובליקום געגעבן א זיפץ.

— ריכטיק! — האט דער רעדנער צוגעשטימט. — קיין גוטס זעען מיר דארט נישט. בא אונז אין רוסלאנד הערשט נאך אלץ א שרעקלעע ספעקולאציע און ס׳נעמט גאר קיין סוף נישט דערצו!... און אלע שווייגן. אנגענומען א פול מויל מיט וואסער און מען שווייגט! פארוואס-זשע שווייגן מיר, פרעג איך! לאמיר קעמפן, לאמיר שרייען, לאמיר מאכן א טומל, לאמיר ארייגלייגן אין חרם!!

— וואס קעמפן, ווער קעמפן?! — האט זיך אנגערופן טור-פאטשאוו, א מענטש, וואס האט צו קיינעם קיין צוטרוי נישט גע-האט. — וועמען וועט איר ארייגלייגן אין חרם? איר אליין זענט אויך נישט אינגאנצן ריין דערפון...

— וואס מיינט איר דערמיט?

— איך מיין נישט אייך, נאר אייער חבר גאדיוקין, וועלכער איז אויך א מיטגליד אין דער געזעלשאפט צו קעמפן קייגן ספע-קולאציע, און אליין...

— אמת, חברים! דאס איז אונזער מכה און מיר מוזן אויס-

רייסן מיטן ווארצל. עס איז שוין מער פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז ווען מען האט דעם חבר גאדיוקין געשיקט איינקויפן פאפיר צו דרוקן אויפרופן און בראשורן, האט ער אויסגעפונען, אז אין דריי פאבריקן קאסט א פוד פאפיר פינף און פינפציק טויזנט און אין א פערטער פאבריק נישט מער ווי איין און פערציק טויזנט... און ווייסט איר, וואס ער האט געטון? ער האט אין דער פערטער פאבריק געקויפט פינפציק פוד פאפיר און דערנאך האט ער זיי פארקויפט אין איינער פון די ערשטע דריי פאבריקן צו זיבן און פירציק טויזנט רובל א פוד...

— און אזוי האט ער דאס געקעמפט קעגן דער ספעקולא־ציע! — האט אכלאפיעוו א זאג געטון נישט אן גיפט.

— קונציק אפגעארבעט. — האט זיך אנגערופן איינער נישט אן קנאה.

— שוין גארנישט קונציק, מען האט דאך אים געכאפט, — האט אן אנדערער באמערקט.

— שטילער, חברים! זאל זיין שא! — האט גאלענדוכין ווייטער גערעדט. — איך שלאג פאר, אז מיר זאלן באשרייבן אין די בלעטער אלץ, וואס גאדיוקין האט געטון, און דערמיט וועט זיין טאט צוגעשלאגן ווערן צום שאנד־קלאץ, און אים אליין, גא־דיוקינען, הייסט עס, זאלן מיר באשטראפן מיט דעם, וואס... ווי הייסט עס דארט...

— מיט וואס?

— מיט... מיט אסטרא... אסטרא... אסטרע...

— אסטראקיזם, מיינט איר, — האט אכלאפיעוו אונטערגע־זאגט דעם רעדנער.

— יא, יא, דאס מיין איך... אסטרא־קיזם... און נישט נאר גלאט אזוי א קיזם, נאר טאקע דעם שטרענגסטן.

— נו, וויל איך וויסן וואס ס'הייסט קיזם! — האט איינער אויסגעשריגן.

— דאס מיינט... יא, דאס מיינט, אז מען זאל אים פאר־שיקן... דאס מיינט — בידער מיט די ספעקולאנטן!

דערנאך האט אכלאפיעוו געקריגן דאס ווארט און ער האט געהאלטן אזא רעדע:

— חברים! — האט ער געזאגט. — עס פארשטייט זיך, אז מיר דארפן נישט שאנעווען די ספעקולאנטן, מיר מוזן קייגן זיי פירן א ביטערן קאמף... אבער אין דער זעלבער צייט דארפן מיר אויסדריקן אונזער אכטונג און אנערקענונג צו יענע געשעפטסלייט, וועלכע ווערן נישט מיטגעשלעפט אין דעם שטראם פון גזלה און גנבה, ווייל זיי האבן דאך א „גאט אין הארצן". איך שלאג פאר, אז מיר זאלן שריפטלעך אויסדריקן א דאנק דעם גרויסן קרעמער טשונין, וועלכער האט נישט לאנג צוריק געקריגן א גרויסן זאפאס פארפראוועטע מילך און פארקויפט זי צו עלף הונדערט רובל, אין דער צייט, ווען אנדערע נעמען צו פינפצען הונדערט רובל. און פארגעסט נישט, אז די פרייז פון מילך וועט זיך שפעטער א הייב טון גאר הויך!..

— וואו וואוינט ער? — האט באבקין א פרעג געטון און זיך ערנסט פארטראכט.

— צו וואס דארפט איר דאס וויסן?

— גלאט אזוי... א מענטש איז אזוי פיין. וואלט איך בזא א געלעגנהייט אריינגעגאנגען צו אים און וואלט אים אויסגעדריקט א דאנק... זאל ער וויסן, אז ס'געפינען זיך אזעלכע, וואס שאצן אפ זיין גוט הארץ...

— ער וואוינט אויף סאבארנע גאס, נומער 53. אבער נישט דאס איז דער עיקר...

דא האט זיך אויפגעהויבן טורפאטשאוו.

— איך מאך א פארשלאג... — האט ער געזאגט, — אז מען זאל אפלייגן די פארזאמלונג אויף שפעטער, אדער מען זאל זי איינגאנצן שליסן...

— פארוואס?

— ווייל... ווייל ס'איז צו הייס... און אין אלגעמיין איז בעסער, אז מען זאל די פארזאמלונג שליסן... נו, זאל זיין ביז מארגן.

— מיר שטיצן דעם פארשלאג! — האבן זיך דערהערט די קולות פון דריי מענטשן מיט איינמאל, און דאס האבן געשריגן די

חברים גריבאוו, אבראמאוויטש און קאזאנסקי. — זאָל מען שליסן די פארזאמלונג.

דער פארשלאג איז ג׳ומען געווארן צום אפשטימען און ס׳איז באשלאסן געווארן מיט א מאיאריטעט: שליסן די פארזאמלונג.

* *

*

באם טויער פון דעם הויז, וואס געפינט זיך אויף דער סאבארנער גאס, נומער 53, האבן זיך געטראפן דריי באקאנטע: אבראמאוויטש, גריבאוו און באבקין.

— וואס טוט איר דא?

— נו און איר?

— איך וויל ארייגגייך צו טשוגינען גלאט אזוי... איך וויל אים באדאנקען אינם נאמען פון אונזער געזעלשאפט דערפאר, וואס ער איז א מענטש מיט אזא ליכטיקער נשמה.

— אומזיסט אייער ארבעט. איר האט פארשפעטיקט!

— וואס מיינט איר, איך האב פארשפעטיקט?

— ווייל ער, גאלענדוכין דער חזיר, איז שוין דא געווען... דער פארזיצנדער אונזערער! דער איניציאטאר...

— געשיקט זיך, אז ער האט שוין בא טשוגינען אפגעקויפט דעם גאנצן זאפאס?

— איינגאנצן, צו עלף הונדערט רובל א פעסל... אבי איך האב זיך געיאגט.

— דאס איז א סקאנדאל! אין א צייט ווען די געזעלשאפטלעכקייט דארף קעמפן קייגן ספעקולאציע... וואו איז ער איצט?

— נאר וואס איז ער אוועק. דארטן אויף יענעם ראג גאס האט ער זיך פארקירעוועט. איר קענט אים נאך אניאגן.

פון טויער איז ארויסגעקומען טורפאטשאוו.

— חברים! — האט ער געזאגט. — איך מאך א פארשלאג, אז מיר זאלן נישט פארשווייגן דעם געמיינעם פארברעכן, וואס

דער פארזיצנדער פון אונזער געזעלשאפט „אבספעק“, האט באַ־
גאנגען. מיר מוזן אים באשטראפן דערפאר, וואס ער האט געהאנדלט
אזוי געמיין אין דער צייט, ווען אונזער פאטערלאנד ווערט איינ־
געשרומפן פון ווייטיק, אין דער צייט, ווען עס האט זיך שוין קוים־
קוים אנגעהויבן ווייזן די ליכטיקע שיין פון דעם נייעם רוסלאנד...

— הערט זיך איין, חבר טורפאטשאוו, — האט אים איינער איבערגעשלאגן. — לאזט איבער די רעדע אויף אן אנדער מאל. איר זאגט מיר בעסער אט וואס: אפשר וועט גאלענדוכין אונז פאר־קויפן דעם זאפאס מילך צו דרייצן הונדערט רובל א פעסל?

— רעדט נישט קיין נארישקייטן, חבר! — האט טורפאטשאוו געענטפערט. — איך האב אים שוין אנגעבאטן פירצען הונדערט רובל און ער וויל נישט. זיך אויסגעלאכט פון מיר! און הערט, וואס איך זאג אייך, חברים, ווען מיר גיבן א קוק אויף ענגלאנד...

דאס מאל האט שוין אבער קיינער נישט געגעבן קיין קוק אויף ענגלאנד...

אלע זענען געשטאנען פארזארגטע און נידערגעשלאגענע.

# א נייער פסח.

אמאליקע יארן האט מען ערב יום טוב געהאט גענוג צרות און ערגערנישן, און דאן האט מען געקענט הערן, ווי איינער קלאגט זיך:

— רבונו של עולם! עס קומט שוין ווידער אן דער פסח. ווידער וועל איך מוזן אנטון דעם פראק, די לאקירטע שיך און ארומלויפן ווי א טפש פון איינעם צום אנדערן צו גאסט. און זיי זאלן מיך כאטש נישט שטאפן אזוי פיל די בעסטיעס! אז ס'איז גארנישט אויסצוהאלטן פון זיי! שטעלן זיך אוועק איבער דיר ווי רוצחים מיט א מעסער אין האנט און שטייען נישט אפ: „עסט א שטיקל אינדיק!...", „טרינקט א גלעזל ווייז!..." „פארזוכט דעם בראנפן!..." „עסט דעם קוילעטש!..." „נעמט א שטיקל „פאס-כא!..." און אויב איר דערוועגט זיך צו זאגן דער באלעבאסטע, אז איר זענט זאט, באליידיקט זי זיך... „כאטש א שטיקעלע!" — בעט זי זיך בא אייך, און איר האט נישט קיין אנדערע ברירה און מוזט עסן, כאטש עס קריכט אייך שוין פון האלז; איר מוזט טרינ-קען, כאטש איר ווילט נישט! און נישט נאר ווייז, נאר אויך בראנפן און קאניאק און קימל און אלערליי אנדערע משקאות... און עס שטעלט זיך א פראגע: פארוואס מוטשעט מען אייך אזוי?

וואס האט מען צו אייך? פאר וועלכע שווערע זינד שטאפט מען אייך אן דעם בויך און מען רוקט אייך אריין אין די קעשענע געלע און רויטע און גרינע אייער און אן א שיעור שאקאלאדקעס און צוקערקעס? פארוואס?!

און אנו, פרוווט, נישט נעמען אן איי, וועט זיך טון חושך. מען וועט דאס אננעמען פאר א באליידיקונג!

אין יענע יארן האט זיך יום-טוב א באלעבאסטע געקענט פילן באליידיקט איבער יעדער נארישקייט און ארויסקומען מיט אזעלכע טענות, למשל:

— ווי געפעלט דיר עפעס אונזער פריינט פיטיוקאוו! און דאס נישט קיין געמיינהייט פון זיין זייט?! איז ער נישט קיין פאר-רעטער?! אין אזא יום-טוב ווי פאסכא, האט ער אפילו נישט גע-פונען פאר נויטיק צו קומען צו אונז צו גאסט... איך האב אנגע-באקן אזעלכע געשמאקע קוליטשן, ארומגעלאפן איבער אלע קרא-מען און איינגעקויפט די בעסטע זאכן, און צום סוף איז ער נישט געקומען! זאג מיר, וואס דו ווילסט, און איך זאג דיר, אז ער איז א לומפ, אן אויסוואורף! היינט איז ער נישט געקומען צו אונז צו גאסט, נישט פארזוכט דעם קוליטש, נישט געטרונקען קיין וויין, און מארגן וועט שוין בא אים זיין רעכט אויפצוברעכן א קא-סע און בארויבעוען א באנק, און איבערמארגן וועט ער זיך שוין נישט אפשטעלן אפילו צו דערהרגענען א מענטש... אויף אים איז אלץ צו גלייבן...

* *
*

אזוי איז אין רוסלאנד געווען אמאל, מיט יארן צוריק.

איצט האבן דארטן די רוסישע בירגער אויך צרות און ער-גערנישן, ווען עס קומט דער ערב יום-טוב, אבער שוין גאר אנדערע צרות. און מען קען הערן, ווי איינער קלאגט זיך אזוי:

— הם! אט קומט אן דער פסח און איך הייב נישט אן צו וויסן וואוהין און צו וועמען איך זאל גיין צו גאסט, כאפן א ביס... אמת טאקע, די קוילעטשן זענען איצטער אומעטום פאסקודנע; געמאכט פון פאפעשאיע־מעל און צוגעמישט מיט עפעס. וואס האט כלומרשט דעם טעם פון אן איי. אבער פונדעסטוועגן וואלט נישט געשאדט ארייננצוכמאליען כאטש א האלב פונטעלע פון אזא קוילעטש, אבי צו פארשטאפן די קישקע! און א ביסל בראנפן וואלט אויך נישט געשאדט צו פארזוכן. זאל זיין שלעכטן בראנפן — אבי עפעס! אבער וואוהין און צו וועמען גייט מען? די פאמיליע פערעפליאטאוו איז אנטלאפן קיין אויסלאנד, פון דער פאמיליע פרעגינאוו איז קיין זכר נישט געבליבן, און די פעליקאנאווס זיצן ביידע פארשפארט אין דער „טשעקא", און אהין האב איך קיין חשק נישט צו גיין מיט א וויזיט... פאראיארן איז מיר געהאט איינגעפאלן צו גיין צו גאסט צו די מיאסאיעדאווס, געמיינט, איך וועל מאכן דעם אנשטעל, אז איך בין גלאט געקומען זאגן „גוט יום טוב!" און דערווייל וועל איך שוין דארטן כאפן א ביס און טאקע א ביסל בראנפן אויך... וואס־זשע, מיינט איר, האבן זיי געטון?! זיי האבן פארשפארט די טיר, געמאכט אינעווייניק א באריקאדע פון מאטראצן, און אזוי זענען זיי געלעגן אין שטוב דריי טעג און דריי נעכט און קיינעם נישט ארייננגעלאזט. איך האב שוין געהאט געוואלט ארויפקריכן אויפן דאך און דורך דער בלעכענער רינווע זיך ארונטערלאזן און ארייננקריכן דורכן פענצטער און מאכן דעם אנשטעל, אז איך האב זיך אויף א ווייליקע ארייננגעכאפט אהער מיט א וויזיט. אבער עס איז גארנישט ארויסגעקומען דערפון. די טאפלע פענצטער זענען בא זיי נאך נישט געוועזן ארויסגענומען, און איך בין שיער־שיער נישט דערהרגעט געווארן ארויסגליטשנדיק זיך פון דער בלעכערנער רינווע. יא־יא... הייניטיקע צייטן איז מאר א גאסט זייער שווער אפצוהיטן אלע כללים פון אמאל... און איבעריקנס, איך וועל פרווון גיין צו גאסט צו די בעלאבאקאווס... אויב מען וועט מיך נישט ארייננלאזן, וועל איך געבן דער קעכין א מיליאנטשיקל און זי וועט מיך שוין ארייננלאזן דורך דער הינטער־טיר.

און בא די בעלאבאקאווס איז אויך א טומל און א מהומה.

— עס איז שלעכט, מאריא! — מאכט אזוי בעלאבאקאוו צו זיין ווייב. — היינטיקע צייטן איז א מורא זיך צו פארטשעפען מיט א גאסט. זיי זענען אלע טויט-הונגעריק. איך האב זייער מורא, זיי זאלן זיך נאך נישט ארגאניזירן. פריער פלעגן זיי גיין איינציקווייז און דאן איז נישט געווען אזוי געפערלעך. מיט איין לומפ קאן מען זיך נאך ספראווען ווי ס'איז. איצט אבער, זאגט מען, גייען זיי שוין נישט איינציקווייז, נאר גאנצע מחנות, ווי הונגעריקע וועלף... איין גרופע געסט האט זיך זאגאר פארזארגט מיט א פולימיאט. ווען מען לאזט זיי נישט ארײן אין שטוב, טראכטן זיי נישט לאנג און הייבן אן שיסן...

באלד איז אין צימער ארײנגעלאפן א פארסאפעטער בע-לאבאקאוויס יינגעלע, א פארשייטער ווייס-חברהניק, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען אינדרויסן און געקוקט צי עמעצער קומט נישט. ער איז ארײנגעלאפן און אויסגעשריגן אין איין אטעם:

— ער גייט! גלייך אהער גייט ער! דאס פנים איז בא אים בלוי ווי בא אן אינדיק, די אויגן ברענען און די ציין קנאקן...

— פארשליס די טיר!... לעש אויס דעם לאמפ! העי, פע-טיא, שטעל זיך אוועק בא דער שיר! פארשפאר זי מיט אלטע מאטראצן!... אויב ער וועט פרווון ארײנקומען דורך דער קיך, וועל איך אים דערהרגענען ווי א הונט... און איצט — אלע ארונ-טער אין קעלער!! נעמט מיט דאס עסן אהין, ווייל עס קאן נאך זיין, אז מיר זאלן דארטן זיין פארשפארט דריי טעג און דריי נעכט. איר שפילט זיך עפעס מיט פיטיוקאוון! ער וועט דאך אונז באלא-גערן באטאג און באנאכט און מען וועט זיך פון אים נישט קאנען אפטשעפען... פיעטיא, האלט אן אויג אויף דעם פענצטער, וואס איפן באלקאן! אויב ער וועט פרווון ארײנקריכן דורך יענעם פענצטער — דערלאנג אים איבערן קאפ מיט וואס ס'וועט זיך דיר נאר מאכן אונטער דער האנט!

ביז שפעט אין דער נאכט איז די גאנצע פאמיליע בעלאבא־קאטו געלעגן פארשפארט אין קעלער.

אלע זענען מיט איינגעהאלטענע אטעמס געזעסן שט־מיטאמאל האט זיך דאס קליינע מיידעלע קאטיא אויפגע־כאפט פון שלאף און קוקנדיק מיט די פארזשמורעטע איי־געלעך אויף דער שיין פונם חלבנעם ליכט, האט זי גע־זאגט:

— אוועק פונדאנען, דו טייוול!

— וואס פאר א טייוול?! — האט זיך די מאמע דערשראקן. — וואו זעסטו א טייוול?

— פון א ווינקל האט זיך ארויסגערוקט עפעס א שווארצע פיגור און גענומען רעדן זיסע ריידעלעך:

— אנטשולדיקט מיר, מאריא קאנדריאטעוונא, דאס איז נישט קיין טייוול, דאס בין איך — פיטיופאוו. גייענדיק אין גאס האב איך זיך שוין פאר איינוועגס ארייגעכאפט צו אייך מיט א ווי־זיט... צו גאסט געקומען... דורכן קוימען האב איך זיך אהער אריינגעכאפט... דאס גלעקל בא דער טיר איז, אפנים, קאליע געווארן, עס קלינגט נישט. כע־כע... נו, בין איך ארויף אויפן דאך... דעם אמת געזאגט, בין איך איצט א ביסל הונ־געריק... ס'הייסט, טאקע שטארק הונגעריק! איך וואלט א בעלן געווען כאפן א ביס... נו, א שטיקל קוילעטש יום־טובדיקן, א שטיקעלע פלייש... וואס דענקט איר עפעס וועגן דעם, טייערע מאריא קאנדריאטיעוונא, הא?...

— פארשטייט איר מיך... מיר האבן גאר נישט... נישט געקענט קריגן... זאגט מיר בעסער, זענט איר הייגט אינדערפרי געווען אין קלויסטער?

— גיט מיר עפעס עסן!!

— אפילו קיין ברעקל ברויט נישטא... זאגט־זשע מיר, זענט איר היינט אינדערפרי געווען אין קלויסטער?

— דאס איז נישט דיין עסק, באקליידט באשעפעניש, וואס

דו ביסט!... זאגסטו, הייסט עס, אז דו האסט מיר גארנישט וואס צו געבן עסן? העי, מיטקא, סטיאפּא! אלץ אהער! זוכט אין אלע ווינקעלעך! אפשר וועלן מיר דאך עפּעס געפינען אונטערצולעגנען דאס הארץ!...

פון אלע ווינקעלעך האבן זיך ארויסגערוקט „געסט". די באַלעבאטים זענען געבליבן זיצן פארשטיינערטע פון שרעק.

— האט רחמנות! — האט זיך בעלאבאקאוו געבעטן.

— אז מיר וועלן רחמנות האבן אויף אייך, וועלן מיר דאך אליין פּגרן פאר הונגער. זוכט, חברה, אין אלע ווינקעלעך! וואס איז דאס? א קוילעטש? און אט איז דאך א געבראטן היגדל אויך! העי, האלט שטארק דעם באלעבאס — ער בייסט מיר דעם פוס. בינדט אים! און מיר, די געסט, וועלן שטילן דעם הונגער און דערנאך וועלן מיר דער באלעבאסטע זאגן „גוט יום טוב!"...

— דערווערגן זאלט איר זיך מיטן ביסן!

— ווארט אליין דערווארגן לכבוד יום-טוב! העי, חברה, אין דער ערד איז גארנישט באהאלטן? א שאד! ווען מיר וואלטן נאר געהאט צייט, וואלטן מיר געזוכט אין דער ערד אויך... מיר האבן אבער קיין צייט נישט. מיר דארפן נאך גיין צו די מיאסאיעדאווס אויך. מען דארף זיי אויך זאגן א „גוט יום-טוב!" זיי וועלן זיך נאך באליידיקן אויב מיר וועלן צו זיי נישט קומען צו גאסט... און אויב זיי וועלן אונז נישט וועלן אריינלאזן, וועלן מיר זיי ווארפן א גראנאט...

— וועט איר דאך דערפאר זיצן! — האט דער באלעבאס ארויסגעברומט.

— ניין, א דאנק, מיר האבן קיין צייט נישט צו זיצן. מיר מוזן לויפן ווייטער.

— איך מיין, אז איר וועט דערפאר זיצן — אין טור־מע.

— איז אויך נישט געפערלעך! מיר וועלן נאך דארטן אלע זיצן, און דערווייל — זייט מיר געזונט און גליקלעך. א דאנק, וואס

איר האט אונז אזוי פיין אויפגענומען, כלבים, װאס איר זענט!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אט אזוי פראװעט מען איצטער דעם גרויסן יום־טוב פסח אין דעם פרייסטן לאנד אין דער װעלט — אין רוסלאנד.

## אויג אויף אויג מיטן טויט.

ווי גרויס עס איז דער אונטערשיד אין דער פסיכאלאגיע פון דעם רוסישן מענטש און דעם פראנצויזישן!

די פראנצויזישע רעוואלוציע האט אונז איבערגעלאזט אט אזא מערקווירדיקן פאקט:

די גוטע רעוואלוציאנער געשטימטע פאריזער איינוואוינער האבן איינמאל אין מיטן גאס געכאפט דעם גלח מארי. עס פארשטייט זיך, אז באלד האט מען געפונען א שטריק און מען האט דעם גלח געוואלט אויפהענגען אויף א לאמטער.

— גוטע בירגער, וואס ווילט איר טון? — האט דער גלח מארי געפרעגט מיט א פארשטענדלעכער נייגיריקייט.

— מיר ווילן דיך אויפהענגען אויף דער לאמטער, — האט מען אים געענטפערט.

— און איר מיינט, אז ווען איר וועט מיך אויפהענגען אויף דער לאמטער, וועט אייך דען ווערן ליכטיקער? — האט סארקאסטיש געפרעגט דער שארפזיניקער גלח.

דער המון, וואס האט דעם גלח ארומגערינגלט פון אלע זייטן, איז באשטאנען פון אמתע, ריינבלוטיקע פראנצויזן און נאך פאריזער דערצו. האט דעם גלחס שארפזיניקער ענטפער בא זיי ארויסגערופן אזוי פיל באגייסטערונג, אז זיי האבן גלייך אויפן ארט באשלאסן, אז זיי זאלן אים שענקען דאס לעבן.

דאס איז אן עפיזאד פון דער פראנצויזישער רעוואָ-לוציע.

און איצט וועל איך דערציילן אן עפיזאד פון דער רוסישער רעוואָלוציע*).

* * *

אין דער כארקאווער „טשערעזוויטשאיקע", וואו דער „חבר" סאיענקא האט געהערשט מיט אן אייזערנער האנט, איז נישט אוועק קיין איין טאג, אז מען זאָל נישט שיסן עטלעכע מענטשן.

אפגעגעבן דערמיט האט זיך נישט קיין אנדערער, ווי דער „חבר" סאיענקא אליין...

אפגעהוליעט און אפגעשיכורט א גאנצן טאג, איז ער אין אוונט געקומען אין דער געביידע, וואו די ארעסטירטע זענען גע-זעסן פארשפארט, אין דער האנט האט ער געהאלטן א פאפיר, און אוועקשטעלנדיק זיך אינמיטן, האט ער אויסגערופן די נעמען פון די מענטשן, וואס ער האט באשטימט פאר היינט צו שיסן.

און אלע, וועמענס נעמען ער האט אויסגערופן, האבן זיך אונטערטעניק און געהארכזאם מיט א זיפץ אויפגעהויבן פון די קעסטלעך, וואס מען האט גענוצט אלס בעטלעך צום שלאפן, און האבן זיך שטיל אוועקגעשטעלט אין א זייט.

עס פארשטייט זיך, אז קיינער האט גארנישט געפרווט בעטן, מען זאָל אים שענקען דאס לעבן, ווייל יעדער איינער האט גע-וואוסט, אז מען קען גיכער רירן א שטיין, וואס איז איינגעמויערט אין א וואנט, איידער דאס הארץ פון דעם „חבר" סאיענקא.

טרעפט זיך גראד איינמאל אזא געשיכטע:

סאיענקא קומט אריין צו די ארעסטירטע, שטעלט זיך אוועק

---

*) דעמדאזיקן פאקט האט מיר דערציילט א כארקאווער איינ-וואוינער, אויף וועמען מען קען זיך פארלאזן. — א. אווערטשענקא.

אינמיטן, ווי זיין שטייגער איז געווען אלעמאל, מיט דעם בויגן פאפיר און הייבט אן אויסרופן די נעמען פון זיינע קרבנות:

— אקימענקא!

— :: .

— שטעל זיך אוועק אין א זייט.

— וואסיוקאוו!

— דא.

— שטעל זיך אוועק אין א זייט.

— אבער דערלויבט מיר אייך צו זאגן, אז... — האט וואסיוקאוו געפרווווט עפעס זאגן.

— נישט געטענהט! — איז סאיענקא געווארן בייז. — איך האב קיין צייט נישט מיט דיר זיך אויסצוטענהן. איך הייס דיך, זיך אוועקשטעלן אין א זייט, איז — נישט גערעדט און זיך אוועקגעשטעלט.

און באלד האט ער שוין אויסגערופן אן אנדערן נאמען:

— קארמאוואי!

— דא.

— מאלטשאנאוו!

— דא.

— ניקאלסקי!

קיינער ענטפערט נישט.

— ניקאלסקי!!!

קיינער ענטפערט אלץ נישט.

אלע זענען געבליבן שטיל; סיי די, וואס מען האט אוועקגעשטעלט בא דער זייט און סיי די, וואס זענען געבליבן זיצן אויף די קעסטלעך. אפילו סאיענקא אליין איז געבליבן שטיין שטיל און נישט געוואוסט, וואס ער זאל דא זאגן.

און ניקאלסקי אליין איז דאן געזעסן אקעגן סאיענקאן, און — ווי נישט אים מיינט מען דאס — האט ער פארלייגט א פוס איבער א פוס און רויק געדרייט צווישן די פינגער א ציגאר טיטון.

— ניקאלסקי!!!

און פונקט אין דעם מאמענט האבן זיך בא סאיענקאן די

אויגן אנגעגאסן מיט בלוט און ער האט זיי שארף און גיפטיק אנ-געשטעלט אויף ניקאלסקין.

ניקאלסקי האט זיך אבער נישט דערשראקן. פאמעלעך, נישט געאיילט, האט ער מיט דער נאסער צונג געגעבן א פיר איבערן עק פונעם פאפיראס-פאפיר, אפגעריסן א שמאל פאסיקל, אויסגעשפיגן, ווייל א שטיקל טיטון איז אים גראד ארויף אויף דער צונג, און ערשט נאכדעם האט ער פויל, צעצויגן און אן חשק, געענטפערט אזוי:

— וואס טוט זיך מיט אייך, חבר סאיענקא, איין מענטש ווילט איר גאר צוויי מאל שיסן? דאס גייט נישט.

— איך פארשטיי נישט!

— וואס פארשטייט איר דא נישט? ניקאלסקין האט איר דאך נאך נעכטן געשאסן!

— טאקע?

ווידער זענען אלע געבליבן שטיל; סיי די, וואס מען האט אויסגעשטעלט אין א זייט און סיי די, וואס זענען געבליבן זיצן אויף די קעסטלעך.

— צום טייוול מיט אייך! — האט סאיענקא א מרוקע געטון בייז און גלייך אויסגעמעקט פון דער ליסטע ניקאלסקיס נאמען. — איך ווער דא מיט אייך אזוי פארפלאנטערט, אז איך קאן קיין טאלק נישט דערגיין...

— אט אזוי רעדט, — האט ניקאלסקי געזאגט מיט א לייכטן שמייכל, ווינקנדיק צו די אנדערע ארעסטירטע. — מען דארף זיין אויפמערקזאמער, חבר סאיענקא... מען דארף אלץ גוט אין זינען האבן...

— קיין ווארט נישט מער! איז סאיענקא געווארן אין כעס אויף ניקאלסקין, און באלד האט ער שוין אויסגערופן אן אנדערן נאמען:

— פאסטוכאוו!

— דא. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיט צוויי טעג שפעטער האט מען די באלשעוויקעס ארויס-

געטריבן פון כארקאוו און דאן איז ניקאלסקי באפרייט געווארן פון דער טורמע.

*      *

*

איך ווייס נישט אייער געשמאק...

עס קען זיין, אז אייך געפעלט בעסער דער פראנצויזישער גלח מארי. מיר אבער געפעלט בעסער אונזער רוסישער ניקאל־סקי.

דעם פראנצויזישן גלח האט אפשר געקלאפט א צאן אן א צאן, ווען ער האט ארויסגערעדט די שארפזיניקע פראזע. ניקאל־סקין אבער האט נישט געקלאפט א צאן אן א צאן, ווען ער האט סאיענקאן געקוקט גלייך אין די אויגן און געזאגט דאס, וואס ער האט געזאגט אזוי פויל און צעצויגן.

איך בין אין דעם זיכער. ווארים ווען ער וואלט ארויסגע־געוויזן אומרויקייט אויף א האר, וואלט ער שוין לאנג געווען אויף דער „אמתער" וועלט...

# פיאדאר שאליאפין.

מען האט בא איינעם געפרעגט:
— וואס איז אזוינס א כאמעליאן?
האט יענער קיין סך נישט געטראכט און געענטפערט:
— א כאמעליאן? דאס איז א כאם, וואס וויל האבן א מיל-יאן.

דער טייטש איז אפילו נישט קיין ריכטיקער.
אבער, אין אלגעמיין גענומען, שטימט עס.

*

די אדעסער צייטונגען האבן געמעלדעט:
„ווען פיאדאר שאליאפין האט אין מארינסקען טעאטער גע-זונגען די ראלע פון גערמאנען אין דער אפערע „יעווגעני אניעגין", האט ער אינמיטן דערינען געגעבן א רייס ארונטער פון זיך די אפיצערסקע עפאלעטן און זיי א שליידער געטון צום ארקעסטער — אלס אן אויסדרוק פון פראטעסט קיגן דעם, וואס די ווייסע ארמיי מארשירט אויף פעטערבורג".

*

און אט די קליינע פאסירינג האט מיך געצוואונגען זיך צו פארטראכטן.

— ווייל, ווי האט אמאל געזאגט שעקספיר, „אין אט דעם וואגזין איז פאראן עטוואס מעטאדישעס״.

עס איז נישט קיין נייעס, אז שאליאפין זאל אפטון אזא זאך, פון וואס אלע זאלן רעדן. אבער אלע מאל האט מען דאס דערקלערט דערמיט, וואס ער פארמאגט אין זיך א סך קינסטלערישע בערוועזיטעט; מען האט געזאגט, אז ער געפינט זיך אונטערן איינדרוק פונם מאמענט און אז אין אלגעמיין האט ער אזעלכע מינוטן, ווען די נערוון זענען בא אים צופיל אנגעשטרענגט. און געהייסן האט עס: „ער האט דאס געטון ראפטעם, אומגעריכטערהייט, ער אליין האט גאר פריער מיט עטלעכע מינוט וועגן דעם אפילו נישט געטראכט, נישט אנגעהויבן וויסן, וואס ער וועט שפעטער טון...״

אט אזוי האט מען אינם יאר 1905 אויסגעטייטשט דעם פאל, וואס שאליאפין האט אויף איינעם פון זיינע קאנצערטן אין מיטן דערינען אנגעהויבן זינגען דאס רעוואלוציאנערע ליד „דובינישקא״.

מיט דער זעלבער אויסטייטשונג האט מען, אינם יאר 1909, דערקלערט דעם פאל, ווען ער איז אין מארינסקען טעאטער געפאלן אויף די קני פארן קיסר.

און אזוי וועט מען איצט אוודאי אויסטייטשן דעם לעצטן פאל, ווען ער האט אין דעם זעלבן טעאטער ארונטערגעריסן פון זיך די אפיצערסקע עפאלעטן און זיי א שליידער געטון אויף דער ערד.

זאג איך, אז די אויסטייטשונג איז א שלעכטע! דער פאל מיט די עפאלעטן פירט ארויף אויף א חשד און עס פאלט איין אזא געדנק: אפשר זענען גאר די אלע דריי פאלן געווען גוט אויסגערעכנטע און פינקטלעך אויסגעפלאנעוועטע?... אפשר זענען גאר די אלע דריי פאלן געווען דאס, וואס מען קען אנרופן „פלוצימדיקע אויפברויזונגן, וואס ווערן צוגעגרייט מיט וואכן פאראויס?״...

אזוי איז מיין השערה.

א סך פון אייך ווייסן אוודאי דעם פאקט, אז ווען אן אפיציר

פון דער ארמיי פארזינדיקט זיך און מען באשטראפט אים דערמיט וואס מען רייסט אים ארונטער די עפּאלעטן און מען צעברעכט זיין שווערד, גרייט מען אלעס צו פריער, כדי דער עפעקט זאל ארויסקומען שטארק. מען נעמט די עפּאלעטן און מען שניידט זיי אונטער א ביסל, כדי זיי זאלן זיך לייכט ארונטעררייסן, און די שווערד זעגט מען איין א ביסל אינמיטן, כדי זי זאל זיך לייכטער צעברעכן...

אזוי פאסט דאס בעסער צום רומל. עס דארף געטון ווערן שנעל און מיט א קנאק...

מען גרייט אלץ צו פאראויס, כדי עס זאל נישט ארויסקומען קיין חוזק. ווארים שטעלט אייך פאר: וואס פאר א פנים וואלט דאס געהאט, ווען מען הייבט אן רייסן די עפּאלעטן און מען קען זיי נישט אפּרייסן? מען קאן דאך נישט געמען א מענטש און אים שלעפּן און שלעפּן, דרייען און דרייען, און ער, דער מענטש, זאל זיך אין פארלויף פון עטלעכע מינוט נישט קאנען אפּטשעפּען פון די עפּאלעטן... דאס זעלבע איז אויך מיט דער שווערד. א שיין פנים וואלט דאס געהאט, ווען א מענטש וואלט גענומען די שווערד און, שוויצנדיק ווי א ביבער, ווערנדיק רויט ווי א בוראק, זאל ער זי בייגן און בייגן אויף דער קני און זי זאל זיך אלץ נישט צעברעכן, און דערנאך זאל ער זיך ווענדן צום פובליקום מיט א בקשה, אז מען זאל אים ארויסהעלפן אין דעם!...

שאלאפּין איז אן אויסגעצייכנטער אקטיאר; ער רעכנט אויס אלע עפעקטן, אלע טעאטראלישע כללים און ער ווייסט אויסגע־צייכנט, וואס ס'פאסט זיך פאר דער בינע און וואס נישט. אלס א געניטער אקטיאר ווייסט שאלאפּין גאנץ גוט, אז ווען דער שניידער פונם טעאטער נייט אויף א מונדיר, האט ער אין זינען, אז מען דארף דעם מונדיר נוצן אויף דער בינע א סך יארן, און דעריבער דארף דארטן אלץ זיין שטארק צוגענייט; דער שניידער ווידער ווייסט גאנץ גוט, אז דעם פירשט גערמאן פון דער אפּערע „יעווי־געני אניעגין" וועט מען קיינמאל נישט באשטראפן, ווייל ער וועט זיך קיינמאל נישט פארזינדיקן, און דעריבער זשאלעוועט ער נישט

נאך א שטאך און נייט צו די עפּאָלעטן אזוי שטאַרק, אז עס זאָל נישט זיין גרינג זיי אַרונטערצורייסן.

און דערפאר זאג איך טאקע, אז דאס אַרונטעררייסן די עפּאָלעטן אינמיטן שפּילן איז ביי שאַליאַפּינען נישט געווען קיין עקספּראָמט און זיכער נישט קיין רעזולטאט פון א פּלוצלינגדיקער אויסערגעוויינלעכער איבערלעבונג...

שאַליאַפּין וואָלט קיינמאָל נישט איינגעגאַנגען אויף אזא נאַרישקייט צו טון אויף דער בינע אזא זאך, וואס האט נישט אין זיך דעם קאָנקרעטן טעאַטראַלן עפעקט: ער וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזט, אז ער זאָל דאַרפן שוויצן ווי א ביבער באם אַרונטעררייסן די עפּאָלעטן פונם מונדיר.

געוויס נישט! מוז מען דעריבער זאָגן, אז שעקספּיר איז געווען גערעכט; אז „אין דעם וואַנזין איז פאַרהאַן עטוואס מעטאָדישעס".

און אט ווי אזוי די מעטאָדע איז פאָרגעקומען:

— גאַווריליאַ! — האט דער באַרימטער באַס א זאג געטון צו זיין שניידער א טאג פאַר דער פאָרשטעלונג. — גאַווריליאַ! מאַך לויז די עפּאָלעטן פון דעם מונדיר, וואס איך טראָג, ווען איך שפּיל גערמאַן.

צו וואס, פיאָדאָר איוואַניטש?

— נישט דיין עסק! דא, גוטער ברודער, האַנדלט זיך וועגן אזא הויכער פּאָליטיק, וואס דו קאָנסט נישט פאַרשטיין! טו, וואס איך הייס דיר און זע, אז די עפּאָלעטן זאָלן זיך האַלטן קוים-קוים...

*

און וואס שייך די אַנדערע צוויי פאַלן — דאס זינגען די רעוואָלוציאָנערע ליד „דובינושקא" און דאס פאַלן אויף די קני פאַרן צאַר — זענען זיי אויך א ביסל פאַרדעכטיק, און איך האב זייער מורא, אז זיי זענען אויך נישט געווען קיין אומדערוואַרטעטער אויסברוך.

אפשר איז דאס גאר געווען אזוי:

אינם יאר 1905. דער זשאנדארמסקער פּאָלקאָווניק זיצט בא זיך אין קאַבינעט.

א קוריער קומט אריין און מעלדעט:

— דער הער שאַליאַפּין וויל אייך זען!

— בעט אים אריין!... א, וואס מאכט איר עפּעס, פיאדאר איוואנאוויטש! און וועלכן גליקלעכן צופאל דארף איך זיין דאנק־באר פאר דעם פארגעניגן אייך צו זען, פיאדאר איוואנאוויטש?...

— אט, גלאט אזוי... כ'בין אריינגעקומען א ביסל פּלוי־דערן מיט אייך, — ענטפערט דער בארימטער זינגער מיט א גע־שמאקער באסאווער שטימע. — און וואס מאכט איר עפּעס הער פּאָלקאָווניק? איר זענט נאך אלץ פארנומען מיט דער רעוואלוציע? איר יאגט זיך נאך אלץ נאך קראמאלניקעס? כע־כע־כע!

— יא, כע־כע־כע. מען מוז. אונזער ארבעט.

— נו, אַז ארבעט איז דאס א שווערע. די יונגווארג היינ־טיקע צייטן איז א היציקע.

— א, זייער א היציקע.

— זיי זינגען אלץ „דובינושקא", הא?

— יא, גאנץ אפט זינגען זיי דאס.

און מיט וואס באשטראפט איר פאר „דובינושקא"? איר זעצט אריין אין טורמע דערפאר?

— ניין, חלילה! „דובינושקא" איז א ליד נישט קיין גע־פערלעכס... א שטראף גיט מען דערפאר נישט קיין שטרענגע... אדער גאר קיין שטראף נישט...

— טאקע? נו, אלזא איך גיי. איך וויל אייך נישט שטערן, הער פּאָלקאָווניק.

און אין יענעם טאג האט שאַליאַפּין מוטיק, שטורמדיק, אייג־דרוקספול און מיט רעוואלוציאנערער באגייסטערונג געזונגען דאס ליד „דובינושקא".

און דער עולם האט דאס אויסגעטייטשט אזוי: גאר אנדערע צייטן זענען אנגעקומען. עס איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז אפילו א שטיין קאן נישט שווייגן.

*

און אינם יאר 1909 האט שאליאפּין איינמאל אריינגערופן צו זיך זיין שניידער, אוודאי דעם זעלבן גאוורילא, און געזאגט צו אים אזוי:

— הער זיך איין, גאוורילא, מארגן זאלסטו נעמען די הויזן, וואס איך טראג אין דער ראלע בא דער פארשטעלונג און זאלסט בא די קני אינעווייניק אריינביידן ווייכע קישעלעך פון וואטן!

— דאס וועט דאך אבער נישט זיין שיין, פיאדאר איוואַ-נאוויטש...

— נישט גערעדט. פּאליטיק, גוטער ברודער, איז אן עניין א הויכער, און דו ביסט אן אייזל און א פארדריפּעטער אקס... טו, וואס איך הייס דיר!...

*

אזוי איז מיין מיינונג.

און ס'קאן זייער זיין, אז ווען גענעראל יודעניטש וואלט אריין קיין פּעטערבורג, וואלט דער ערשטער אים געלאפן אקייגן שאליאפּין און וואלט לכבוד אים געזונגען מיט זיין באסאווער שטים מיראן יאקאבסאנס הימן „די פאן פון דריי קאלירן”.

— א רוסישע נשמה קאן מען נישט שאצן! — וואלטן מענטשן אנגעקוואלן פון דעם בארימטן זינגער. — בא יעדער געלעגנהייט קומט בא אים פאר א פלוצלינגדיקער אויסברוך פון געפילן!

דאס וואלט אבער ווידער געווען א פאלשע אויסטייטשונג. ווארים אין דעם זעלבן טאג, ווען גאוורילא האט לויז געמאכט די עפּאלעטן פונם מונדיר, האט שאליאפּין שוין אוודאי געהאט ארויס-געשיקט א מענטש איבער דער גרענעץ צו קריגן א פרישן עקזעמ-פּליאר פון דעם הימן „די פאן פון דריי קאלירן”.

*

אך, ברייט, אומענדלעך ברייט און פילפארביק איז די רוּ-סישע נשמה!

— א סך, זייער א סך, קאן זי אין זיך אריינגעמען, די רו־פישע נשמה...

און דאס דערמאנט מיך גאגאלס באריםטע „פליושקינס הויפן".

איר געדענקט דאס? „וואס ס'געפינט זיך אין דעם הויפן — דאס איז געווען שווער צו טרעפן, ווייל אויבן איז געווען אזוי פיל שטויב, אז ווער עס האט זיך נאר צוגערירט, זענען בא אים די הענט געווארן שמוציק. אבער קלארער פון אלץ האט פון דעם הויפן ארויסגעשטעקט אן אפגעבראכן שטיק פון א הילצערנער לאפעטע און אן אלטע זויל פון א צעריסענעם שטיוול"...

אזוי איז דא אויך: אלץ איז צונויפגעווארפן אין איין הויפן; א טאבאק־פושקעלע מיט א קרוין — א מתנה פונם קיסר, א רויט טיכעלע, א צייגניש פאר א טיטול „א סאליסט פון זיין קייזערלע־כער מאיעסטעט", נאטן פונם „אינטערנאציאנאל" — און צווישן די אלע זאכן זעט מען, ווי עס שטארט ארויס א שטיקעלע פון יא־קאבסאנס „די פאן פון דריי קאלירן".

א היפשער הויפן — נישטא קיין דאגע!

## נאך אן אנגעווייטיקטע פראגע.

אנגעטון אין צעריסענע קליידער און באדעקט מיט לאטעס, פונקט ווי אן אויסלענדישער בריוו מיט מארקעס און שטעמפלען, איז א ייִנגערמאן אריינגעקומען אין דער רעדאקציע פון א מאסקווער צייטונג.

— דערלויבט מיר זיך פארצושטעלן פאר אייך, — האט ער שטאלץ געזאגט. — ווי איר זעט, בין איך א שטומער און א טויבער. קען איך מיט אייך רעדן וועגן א וויכטיקן ענין?

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, — האט דער רעדאקטאר געענטפערט אין גרויס פארלעגנהייט. — איך וואלט מיט אייך גערן גערעדט, אבער לײדער פארשטיי איך נישט קיין שטום־לשון, און אויף די פינגער קען איך נישט רעדן.

— און איר מיינט אז איך קען? — האט דער שטומער געזאגט מיט א זיפץ. — נישטא בא וועמען זיך אויסצולערנען; מיר לעבן דאך ווי אין וואלד. אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, דאס, וואס איך רעד איצט צו אייך, פארשטייט איר?

— יעדעס ווארט. וועדליג א שטומער, רעדט איר אויסגעצייכנט.

— און וועדליג א רעדאקטאר, רעדט איר זייער קלאר, — האט דער שטומער געזאגט. — אלזא, הערט, וואס איך האב אייך

צו זאגן: פריער בין איך געווען א בלינדער, אבער דערנאך האב איך חרטה געהאט...

— דאס באווייזט, אז איר זייט א מענטש מיט א פעסטן כא־ראקטער און ווען איר באשליסט אויפצוגעבן א געוואוינהייט, גע־לינגט עס אייך.

— יא, איך בין א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער, און אויב איר ווילט, קען איך אייך ווייזן, אז וואס מער איר וועט רעדן מיט מיר, אלץ מער איבערראשט וועט איר ווערן... אבער פריער פון אלץ מוז איך אייך זאגן, אז איך האב באשלאסן — מער נישט צו זיין קיין קבצן און איינגאנצן אויפגעבן די בעטלעריי!

— טאקע? דאס איז זייער א געוואגטער באשלוס. ווען אזא זאך דארף מען זיך גוט מישב זיין איידער מען טוט זי. אט האב איך געקענט איינעם, זייער אן אנגעזעעענעם גנב; מערסטנטיילס פלעגט ער באגנבענען פאסאזשירן אויפן באן. נו, האט ער איינ־מאל באשלאסן זיך צו נעמען פאר אן אנדערער פראפעסיע, האט ער זיך אזוי לאנג געדרייט, ביז ער האט געעפנט א קאנטאר אויס־צובייטן געלט...

— אויך אן איינפאל!... אויסגעביטן א הונט אויף אן אינ־דיק. איך אבער דענק אנדערש. איך מוז איינמאל פאר אלע מאל ווערן אויס בעטלער, ווייל איך בין געקומען צום באשלוס, אז די ערגסטע פרנסה היינטיקע צייטן איז בעטלעריי... מען ארבעט שווער און מען האט גארנישט...

— דאס איז נישט גוט! אבער פארוואס זאל דאס זיין אזוי? געשיקט זיך, אז מען גלייבט מער נישט, אז איר זענט א שטו־מער?

— צי מען גלייבט יא, צי מען גלייבט נישט — אז איך וויל גאר איינגאנצן נישט רעדן מיט זיי וועגן דעם! אט, זאגט איר אליין: האט איר די לעצטע צייט געגעבן אן ארימאן א נדבה?

— אוודאי געגעבן... איך בין בטבע זייער א גוטער מענטש, און ווען א שלעפער שטייט צו צו מיר ווי א קלעשטש און טרעט גישט אפ, ווי א רוצח מיט א מעסער איבערן האלז, קלער איך

מיר: „גיי דיר מיטן קאפ אין דער ערד אריין!" און איך נעם ארויס א פאפירל און פארשטאפ אים דעם פיסק, אבי ער זאל זיך אפטשעפען פון מיר.

— דאס איז זייער פיין פון אייך! אבער זאגט מיר פארט, וויפיל גיט איר היינטיקע צייטן דעם שלעפער?

— כ'ווייס, ווי אמאל... דריי מיליאן. און אמאל טאקע גאנצע פינף מיליאן.

דער שטומער האט א קנאק געטון מיט די פינגער און אויסגעשריגן מיט נצחון:

— א! דא ליגט דער הונט באגראבן! און וויפיל האט איר געגעבן פאר דער רעוואלוציע?

— כ'ווייס... פינף קאפיקעס. און אמאל — צען.

— צען קאפיקעס?! נו, איצט בארעכנט אליין: א מיליאן רובל היינטיקע צייטן איז נישט מער, ווי א טויזנטל פון א קאפיקע אמאל. הייסט עס, אז כדי איר זאלט מיך נישט קריוודען און גאר נישט צונעמען פון מיר, דארפט איר מיר איצט געבן נישט ווייניקער, ווי פינף מיליארד! איר הערט, פינף מיליארד! היינט, א? איר גיט מיר נישט מער, ווי פינף מיליאן, הייסט עס, אז מיר פארדינען איצט פינף טויזנט מאל ווייניקער, ווי פריער. און דאס איז אן עוולה, א גרויסע עוולה! אויב די פרייזן פון ברויט, פלייש, צוקער, שיך און אנדערע ארטיקלען זענען געווארן צען מיליארד מאל העכער, טא פארוואס זשע קריגן מיר בלויז הונדערט מיליאן מאל מער, ווי פריער? דאס הייסט דאך, אז מיר פארלירן! און דאס איז אן עוולה! אזא געמיינהייט טאר מען נישט דערלאזן! פארגעסט נישט, מיר זענען נישט אבי-ווער. מיר זענען בעטלער, און מען טאר נישט דערלאזן, אז מיר זאלן ליידן הונגער! אמאל זענען גאר אנדערע צייטן געווען. ווען א בעטלער איז געשטארבן, האט ער אויף דער הויפט-גאס איבערגעלאזט צוויי-דריי הייזער, אדער הונדערט טויזנט רובל אין גאלד אין א פארפוילטן מאטראץ... און איצט וואס? איצט זענען מיר אויף צרות!... מען האט אונז בדיל הדל געשטעלט!

— אבער וואס קאן איך אייך העלפן ? איך בין דאך נישט מער, ווי אַ רעדאקטאר פון א צייטונג.

— און דערפאר בין איך טאקע געקומען צו אייך ! — האט דער שטומער אנגעהויבן רעדן העכער. — איך וויל, אז איר זאלט אנשרייבן אן ארטיקל וועגן דעם ! וועקט אויף דעם עולם ! און אויב דאס וועט נישט העלפן, אויב דער עולם וועט אלץ בלייבן קאלט, וועלן מיר פארלירן דאס געדולד און אנגעמען די שטרענגסטע מיט-לען !

— א, איר סטראשעט גאר ! זאגט-זשע מיר, וואס פאר א שטרענגע מיטלען קאנט איר אננעמען ?

— מיר וועלן גרינדן א פראפעסיאנעלן פאריין, א יוניאן פון בעטלער, און — זאל די וועלט וויסן ! פארגעסט נישט, אז אין רוסלאנד זענען מיר איצט די איינציקע מענטשן, וועלכע ארבעטן שווער, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שטונדן. מיר דערשטיקן נישט קיין טאלאנטן, און ווען מיר זעען, אז א מענטש האט פעי-קייטן, גיבן מיר אים די געלעגנהייט זיי ארויסצווייזן. און ווען מיר וועלן זיך ארגאניזירן, וועלן מיר איינפירן גאר אן אנדערן שטיי-גער. מער ווי אכט שעה א טאג וועלן מיר נישט ארבעטן ; ווינצי-קער ווי הונדערט געזעצלעכע ימים טובים א יאר וועלן מיר נישט האבן, אין די אכט שעה ווען מיר וועלן ארבעטן, וועלן מיר די כוחות נישט אוועקלייגן, און איר וועט אונז מוזן פארזיכערן מיט א פענסיע אויף דער עלטער און מיט די אלע אנדערע זאכן, מיט וועלכע מען פארזארגט ארגאניזירטע ארבעטער. דאן וועט איר דער-פילן אונזער מאכט ! אויף די קני וועט איר פאר מיר פאלן און זיך בעטן, אז איך זאל האבן גאט אין הארץ און נישט זיין אזוי שטרענג, און איך וועל זיך דרייען, ווי א חזיר אויף א שטריק און לאכן פון אייך ! נו, וואס וועט איר דעמאלט זאגן ?

דער בעטלער האט אויסגעקוקט שרעקלעך, ווען ער איז גע-ווארן אין כעס.

די לאטעס אויף זיינע צעריסענע קליידער האבן זיך אויפגע-שטעלט פונקט, ווי בא א חזיר די האר.

דעם רעדאקטאר האבן הענט און פיס אנגעהויבן ציטערן ;

עס האט אים געקלאפט א צאן אן א צאן, נאר אויף זיין גליק איז גראד אריינגעקומען זיין סעקרעטאר.

דערזען א נייעם מענטש, האט זיך דער בעטלער בארויקט און די לאטעס אויף זיינע צעריסענע קליידער האבן זיך צוריק אוועקגעלייגט. ער האט אויסגעשטעלט די האנד און רחמנותדיק אנגעהויבן ברעכן פיסקעס:

— פריצל, שענקט א נדבה. איך בין א בלינדער!...

— גלייבט אים נישט! — האט דער רעדאקטאר זיך צעשריגן. — א בלינדער איז ער געווען פריער. איצט איז ער גאר א שטומער...

— א, יא, איך האב גאר פארגעסן, — האט דער בעטלער זיך פארענטפערט. — אנטשולדיקט מיר... שטום בין איך געווארן ערשט מיט א קורצער צייט צוריק, און איך קען זיך נאך נישט צוגעוויינען צו דעם...

— וויפיל־זשע זאל איך אייך געבן? — האט דעם רעדאקטארס סעקרעטאר געפרעגט.

— צען מיליארד... — האט דער שטומער געענטפערט, און האלטנדיק איין האנט אויסגעשטרעקט, האט ער מיט דער אנדערער געווארנט:

— אויב איר וועט איצטער נישט געבן קיין צען מיליארד, וועט איר שפעטער מוזן געבן הונדערט מיליארד!... גיט שוין צען, אדער מיר ארגאניזירן זיך!...

## דיאבעטא.

א פרימארגן אין א קאפע-הויז אויפן ניעווסקי פּראספּעקט, וואו „מען קויפט און מען פארקויפט אלץ, וואס עס מאכט זיך נאר אונטער דער האנט”...

— שלום עליכם, גאספּאדין קאנטאראוויטש! וואס מאכט איר עפּעס? ווי פילט איר זיך אין געזונט?

— א דאנק פאר נאכפרעגן. עפּעס בין איך נישט מיט אלעמען.

— וואס-זשע מאכט איר אזוי? מיט וואס זענט איר איצט פארנומען?

— כ'וויס... מער פון אלץ, גאספּאדין גענדעלמאן, בין איך איצט פארנומען מיט דיאבעטא...

— מיט דיאבעטא?... איר האט דאס?

— אוי-אוי, האב איך דאס!

— א סך?

— וואס מיינט איר א סך? עס קאן קלעקן אויף נאך עטלעכע מענטשן...

— וואס רעדט איר!!!

— וואס-זשע, איר גלייבט נישט? אויב איר ווילט, קען איך אייך אפילו ווייזן דעם אנאליז... א ספּעציאליסט האט געמאכט אן אונטערזוכונג. איר הערט? א ספּעציאליסט!

— דאס איז גוט! — דערפרייט זיך גענדעלמאן. — אויב אזוי, װארט איר דא אויס א ווײלע, וועלן מיר באלד מאכן א געשעפט...

און נאך איידער קאנטאראוויטש האט צייט ארויסצורעדן א װארט, כאפט גענדעלמאן די פיס אויף די פלייצעס און לויפט.

* *

*

װי ער לויפט אזוי, שטעלט אים אפ שאפשאוויטש.

— שלום עליכם, גאספאדין גענדעלמאן! וואוהין לויפט איר אזוי א פארסאפעטער?

— איך האב דורכצופירן א געשעפט. איך פארקויף איצט...

— וואס פארקויפט איר? — ווערט שאפשאוויטש ביי-גיריק.

— איך פארקויף דיאבעטא...

— דיאבעטא? הם... הם... א שפאגל נייער ארטיקל... א סך דיאבעטא האט איר?

— נישט איך האב דאס, נאר אן אנדערער.

— ווער-זשע איז ער?

— א חכם א ייד! אט וועל איך אים באלד גיין זאגן, ווער עס האט עס, כדי ער זאל גלייך לויפן און עס אויסכאפן... נו, און איך דארף נישט עסן קיין ברויט מיט פוטער?...

— איר ווילט נישט זאגן, דארף מען נישט — האלט זיך שאפטשאוויטש שטאלץ. — סיי ווי סיי וועט איר אן מיר קיין דיא-בעטא נישט קאנען פארקויפן.

— טאקע? פארוואס?

— ער פרעגט נאך! ווייסט איר דען נישט, אז די גאנצע דיאבעטא, וואס מען קויפט און מען פארקויפט די לעצטע צייט גייט דורך נאר דורך מיינע הענט?

— בא ווען-זשע שטעקט איר זי אפ?

— אי, גענדעלמאן, זענט איר א נאיווער מענטש! איר דענקט, אפנים, אז איך בין א נאר און אם באלד וועל איך פליען און וועל אייך אויסזאגן וואו איך שטעק אפ אזא ארטיקל ווי דיאבעטא! נו, און איך דארף נישט עסן קיין ברויט מיט פוטער?...

— נו, גוט. וועלן מיר דאס געשעפט דורכפירן ביידע אינאיינעם.

— און וואס איז מכח וואגאנעס?

— אי, די וואגאנעס, די וואגאנעס! — גיט גענדעלמאן א זיפץ. — אט דא ליגן מיר זיי שוין! א טשיסטא נאקאזאניע איז מיט זיי!... אבער שאט! איך האב א פלאן! מיינס א גוטער באקאנטער, יאשא מעלניק רופט מען אים, איז א בריה צו קריגן וואגאנעס!

* *

*

— יאשא! שלום עליכם, יאשא, ברודער! קאנסטו אפשר קריגן פאר אונז עטלעכע וואגאנעס?

— אויף וואס?

— אויף צו פירן דיאבעטא.

— דיאבעטא?... וואס איז דאס אזוינס?

— א גוט מארגן, געלע, רעטעך טראג איך! דו ווייסט גאר נישט וואס דאס איז? דיאבעטא איז — דיאבעטא... אן ארטיקל אזא...

— אפשר איז דאס גאר פוילע ווארע?

— רעד נישט קיין נארישקייטן. אויב דו וועסט נישט גלייבן, וועט מען דיר ווייזן דעם אנאליז... א ספעציאליסט האט אים געמאכט, דו הערסט? א ספעציאליסט!

— זעט איר, אויב אן אנאליז, איז שוין גאר עפעס אנדערש... איך וועל קריגן וואגאנעס, וויפיל מען וועט דארפן!

— הייסט עס, אז אלץ איז געמאכט?...

— יא, געמאכט!... אבער זאגט מיר, זייט אזוי גוט, ווער האט עס די דיאבעטא?

— עהע, דאס איז נאך דערווייל א סוד. אבער יענער, וואס האט זי, האט מיר געזאגט, אז עס וועט קלעקן, אז מען קאן עס בא אים קריגן, וויפיל מען וויל...

— ווי טייער?

— וואס הייסט, ווי טייער? לאמיר פריער פון אייך הערן א פרייז. און דערנאך וועלן מיר רעדן.

— אבער הערט זיך איין. פאר די וואגאנעס מוזט איר געבן א מיליארד פון יעדן פוד דיאבעטא.

— וואס? א מיליארד? אפילו קיין דרייסיק קאפיקעס אויך נישט! ווייסטו דען נישט, אז דיאבעטא איז איצטער אזא טייער ארטיקל, אז מען כאפט עס פשוט פון די הענט!

— טאקע?

— ער פרעגט נאך! אט זע אומישנע: מאסעזאן, איר האט דיאבעטא?

— וואס? דיאבעטא? ניין.

— זעט איר שוין! אבער דאס איז נאך גארנישט. הערט ווי־טער: הענ, איר, יינגערמאן, ווי איר הייסט דארטן!.. איר האט דיאבעטא?

— וואס? דיאבעטא? ניין.

— זעט איר שוין! און איך פארזיכער אייך, פרעגט וועמען איר ווילט און איר וועט זען, אז קיינער פון זיי האט נישט קיין דיאבעטא.

— יא, ס'איז אפנים, א טייער ארטיקל. נו, גוט. גיט אהער טינט און פעדער און לאמיר זיך שוין צעשרייבן. מיר אלע דריי וועלן ארבעטן אויף פראצענטער. איך וועל דרייען דאס רעדל און געפינען די קונים, און דערפאר וועל איך קריגן פינפציק פראצענט, יאשא וועט געפינען די וואגאנעס, און דערפאר וועט ער קריגן צוואנציק פראצענט, און איר, גענדלמאן, וועט קריגן דרייסיק פרא־צענט דערפאר, וואס איר וועט אנווייזן, וואו און בא וועמען מען קריגט דיאבעטא. אפגעמאכט?

— אפגעמאכט! וואס וועל איך זיך דא דינגען מיט אייך א רענדל אראפ, א רענדל ארויף. דער עיקר — וואו זענען די קונים?

— וועגן קונים זאלט איר זיך גארנישט זארגן. אט רוף איך באלד אפ אויפן טעלעפאן אין „וואיענפרעדקאם" (דער קאמיטעט, וואס האט דעם אויפזיכט איבער שפייז און פראדוקטן) און דארטן וועט מען זיך אנכאפן אן דער דיאבעטא מיט הענט און מיט פיס. עס וועלן זיין גענוג קונים, און אין פארלויף פון דריי טעג וועלן מיר מאכן א סך געלט. דער עיקר — יאשא זאל נישט שלאפן און גלייך קריגן וואגאנעס.

— וואגאנעס וועלן זיין! — פארזיכערט יאשא.

* *
*

— אללא! איז דאס דער „וואיענפרעדקאם?"

— יא.

— הערט זיך נאר איין! איר אינטערעסירט זיך מיט אזא ארטיקל ווי דיאבעטא?

— וואס?

— איך פרעג... אללא! אללא! איך פרעג: מיט אזא אר־טיקל ווי דיאבעטא אינטערעסירט איר זיך?

— מיט וואס?

— מיט דיאבעטא! איר דארפט מיר נאר זאגן, צי איר ווילט האבן דיאבעטא, און איך שטעל אייך עס צו איינס און צוויי...

— איר זענט אן אידיאט! — דערהערט זיך דורכן טעלע־פאן אן ענטפער פונם „וואיענפרעדקאם".

— וואס? — בלייבט דער ייד שטיין א צעטומלטער און איבערראשטער. — העי, צענטראל! גיט מיר 62—628. וואס איז דאס פאר א שווארץ יאר! איז דאס דער „וואיענפרעדקאם?" הערט

זיך איין דורך מיר און נאר דורך מיר קענט איר קריגן דיאבעטא. איר הערט?

— און איך זאג אייך נאכאמאל, — דערהערט זיך א שטי־מע דורכן טעלעפאן — אז איר זענט אן אידיאט און איר זאלט גיין צו אלדי שווארצע יאר!...

— וו־א־א־ס???

* *

*

מיט צען מינוט שפעטער קומט שאפשאוויטש צו לויפן א פארסאפעטער צו זיינע צוויי שותפים — יאשא מעלניק און גענ־דעלמאן.

— נו, וואס?... גערעדט מיטן קונה?

— גענדעלמאן! — ווערט שאפשאוויטש מיטאמאל אין כעס. — זאגט מיר דעם אמת, ווער האט אייך געזאגט, אז ער האט דיא־בעטא?

— הערט זיך איין, — ענטפערט גענדעלמאן, — פריער וואלט איך דאס אייך נישט אויסגעזאגט, ווייל איר וואלט דאך זיכער בא מיר דאס ברויט פון מויל ארויסגענומען. נאר אזוי ווי מיר האבן זיך שוין צעשריבן, אז מיר זענען שותפים, מעג איך אייך שוין אויסזאגן דעם סוד. דער מאן, וואס האט דיאבעטא, איז קאנטא־ראוויטש!

— קענט איר מיר אפשר זאגן, וויפיל ער האט?

— כ׳ווייס... — ענטפערט גענדעלמאן, — איך דענק, אז ער מוז האבן אוודאי נישט ווייניקער, ווי א דרייסיק טויזנט פוד...

— אזוי? דרייסיק טויזנט פוד... און ווי טייער?

— הם... כ׳ווייס... אוודאי זיכער צען מיליארד רובל א פוד... נו, איר פארשטייט דאך אליין, אז אויב דער ארטיקל איז אזא זעלטענער, וואס נישט יעדער איינער האט עס, וועט מען דאך זיכער מאכן גוטע געשעפטן...

— יא, דאס פארשטיי איך. אבער זאגט מיר, איך בעט אייך

די פּרייז איז שוין מיטן צושטעלן גלייך קיין לענינגראַד, אָדער פאַרן צושטעלן דאַרף מען צאָלן באַזונדער?

— ניין, נישט באַזונדער.

— „נישט באַזונדער", — קרימט שאַפּשאַוויטש איבער די ווערטער, — אויב אַזוי, וויל איך אייך זאָגן, גאַספּאַדין געגנדעל-מאַן, אַז איר זענט נישט נאָר אַן אידיאָט, נאָר נאָך מער ווי אַן אידיאָט! איר זענט פּשוט אַ גאָרנישט, אַ לאַ יוצלח און וואָס אין דער קאָרט! ווייסט איר, וואָס פאַר אַן אַרטיקל דאָס איז, אַט די דיאַבעטאַ, וואָס אייער קאָנטאָראַוויטש האָט? דאָס איז צוקער-קראַנ-קייט!... יאָ, יאָ, געגנדעלמאַן, דיאַבעטאַ איז נישט קיין אַרטיקל, וואָס מען פאַרקויפט און מען שיקט עס אין וואַגאָנעס. דאָס איז דער נאָמען פון צוקער-קראַנקייט!... אידיאָט, וואָס איר זענט!

— שאַט, בייזערט זיך נישט אַזוי! — בלייבט געגנדעלמאַן שטיין אַ צעטומלטער, — האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַז די גאַנ-צע דיאַבעטאַ אויפן מאַרק גייט דורך נאָר דורך אייערע הענט, און אַז אייך קען מען גאָר קיין דיאַבעטאַ נישט פאַרקויפן?...

— און אַז איך האָב געזאָגט איז וואָס? — צעשרייט זיך שאַפּשאַוויטש, — אַז מען האַנדלט מיט אַזאַ ווי איר, קען מען קריגן נישט נאָר דיאַבעטאַ — מען קען דעם שלאַק אויך באַקומען! וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט הייַנטיקע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו אייער קאָפּ און צו אייערע הענט און פיס! טפו זאָלט איר ווערן!...

# ספעקולאנטן.

...באם ברעג פון טייך זענען ווי פון אונטער דער ערד ארויסגעוואקסן עטלעכע מענטשן און עס איז געווארן א רעדל.

זיי שטעלן זיך אויס אין איין שורה. שפארן צו די דלאניעס פון די הענט צו די שטערנס איבער די אויגן און קוקן אנגעשטרענגט אין דער ווייטקייט אריין.

— אוי, א פיש — שרייט איינער אויס, א באגייסטער-טער.

— ניין, דאס איז נישט קיין פיש, — ענטפערט אן אנ-דערער.

— גייט אוועק! ווי קאנט איר זאגן, אז דאס איז נישט קיין פיש, אז איך זע דאס פנים, פונקט ווי איך זע אייערס.

— ווי האט א פיש א פנים?

— וואס דען האט א פיש?

— א מארדע!

— נו, זאל זיין א מארדע. אלץ איינס. און וואס זאל מען זיך דא שפארן, אז איך זע בפירוש, ווי דער פיש שווימט אהער. אט באלד וועט ער זיין באם ברעג און עס וועט זיין געננג אויסצו-שטרעקן די האנט און אים כאפן.

— טאקע? זאגט זשע מיר, זייט אזוי גוט, פונדערווייטנס קאן מען דערקענען, וואס פאר א פיש דאס איז?

— געווים קאן מען דערקענען. דאס מוז זיין א „סאם”. זייער א גרויסער „סאם”.

— וואס רעדט איר ? זאגט זשע מיר, זייט אזוי גוט, ווי האלט איצט די פרייז אויף „סאם” ?

— איינס מיט א פערטל.

— קענט איר מיר אפשר אויך זאגן, וויפיל אן ערך ער וועגט.

— ווער, דער פיש ? אוודאי פינפצען פוד.

— אהא, פינפצען פוד ! דאס איז א סחורה.

פון הינטן דערהערט זיך א שטימע :

— איך קויף !

— וואס קויפט איר ?

— דעם גאנצן פיש. אכציק פאר א פונט. אן דעם עק און אן די ליסקעס.

— און איך גיב ניינציק מיטן עק.

פון דער זייט דערהערט זיך אן אנדערע שטימע :

— איך גיב פינף און אכטציק אן דעם עק.

— א חכם ! איך גיב ניינציק אן דעם עק.

— העי, טשאווקין, — ווערט איינער אין כעס, — וואס פאר א מיאוסע טבע האט איר, באלד עפעס העכערט איר די פרייז. אזוי האנדלט נישט קיין אנשטענדיקער געשעפטסמאן !

— רעדט נישט קיין נארישקייטן ! געשעפט איז געשעפט. . . איך וועל דעם פיש אוועקלייגן אויפן אייז און דערנאך וועל איך אים ארויסלאזן אויפן מארק און פארקויפן צו אנדערטהאלבן הונדערט א פונט.

— פאר אזא זאך קומט אייך צו געבן שמיץ. אייך אויף צו להכעיס גיב איך זעקס און אכטציק.

— מיטן עק ?

— וואס מאכט עס אויס, מיטן עק, אדער אן דעם עק. איך גיב זעקס און אכטציק און מיטן עק קאנט איר טון, וואס איר ווילט. . .

— און איך גיב אכט און ניינציק.

— אכט און ניינציק נעם איך.

— וואס נעמט איר? עס איז דען אייער פיש? פריער כאפט אים און דערנאך וועט איר זאגן וויפיל איר נעמט.

— אוודאי וועל איך אים כאפן! אויך מיר אַ מציאה צו כאפן אזא פיש! פריער פון אלץ דארף מען אוועקשטעלן אַ גוטע פרייז פאר אים, און כאפן — דאס איז שוין אַ קלייניקייט.

— אבער מיינע הערן! — האט זיך איינער פלוצלינג אנגע־רופן. — אפשר איז דאס גאר נישט קיין פיש?... אט שווימט עס צו נענטער און ווי מיר דאכט, האט עס אפילו נישט דעם אנבליק פון קיין פיש...

— ווארט, לאם איך נאר אַ קוק טון... נו, אוודאי!!! ווער איז דער טפש, וואס האט אויסגעטראכט, אז דאס איז אַ פיש, אז אין דער אמתן איז דאס גאר אַ קלאָץ! אַ הילצערנער קלאָץ...

— איך קויף! — שרייט אויס איינער.

— וואס קויפט איר?

— דעם קלאָץ. איר פארקויפט אים?

— גוט. איך פארקויף אים. אכט און אַ האלב.

— זיבן גיב איך.

— אזוי ביליק פארקויף איך נישט. וויפיל גיט איר, יונ־גערמאן?

— איך? אכט גיב איך. אבער מיט אַ תנאי, אז פארן ארי־בערפירן דעם קלאָץ דארפט איר באצאלן.

— אַ חכם! דאס איבערפירן אליין וועט אויסטראגן נישט ווייניקער ווי צוואנציק פראצענט!

— איך גיב ניין מיטן אריבערפירן!

— און איך גיב אכט אן דעם אריבערפירן.

— איר טרייבט שוין ווידער ארויף די פרייז?

— געשעפט איז געשעפט. איך וועל דעם קלאָץ דא אויפן ארט פארקויפן צו ניין און אַ האלב. ווער שטייט צו פאר אַ שותף? גיט אַ קוק, דער קלאָץ איז פון טרוקן האלץ...

— ווי אזוי קאן דאס האלץ זיין טרוקן, אז עס שווימט אין וואסער?

— עס איז טרוקן איגעווייניק. פון אויבן דארף מען עס בלויז אפרייבן מיט א שמאטע און עס איז טרוקן... אלזא, איר פארקויפט? איך קויף.

— גוט. איך פארקויף.

— צוגעשלאגן!

— העי, — צעשרייט זיך איינער. — פארוואס האט איר אים פארקויפט דעם קלאץ?

— איר זענט א נאר! איך וועל באלד געבן א דריי איבער דאס רעדל און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט פארקויפן דעם קלאץ נישט צו גייך און א האלב, נאר צו פינף.

— איר שטייט צו פאר א שותף? דערלאנגט!

— וואס דערלאנגען? אין די ציין אריין וועל איך אייך דער־לאנגען! גיט א קוק, דאכט זיך מיר, אז עס איז גאר נישט קיין קלאץ!... עס האט פיס און א קאפ... עס איז גאר א מענטש... א דערטרונקענער... חברה לצים, נעמען א דערטרונקענעם מענטש און דינגען זיך איבער אים!...

— זע!... עס איז דאך גאר טאקע א מענטש.

— און דערצו נאך איז ער גאנץ פיין אנגעטון.

— איך קויף! — שרייט אויס איינער.

— וואס קויפט איר?

— זיינע הויזן.

— פאר דרייסיק פארקויף איך זיי.

— און איך קויף די שטיוול. פינפצען גיב איך.

— און איך גיב פאר זיי פינף און צוואנציק.

— ווידער טרייבסטו ארויף די פרייז צו הויך! טשאחקין, וואס טוט זיך מיט דיר?

— און איך גיב פינף און פערציק פאר די הויזן מיט די שטיוול צוזאמען.

— אבערווארט!... דער מענטש מאכט דאך אבער מיט די הענט... חברה לצים, נעמען א לעבעדיקן מענטש און מאכן גע־שעפטן מיט די הויזן און מיט די שטיוול, וואס ער טראגט...

— שא, אט שווימט ער צו!

— דאכט זיך אבער, אז ער טרינקט זיך, מען דארף אים ארויסשלעפן.

— צו וואס? ער איז דען א פיש, אדער א קלאָץ? וואס פאר א געשעפטן קען מען דען מיט אים מאכן?

— טפשים, אפשר יא? עס קאן זיין, אז מען וועט אים ארויסשלעפן, וועט מען אים קאנען פארקויפן פוילישע מארקן, עסט־רייכישע קראנען, אדער רוסישע רובלעס... ער וועט זיין צעמישט, וועט ער צאָלן א פרייז...

— דאס איז אן איינפאל!

איינער פון דער חברה ווארפט זיך אריין אין וואסער און שניידנדיק די כוואליע מיט די הענט, שרייט ער הויך:

— העי, ייִנגערמאן, איך פארקויף אייך פוילישע מארקן, עסטרייכישע קראנען און רוסישע רובלעס פאר די ביליקסטע פרייזן. איר קויפט?

— ווארגט זיך מיט זיי! — שרייט אויס דער מענטש, וואס שווימט און האלט באם טרינקען זיך — איך האב זיי גענוג און זיי ליגן בא מיר, ווי די שטיינער, איר קויפט?

— אן אייגענער מענטש. — ווערט דער חברה־מאן אנטוישט און קערט זיך אום צוריק צום ברעג — זאל ער זיך טרינקען!... ווער דארף אים?!...

# דער נייער מיליאנער.

מאדנע !

אין פארלויף פון צוויי טעג צייט האב איך אט דעם מענטש געטראפן דריי מאל ; און איך ווייס נישט, ווער ער איז און צו וואס ער לעבט אויף דער וועלט. עס גייט מיך נישט אן ! און עס זענען פאראן מענטשן, וועמען איך האב ליב, נאך וועמען איך בענק — און דאך גייען אוועק יארן און איך זע זיי נישט.

די ערשטע באגעגעניש מיט אט דעם מענטש האב איך געהאט בא א יוּוועלער, אין א גרויסער קראם, וואו איך האב געקליבן א שפּילקע, און ער, „אט דער מענטש" (ווי אזוי ער הייסט, ווייס איך נישט עד היום), איז געשטאנען, ווי א לעקיש, הייבנדיק די פיס ארויף און אראפ, געהאלטן אין איין פארשפּיליען דאס טייערע פוטער מיט דעם סויבעלנעם קאלנער.

מען האט געזעען, אז עפּעס וויל ער און ווייסט אליין נישט וואס.

— וואס, אייגנטלעך, ווילט איר קויפן ? — האט דער געדולדיקער משרת אים געפרעגט.

— אט די א... איך מיין, עפּעס אזוינע זאכן, וואס קאסטן א סך געלט...

— וואס פאר א זאכן ? וועלכע ?

— כ'ווייס ?... אט די ווייסינקע זענען בריליאנטן ?

— יא.

— נו, אויב אזוי, וויל איך קויפן די ווייסינקע... און אויב איר האט בלויע, אדער רויטע, וואלט איך אויך געוועז א בעלן צו קויפן... און אפשר האט איר געלע אויך?

— יא, מיר האבן „טאפאזען".

— און זיי קאסטן טייער?

— ניין. „טאפאזען" קאסטן ביליקער.

— דארף איך זיי נישט. און זאגט מיר, איך בעט אייך, בריליאנטן, די טייערסטע בריליאנטן, וואס איר האט, פארקויפט מען אויפן שטיק?

— ניין, אויף דער וואג.

— נו, גיט־זשע מיר א האלב פונט בריליאנטן און פאר־פאקט זיי.

— פארשטייט איר מיך, בריליאנטן פארקויפט מען נישט אויפן פונט, נאר אויפן קאראט.

— אויפן וואס?

— אויפן קאראט. דאס איז אזא וואג.

— עט! קאראט־שמאראט... אויב אזוי וועל איך שוין בע־סער קויפן אזוי, אויפן שטיק.

— אבער וועלכעווילט איר, ארייננגעארבעטע אין עפעס א שטיקל צירונג, אדער אזוי?

— וועלכע זענען שענער?

— ארייננגעארבעטע, עס פארשטייט זיך; מען זאל זיי קע־נען טראגן. איינציקע שטיינדלעך וועלן גלאט דארפן ליגן און גארנישט.

— טא גיט מיר ארייננגעארבעטע.

— ארייננגעארבעטע אין וואס?

— אין וואס ס'נישט איז.

— אייך אפשר ווייזן א „האלז־באנד" מיט בריליאנטן?

— זאל זיין א האלז־באנד... ער קאסט טייער?

— הונדערט און צוואנציק טויזנט.

— דאס איז גישקשה. א נו, ווייזט עס.

— אט איז דאס!

— דאס איז א האלז-באנד? אבער פארוואס זעגען אלע שטיינדלעך ווייסע? איך וואלט געוואלט עפעס גרינס אויך.

— נו, אט האט איר אן אנדער האלז-באנד, מיט איזומרוד.

— דאס געפעלט מיר, אבער וואו וועל איך עס אנטון?

— אנטשולדיקט, א מאן טראגט נישט קיין האלז-באנד, דאס טראגט א פרוי. איר קאנט דאס געבן א מתנה אייער ווייב...

דער אומבאקאנטער האט א פינטל געטון מיט איין אויג:

— און אויב איך בין נישט פארהייראט?

— הם... — האט זיך דער געדולדיקער משרת געקנייטשט. — ווילט איר, הייסט עס, עפעס קויפן פאר זיך אליין?

— נו, געוויס. וואס דען האט איר געמיינט?

— טא, קויפט א רינגל.

— און וויפיל קאסט א רינגל?

— עס ווענדט זיך, וואס פאר א רינגל. קלייבט אויס, וואס איך געפעלט.

— מיר געפעלט אט דאס א, מיטן בלויען שטיינדל. וויפיל קאסט עס?

— צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט.

— אזא ביליקע שמאטע קויף איך נישט. מיר גיט א רינגל, וואס קאסט הונדערט און פינפציק טויזנט, אדער צוויי הונדערט טויזנט.

— דאן קלייבט אויס א בריליאנטן רינגעלע. איר זעט, אט דאס מיטן ווייסן שטיינדל? דאס קאסט זיבצען טויזנט מיט פינף הונדערט.

— און קיין טייערערס האט איר נישט?

— ניין. דאס איז דאס טייערסטע. אויב איר ווילט, קאנט איר קויפן דריי אזעלכע.

— דאס איז א שכל. פאקט מיר איין דריי אזעלכע. און איר דענקט, אז זיי וועלן אויסזען פיין, רייך?

— פיינער און רייכער קאן שוין נישט זיין!

— נו, גוט. און איר אנטשולדיקט מיר, וואס איך ווייס אזוי ווייניק אין אט די זאכן. דערפאר אבער ווייס איך א סך אין פאפירן.

— בירושע-פאפירן?

— ניין, איך האנדל מיט פאפיר. שרייב-פאפיר. נאט אייך געלט פאר די דריי רינגעלעך, שיקט זיי מיר צו אהיים מיט א יינ-געלע און איך וועל אים באצאלן פארן וועג. איר האב קיין חשק נישט זיך צו שלעפן מיט שמאטעס. און אפשר זאל איך זיי גאר אנטון? ווי דענקט איר, די שטיינדלעך וועלן נישט ארויס-פאלן?

— א, וואס רעדט איר!

— אז זיי וועלן ארויספאלן, וועט עס נישט טויגן. עס וועט האבן א פנים ווי אן ארויסגעזעצטע שויב... נו, זייט מיר געזונט!

* *

*

אין דעם זעלבן טאג האב איך פארנאכט דעם זעלבן חברה-מאן געטראפן אין מאגאזין, וואו מען פארקויפט מעבל.

— הערט זיך איין, — האט ער זיך געקאכט און איז געווען פייז אויף דער משרת פונם מעבל-מאגאזין, — איך פארשטיי נישט, וואס פאר א מענטש איר זענט! ווען איר וואלט געקומען צו מיר און געזאגט: „גיט מיר דאס בעסטע פאפיר, וואס ס'איז דא אין מארק". וואלט איך אייך געגעבן דאס בעסטע פאפיר און וואלט געזאגט: „אט איז דאס!" און איר זאגט מיר נישט, וואס ס'איז גוט און וואס נישט. איר ווייזט מיר גלאט אן אויף מעבל און זאגט: דאס איז געמאכט פון ראזעווע האלץ און דאס איז געמאכט לויטן סטיל פון לודוויק דעם 16-טן. אבער וועלכעס איז בעסער.

— וועלכע געפעלט אייך?

— וועלכע קאסט טייערער?

— דאס מעבל, וואס איז געמאכט פון ראזעווע האלץ, קאסט

זיבן און דרייסיק טויזנט מיט צוויי הונדערט. קיין טייערער מעבל האבן מיר נישט.

— נו, גוט, פארפאקט עס און שיקט עס צו צו מיר אהיים. און איצט זאגט מיר, וואס פאר א צימערן האט איר נאך?

— מיר האבן מעבל פאר א קאבינעט, א שלאף־צימער, א עס־צימער און א פאדערשט צימער.

— דאס אלץ? אפשר נאך?

— מיר האבן אויך מעבל פאר א בודוארן־צימער.

— דאס איז דאך אבער אלץ נישט מער ווי זעקס צימערן, און איך וואוין אין צען. וואס־זשע זאל איך אהין ארייַנשטעלן?

— וואוינט אפשר נאך עמעצער בא אייך?

— ניין, איך אליין. איינער אליין אין צען צימערן!

— הם... אויב אזוי, קויפט־זשע מעבל פאר א ביבלאטעק־צימער.

— איז, הייסט עס, זיבן! נו, און נאך?

— און איין צימער וועט איר אויסשטאטן... נו, זאגן מיר, אין רוסישן סטיל.

— איז אכט. נו, און נאך?

— דערנאך נאך א קאבינעט. אייגעם צו זיצן און ארבעטן און נאך אייגעם... גלאט אזוי א קאבינעט.

ביידע האבן לעקישעוואטע א קוק געטון איינער אויפן אנדערן און זיך פארטראכט.

— איז ניין. און וואס וועל איך ארייַנשטעלן אינם צענטן צימער?

— דאס צענטע צימער... פארדינגט עס עמעצן. צו וואס דארפט איר צען צימערן? עס וועט זיין נאך א מענטש אין הויז, וועט אייך זיין פרייליכער...

— דאס איז א שכל. אבער איך וואלט געוואלט, אז דאס צענטע צימער זאל אויך זיין אויסגעשטעלט לויט עפעס א סטיל.

— זאגט וועלכן.

— דאס ווייס איך נישט. איך וואלט אבער געוואלט, אז דער סטיל זאל זיין א פיינער... ווייסט איר גאר וואס? איך פארלאז זיך אויף אייך... קלייבט אויס, וואס איר ווילט, אבי עס זאל קאסטן טייער... אלזא, וויפיל קומט אייך? מאכט א חשבון. איך צאל געלט...

* *
*

מיט א טאג שפעטער האב איך אים געטראפן אויף אן אויס־שטעלונג פון קונסט־בילדער.

ער האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן מיר און זעענדיק, ווי איך קוק אויף א בילד, האט ער זיך געווענדט צו מיר מיט א פראגע:

— אט דאס בילד איז א גוטס?

— נישט קיין שלעכטס. — האב איך געענטפערט. עס פעלט אין דעם אבער א ביסל לופט...

— יא, — האט ער מיט מיר איינגעשטימט. — דא איז אזוי ווייניק לופט, אז מען קען דערשטיקט ווערן. און איך האב שוין געהאט באשלאסן צו קויפן אט דאס בילד. איך ווייס? איך זע, אז איר שטייט און קוקט אזוי לאנג, האב איך געמיינט, אז דאס מוז אוודאי זיין זייער א גוט בילד... דריי בילדער האב איך שוין געקויפט.

— וועלכע?

— אט יענע, וואו א סך מענטשן שטייען און קוקן! איך האב מיר געמאכט אזא כלל: א בילד, וואו עס שטייען א סך מענטשן און קוקן לאנג, מוז אוודאי זיין א גוטס.

איך האב געמאכט אן ערנסטע מינע און געפרעגט:

— וויפיל מענטשן דארפן שטיין לעבן א בילד, אז איר זאלט עס קויפן.

— נישט ווייניקער ווי א צענדליק, — האט ער געענטפערט

גאנץ ערנסט. — אויב עס שטייען דריי, פינף, אדער זעקס מענטשן — איז שוין נישט דאס.

— איר זענט א מענטש מיט א קאפ! — האב איך אים געמאכט א קאמפלימענט.

— יא, דאס ווייס איך, — די צרה איז נאר, וואס עס זענען פארהאן א סך זאכן, אויף וועלכע איך בין נישט קיין מבין. אבער באטירלעכן שכל האב איך גענוג. איר ווייסט ווי קונציק איך האב פאר זיך געקויפט אן אויטאמאביל? קיין מבין אויף אויטאמאבילן בין איך נישט... נו בין איך אריין אין דעם מאגאזין און האב זיך גלאט אזוי אנגעהויבן דרייען אהער און אהין. מיט אמאל זע איך, ווי אייגער האט פאר זיך אויסגעקליבן א גרויסע מאשין. איז פונקט דאן, ווען ער האט שוין געהאלטן באם באצאלן, בין איך צוגעגאנגען און געזאגט: „נאט אייך פינף הונדערט און לאזט די מאשין פאר מיר". יענער האט מיך אנגעקוקט פארוואונדערט, אבער די פינף הונדערטער האט ער צוגענומען און דער אויטאמאביל איז געבליבן פאר מיר...

— איר זענט, אפנים זייער רייך?

— פרעגט שוין גארנישט! איך האב אזוי פיל געלט, אז איך קען גארנישט פטור ווערן דערפון... וואס, איר גייט שוין אוועק? ווארט, וועל איך אייך אפפירן אהיים מיט מיין מאשין... וואס, איר ווילט בעסער גיין צו פוס? נו, גוט, וועלן מיר זיך א ביסל דורכגיין...

* * *

ער האט מיך אנגענומען אונטערן ארעם, ווי אן אלטן גוטן פריינד און אריינגעקוקט מיר אין די אויגן מיט דער מינע פון א מענטש, וואס איז גרייט צו הערן, וואס מען זאגט אים, האט ער מיך געפרעגט:

— ווי דענקט איר, האבן א פערד איז שיין?

— זייער שיין.

— דארף מען טאקע קויפן א פערד. ווייסט איר גאר וואס? אזוי ווי איך בין נישט קיין מבין אויף פערד, וועט איר פאר מיר קויפן א פערד מיט... מיט, ווי הייסט עס דארט, מיט א זאטל... און דערנאך וועל איך דאס פערד קויפן בא אייך... איר וועט מאכן געלט דערביי, און איך וועל זיין זיכער, אז עס איז א גוט פערד...

— ניין, דאס טו איך נישט.

— א שאד. יא, און זאגט מיר, אויף וועמען האט איר דאס אזוי א קוק געטון?

— אויף א דאמע. זי איז זייער א שיינע.

— זי איז טאקע זייער א שיינע?

— א, יא, א רייצנדע.

— הייסט עס, אז זי געפעלט אייך! טא ווייסט איר גאר וואס? זאל זי ווערן מיין געליבטע! איך וועל זי אויסהאלטן.

— פארוואס עפעס דווקא זי?

— כ'ווייס, מיך וואלט נישט געארט, אז עס זאל זיין אן אנדערע. אבער איר זאגט דאך, אז זי געפעלט אייך, הייסט עס דאך, אז זי איז א שיינע... איך אליין בין קיין מבין נישט אויף אזעלכע זאכן, נאר אזוי ווי איר זאגט, אז זי איז א רייצנדע, דארף מען זי נעמען צו זיך און זי אויסהאלטן... הא, וואס דענקט איר וועגן דעם?

— אבער, אום גאטס ווילן, — בין איך געווארן אין כעס, — אפשר איז דאס גאר אן אנשטענדיקע פרוי?

— און אז אן אנשטענדיקע פרוי איז וואס? וויפיל, דענקט איר, זאל איך איר אנבאטן?

— וואס פרעגט איר מיך? — האב איך געענטפערט אומצופרידן.

— איך וועל איר אנבאטן דריי טויזנט א מאנאט... כאפט זיי דער רוח די טויזנטער!...

ער האט אנגעיאגט די דאמע... אנגעהויבן רעדן צו איר... בא דער דאמע אויפן פנים האט מען פון דער ווייטנס געקאנט באמערקן: אין אנפאנג — כעס, דערנאך — פארוואונדערונג, שע-

מעוודיקייט, אומצוטרוי, קווענקלעניש און, צום סוף — פרייד...
זי האט איינגעשטימט.

דער בייער מיליאנער האט געפונען דאס גייטיקסטע, וואס קאן אנפילן זיין לעבן, וואס איז אזוי פוסט...

*   *

*

און דאן האב איך מיר געטראכט:

„איצט, בחורל, וועסטו זיך שוין אויסלערנען קויפן בריליאנטן מיט א טאלק, און מעבל וועסטו אויסקלייבן, ווי עס באדארף צו זיין, און נישט נאר איין פערד וועסטו האבן, נאר איין און צוואנציק פערד, און בילדער וועסטו האבן אזוינע, לעבן וועלכע עס וועלן זיך אפשטעלן קוקן נישט נאר א צענדליק מענטשן, נאר הונדערטער מענטשן; אויף אלץ וועסטו זיין א מבין, און דאן, ווען דו וועסט שוין זיין א מבין אויף אלעם, וועסטו נישט האבן נישט קיין קונסט-בילדער, נישט קיין פערד, נישט קיין בריליאנטן. פונקט ווי אין פסוק שטייט: „פון דער ערד קומסטו און אין דער ערד וועסטו גיין"...

# דער ארבעטער פאנטעלעי גרימזין.

פונקט מיט צען יאר צוריק האט דער ארבעטער פאנטעלעי גרימזין געקריגן בא זיין געמיינעם, לומפישן באלעבאס, דעם בלוט־זויגער, נישט מער, ווי צוויי רובל מיט פינפציק קאפיקעס פאר א ניין־שעהדיקן ארבעטס־טאג!

— נו, וואס קאן איך מאכן מיט אזא קליינער סומע לומפיקע גראשנס? — האט פאנטעלעי געקלערט מיט פארדראס, באטראכטנדיק די צוויי זילבערנע רובל און דאס ביסל קופער, וואס ער האט אין דער האנט געהאלטן. — די ציין אויף די באנטעס קאן מען דאך נישט פארווארפן. עסן ווילט זיך, א ביסל בראנפן גלוסט זיך, א פאר נייע פידמעטקעס צו די אלטע שטיוול דארף איך, אינדרוסן איז א בלאטע און די פיס ווערן נאס... עך, א לעבן, נאך ערגער, ווי קאטארגע!!

דערנאך איז ער אריין צו א באקאנטן שוסטער, און יענער האט בא אים צוגענומען א רובל מיט פינפציק קאפיקעס פאר א פאר פידמעטקעס.

— האסט גארנישט קיין גאט אין הארצן! — האט פאנטע־

לעי געזאגט מוסר דעם שוסטער. — טראגסט א צלם אויפן הארץ, צי ניין?

צו דער גרוסער איבערראשונג פון דעם באראבעוועטן פאנטעלעי, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער שוסטער איז א פרומער קריסט און אז ער טראגט א צלם דארט, וואו מען דארף — הינטערן העמדל, אויף דער האריקער ברוסט.

— איז מיר, הייסט עס, איינגאנצן געבליבן נישט מער, ווי איין רובל א זילבערנער, — האט פאנטעלעי א טראכט געטון, געבנדיק דערביי א טיפן זיפץ. — נישט מער, ווי איין רובל. און וואס קאן איך מאכן מיט אזוי ווייניק געלט... עך, א לעבן! נאך ערגער, ווי קאטארגע!...

פארטיק געווארן מיט דעם קלאגן זיך אויף זיין ביטערער דאליע, איז פאנטעלעי אוועק מיט דעם זילבערנעם רובל, געקויפט א האלב פונט קעלבאס, א קעסטל שפראטן, א ווייסע בולקע א פראנצויזישע, א האלב פלעשעלע בראנפן, א פלאש ביר און א צענדלינק פאפיראסן.

פון דעם גאנצן זילבערנעם רובל איז אים געבליבן נישט מער, ווי פיר קאפיקעס.

און ווען דער ארעמער פאנטעלעי האט זיך אוועקגעזעצט באם טיש עסן די ארעמע וועטשערע, איז אים אויפן הארץ געווארן אזוי שווער, אז ער האט זיך שיער נישט צעוויינט.

— פארוואס? פארוואס קומט דאס מיר אזוי? — האבן זייערע ציטערדיקע ליפן געשעפטשעט. — וואו איז די גערעכטיקייט? וואו איז יושר? די רייכע, די בלוטזויגער, טרינקען שאמפאנער, פארשידענערליי ליקערן, עסן די טייערע פליישן, די געשמאקע פרוכטן, און איך עס נעבעך א שטיקל קעלבאס און שפראטן און טרינק פראסטן בראנפן און זע נישט די ליכטיקע וועלט... א, גאט דערבארמדיקער! ווען וועט שוין קומען די צייט, ווען מיר, ארבעטער, וועלן אויסקעמפן פרייהייט!... דאן וועלן מיר אנהייבן לעבן ווי מענטשן!...

* * *

איז געקומען די צייט.

אין א שײנעם פרילינגס-טאג, אינם יאר 1920, האט דער ארבעטער פאנטעלעי גרימזין געקריגן זײנע שכירות פאר א טאג ארבעט — צוויי טויזנט מיט זיבן הונדערט רובל.

— נו, וואס קאן איך מאכן מיט אזא סומע לומפּיקע גראשנס? — האט פאנטעלעי געקלערט מיט פארדראס, באטראכטנדיק די פאר-שידנפארביקע פאפירלעך, וואס ער האט אין האנט געהאלטן. — די צײַן אויף די באנטעס קאן מען דאך נישט פארוואַרפן. עסן ווילט זיך, א ביסל בראנפן גלוסט זיך און א פאר נייע פּידמעטקעס צו די אלטע שטיוול דארף איך.

איז פאנטעלעי אריינגעקומען צום שוסטער, זיך באדינגען מיט אים פאר צוויי טויזנט מיט דריי הונדערט רובל פאר א פאר פּיד-מעטקעס און דערנאך איז ער ארויס אין דרויסן מיט די פיר פאר-יתומטע הונדערט-רובלדיקע אין דער האנט.

ער האט געקויפט א פונט האלב-שווארץ ברויט און א פלעשל קוואס, און פון די פיר הונדערט איז אים געבליבן נישט מער ווי פירצען רובל... האט ער נאך געוואלט קויפן א צענדלינק פאפי-ראסן אויך, אבער דאס האט געקאסט צו טייער, איז ער געווארן אין כעס, א שפיי געטון און איז אוועק...

אין דער היים האט ער צעשניטן דאס ברויט אויף קליינע רעפטעלעך, געעפנט דאס פלעשל קוואס, און ווען ער האט זיך אוועקגעזעצט באם טיש, איז אים געווארן אזוי שווער אויפן הארץ, אז ער האט זיך שיער נישט צעוויינט.

— פארוואס? פארוואס קומט עס מיר אזוי? — האבן זײנע ציטערדיקע ליפּן געבלישטשעט. — וואו איז די גערעכטיקייט? וואו איז דער יושר? פארוואס האבן די רייכע אלץ און מיר האבן גאר-נישט? פארוואס קומט דעם רייכן צו עסן דעם געשמאקן קעלבאס, די טייערע שפּראטן, די ווייסע בולקעס און טרינקען דעם אמתן

בראנפן, דעם שוימיקן ביר און רייכערן פאפיראסן, און איך מוז עסן דאס שווארצע שטיקל ברויט און פארטרינקען מיט א ביסל קוואס!... פארוואס קומט איינעם אלץ, און דעם אנדערן — גאר־נישט?...

* *
*

עך, פאנטעלעי, פאנטעלעי, א שיינע התונה האסטו אנגע־ארבעט!...................

צווייטע אפטיילונג

# אין גלות

## די טראגעדיע פון א רוסישן שרייבער.

גאנץ אפט פרעגט מען מיך:

— פארוואס, הער אווערטשענקא, ליגט איר אלץ אין קאנ־סטאנטינאפאל? פארוואס פארט איר בעסער נישט קיין פאריז?

— איך האב מורא, — ענטפער איך שטיל און שעמעוו־דיק.

— אט א מאדנער מענטש! מורא גאר? פארוואס האט איר אזוי מורא פאר פאריז?

— איך בין א רוסישער שרייבער, — ענטפער איך. — איך האב מורא זיך אפצורייסן פון אייגענעם ווינקל. איך האב מורא, איך זאל נאך נישט פארלירן די פארבינדונג מיט דער רוסישער שפראך.

— מאדנע! בא אייך, הייסט עס, קומט אויס, אז קאנסטאנ־טינאפאל, די טערקישע שטאט, איז אן אייגענער רוסישער ווינקל?!

— יא, אזוי קומט בא מיר אויס און אזוי איז דאס... נישטא איצט כמעט קיין אונטערשיד צווישן קאנסטאנטינאפאל און א רו־סישער שטאט. שטעלסט אפ אן אויטאמאביל, רעדט דער שאפער צו דיר רוסיש. איינער וויל דיר פארקויפן א בלום, רעדט ער צו דיר רוסיש. קומסט אריין אין א רעסטאראן, קענסטו מיטן קעלנער כאפן א שמועס וועגן דאסטאיעווסקין אויף רוסיש, און ווען די

כאפסט זיך אריין אין א קאפע-שאנטאן, הערסטו דארטן דאס רוסי-שע לידל:

״העי, מאטריאכא, בראס סוואַי זאמאשקי,
סקארעי טאנגו סא מנאי פליאשי.

פונקט אזוי ווי אין רוסלאנד!

— נו, און איר מיינט, אז אין פאריזוועט איר פארגעסן, ווי אזוי מען שרייבט רוסיש?

— געוויס. דערויף זענען פארהאן ביישפילן, — האב איך געענטפערט מיט א טרויעריקן שמייכל.

— וועלכע ביישפילן? ברענגט איינעם...

איך האב זיך לאנג נישט געלאזט בעטן און האב גלייך דערציילט א טרויעריקע געשיכטע וועגן א רוסישן שרייבער.

אט איז די געשיכטע:

אויף דער דעק פון א רוסישער שיף, וואס איז אוועק פון קרים, איז געשטאנען א רוסישער שרייבער מיט זיין ווייב. און ווען די שיף האט זיך גענומען רוקן אלץ ווייטער און ווייטער פונם ברעג, האט דער שרייבער שטיל געזאגט:

— אדיע, מיין אומגליקלעך, אויסגעמוטשעט פאטערלאנד! איך פארלאז דיך בלויז אויף א קורצער צייט. אויפן האריזאנט זעט מען שוין פונוויטנס דעם אייפל-טורעם, דעם נאטר-דאם, דעם איטאליענישן בולוואר, אבער איך זע נאך אלץ דיך, מיין פאטערלאנד, מיין אלט, גוט, ליב און טייער רוסלאנד! אין דער פרעמד וועל איך געדענקען דיינע קליינע קלויסטערלעך און די גרינע מאנאסטירן; אין דער פרעמד וועט מיר שטענדיק ליגן אין זינען די קאלטע, שיינע שטאט פעטערבורג, די גאסן, די הייזער און דער רעסטאראן „מעדוועד“ אויף דער קאניושנער גאס, וואו עס איז געווען אזוי אנגענעם צו טרינקען א גלאז ווין! אויפן גאנצן לעבן וועסטו מיר זיך ארייגשניידן אין זכרון — דו, מיין לעכעלעך, אומגעלומפערט און אומענדלעך ליב רוס-לאנד!

דאס ווייב איז געשטאנען לעבן דעם שרייבער, געהערט, וואס ער זאגט — און געוויינט.

* * *

א יאר איז אוועק.

דער רוסישער שרייבער האט זיך אין פאריז גוט איינגעארדנט; ער האט שוין געהאט א וואוינונג אויף דעם בולוואר ברענעל און א שטעלע אויף דער גאס מארבעף. א סך שאפערן פון טעקסיס האבן זיך שוין פאר אים געבייגט, ווי פאר אן אלטן באקאנטן, ער האט שוין געהאט א שטענדיק קאפע-הויז אויף דער גאס פיגאל און א שטענדיק שענקל אויף דער גאס סענט-מישעל, וואו ער האט ליב געהאט צו עסן קאראליקלעך און פארטרינקען מיט וויין.

און איינמאל, ווען ער איז געקומען פונם שענקל, וואו ער האט געגעסן קאראליקלעך און פארטרונקען מיט וויין, איז אים מיטאמאל אנגעקומען א חשק אנצושרייבן א דערציילונג פון רוסישן לעבן. האט ער קיין סך נישט געטראכט און זיך אוועקגעזעצט באם שרייבטיש.

— וואס ווילסטו טון? — האט אים דאס ווייב געפרעגט.

— איך וויל אנשרייבן א דערציילונג.

— און וואס איז די טעמע?

— פון רוסישן לעבן.

— וואס?

— פון רוסישן לעבן.

— פון רוסישן לעבן? — האט דאס ווייב גענומען רעדן צו אים אין פראנצויזיש און אים אנגעקוקט פארוואונדערט. — וואס וועסטו שרייבן פון רוסישן לעבן?

— א דאגה וואס! — האט ער געענטפערט. — איך וועל אנהייבן אזוי: „אין דרויסן האט געגאסן א שטארקער רעגן, איי

יער פון יענע שטארקע רעגנס, וואס גיסן געוויינלעך אין פעטער־בורג... א הויכער יינגערמאן האט שנעל געשפאנט איבער דער דעריבאסעוווסקער גאס, וואס איז גראד דאן געווען פוסט...״

— ווארט א מינוט! — האט אים דאס ווייב איבערגע־שלאגן. — אין פעטערבורג איז דען דא א דעריבאסעוווסקע גאס? מיר דאכט זיך, אז אזא גאס געפינט זיך גאר אין קיעוו, אדער אין אדעס...

— דער גוטער יאר ווייסט, וואו אזא גאס געפינט זיך! דו מיינסט, אז איך געדענק? מיר איז גלאט באקאנט דער נאמען פון אזא גאס... איבעריקנס, כדי נישט ארייננצופאלן, וועל איך שרייבן, אז דער הויכער יינגערמאן האט געשפאנט אויף דער נעווסקער גאס! אלזא, איצט וועט זיך די דערציילונג אנהייבן אזוי: „א הוי־כער יינגערמאן האט געשפאנט איבער דער נעווסקער גאס, זיך פארקירעוועט אויף דער קאניושנער גאס און רייבנדיק אין האנט אן דער אנדערער איז ער אריין צום „מעדוועד״. — „באנזשור מאסיע!״ — האט אים דער מעטרא־ד׳האטעל באגריסט און אים דערלאנגט זיין וויזיט-קארטל. — „עס איז איצט גוט קאלט איב־דרויסן?״ — „מעיס ווי״. — האט דער יינגערמאן געענטפערט. — „מיין ארגאניזם איז זייער א שוואכער, און ווען ס׳איז קאלט אין דרויסן, בין איך א „זאמערזאוועץ״.

— וואס טוט זיך מיט דיר?! — האט דאס ווייב אים אי־בערגעשלאגן. — אין דער רוסישער שפראך איז דען פארהאן אזא ווארט ווי „זאמערזאוועץ״?

— נו, געוויס. — האט ער זיך מיט איר געשפארט, רעדנ־דיק אין פראנצויזיש. — „מאראז״ איז אויף רוסיש א פראסט, און א מענטש, וואס פרירט ווען עס איז קאלט אין דרויסן, הייסט אויף רוסיש א „זאמערזאוועץ״. אלזא, איך שרייב ווייטער: „זייט אזוי גוט, — האט דער יינגערמאן געזאגט צום מעטרא־ד׳האטעל, — גיט מיר א גלעזעלע ראבינאווקא״.

— וואס איז דאס אזוינס „ראבינאווקא״? — האט אים דאס ווייב געפרעגט.

— דאס איז... דאכט זיך, אז דאס איז בראנפן... רוסי־שער בראנפן... וואדקא.

— און מיר דאכט זיך, אז דו האסט א טעות. אויב מיין זכרון נארט מיך נישט, איז „ראבינאווקא“ גאר א יידיש ווארט... ראבינאווקא הייסט — ראבינאוויטשעס ווייב...

— דו דענקסט אזוי? הם!... יא, יא, עס איז זייער רשווער צו שרייבן רוסיש!

דער שרייבער האט גענומען בייסן די נעגל.

און אזוי האט ער די נעגל געביסן און געביסן ביז אין דער פרי.

* *
*

נאך א יאר איז אוועק.

דער רוסישער שרייבער אין פאריז איז געווארן פעט, זיך אויסגעבייכלט און זיך געקויפט אן אויטאמאביל, ווייל די צייטונג, וואו ער האט געפירט די „רוסישע אפטיילונג“ האט אים גוט באַצאלט.

איינמאל, ווען ער איז אין אוונט געזעסן אין א רעסטאראן, וואו מען האט אים שוין גוט געקאנט, האט דער ארקעסטער גאר פלוצלינג אנגעהויבן שפילן „באזשע צאריא כראני“. דאס האט דעם רוסישן שרייבער צעווארעמט, און ער האט פאר זיך אליין שטיל א זאג געטון אין פראנצויזיש:

— א, נאטר פאוור ריוסי! הייגט מוז איך אנשרייבן א דערציילונג פון רוסישן לעבן!

און ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער זיך אוועקגע־זעצט שרייבן.

עס איז אבער פון זיין שרייבן גארנישט ארויסגעקומען. די רוסישע שפראך האט זיך בא אים געמישט מיט דער פראנצויזישער, די גראמאטיק האט געהונקען, יעדער זאץ איז געווען אזוי צעקא־

ראדאשעט, אז עס האט זיך איינפאך געגאסן בלוט פון אים, און אין אלגעמיין האט זיך נישט געקלעפּט א ווארט צו א ווארט..

* *

*

איך האב געענדיקט.

דער מענטש, וואס האט מיך געפרעגט, פארוואס איך באזעץ זיך נישט אין פאריז, איז געבליבן זיצן א פארזארגטער נאכדעם ווי ער האט מיין טרויעריקע געשיכטע אויסגעהערט.

און דא איז צו אונז צוגעקומען א מאן מיט א רויטער, טער־קישער „פעסקע" און ווענדנדיק זיך צו אונז אויף רוסיש, האט ער געבעטן א שוועבעלע צו פארריכערן א פאפיראס.

— יא, יא. — האט מיר געזאגט מיין פריינד, שאקלענדיק מיטן קאפּ. איצט פארשטיי איך, עס איז אייך שווער אוועקצופארן פון א רוסישער שטאט!...

## אין קאנסטאנטינאפאלער זאאלאגישן גארטן.

— הערט זיך איין, אווערטשענקא, — מאכט אזוי צו מיר מיין פריינד. — איר ווילט זעען דעם היגן זאאלאגישן גארטן?

— אין קאנסטאנטינאפאל איז דען דא אזעלכעס?

— יא, ס'איז דא.

— אויב אזוי, גיי איך. חיות האב איך זייער ליב.

— און איצט איז פונקט די צייט צו גיין זיי אנקוקן. מיר וועלן אנקומען פונקט דאן, ווען מען האדעוועט זיי.

זענען מיר אוועק אין א רעסטאראן. אהין האט מיך מיין פריינד געפירט, דערציילנדיק מיר א מעשה, אז ער פירט מיך אין זאאלאגישן גארטן אנקוקן חיות.

— וואס טוט זיך מיט אייך? — האב איך א פרעג געטון שטרענג. — איר מאכט חוזק פון מיר?

האט ער א שמייכל געטון אין די וואנסעס אריין און געענטפערט:

— זייט נישט בייז. איך פארזיכער אייך, אז דא איז אן אמתער זאאלאגישער גארטן. נאך מער, די אלע באשעפענישן, וואס איר זעט דא, זענען זעלטענע. בלויז דא קאנט איר זען אזעלכע, און ערגעץ אנדערש נישט.

— איך צווייפל אין דעם. — בין איך אליך נישט געווען צופרידן. — אט זאגט מיר, א שטייגער, וואס פאר אן אינטערעס

קאן מען געפינען אין יענעם רויטן בחור מיטן טונקל־גרינעם שניפּס ?

— און יענעם ? אהא! דאס איז שוין איינמאל א בחור! אויף אים קאן מען זאגן, אז ער איז דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וועמען ס'האט זיך איינגעגעבן זיך אליין אנצונעמען בא די האר און זיך אויפהייבן העכער פון דער ערד.

— און איצט איז ער נאך אלץ אויפגעהויבן ?

— ניין, איצט שוין נישט. אבער אין אלגעמיין... ווייסט איר, אז אט דער בחור האט באוויזן א קונץ און איז אפּגעווען דריי יאר צייט בא די רוסן אין געפאנגענשאפט ?

— וואס זשע פאר א קונץ איז דאס ? ער איז אוודאי א דייטש ?

— ניין. א רוסישער.

— און ער האט געדינט אין דער דייטשער ארמיי ?

— ניין, אין דער רוסישער.

— זעט איר, דאס איז ווירקלעך א וואונדער. אליין א רוסישער, און איז ארייגעפאלן צו די רוסישע אין געפאנגענשאפט. אפשר זאגט ער א ליגנט ?

— ניין. איך ווייס, אז ער זאגט נישט קיין ליגנט. און אט ווי אזוי עס איז געווען: אלס א סאלדאט אין דער רוסישער ארמיי, איז ער גראד ארייגעפאלן אין די פאדערשטע פּאזיציעס. נו, פארשטייט איר דאך אליין, אז קיין געשמאקער ביסן איז דאס נישט. מען שיסט, מען שלאגט, מען שטעכט און מען טוט אלץ אזעלכע זאכן, פון וואס ס'קומט נישט צו קיין געזונט... האט מען אים, דעם רויטן בחור, איינמאל אוועקגעשטעלט אויפן פּאסט און ער איז דארטן געשטאנען אייגער אליין אין א פינצטערער נאכט. פון די גאר גרויסע העלדן איז ער קיינמאל נישט געווען, איז אויף אים געפאלן א פחד און ער האט אוועקגעווארפן די ביקס און זיך געלאזט לויפן וואוהין די אויגן וועלן אים טראגן. מיטאמאל — טראך! — זיך אנגעשטויסן אן עפּעס. ער גיט א קוק — א דייטש, א טויטער דייטש. האט דער רויטער בחור קיין סך נישט געטראכט, אראפּגענומען די קליידער פונם טויטן דייטש און זיי אנגעטון אויף

זיך, די ביקס פונם טויטן דייטש האט ער אויך מיטגענומען און מיט פעסטע טריט זיך געלאזט גיין צוריק — גלייך צום שטאב פון אן אנדער רוסישן פולק. אונזערע האבן אים דערזען, האבן זיי אים געכאפט און געבראכט פארן קאמאנדיר. „ווער ביסטו?" — „א סלאווישער. איך וויל זיך נישט שלאגן מיט מיינע ברידער. איך האב ליב די רוסישע". „אויסגעצייכנט!" מען האט אים געגעבן עסן און טרינקען, דערנאך האט מען אים אוועקגעשיקט קיין סיביר, אין א לאגער פון קריגסגעפאנגענע. דריי יאר האט מען אים דארטן געהאלטן און ס'איז אים געווען גוט ווי די וועלט.

— הם... יא... מען מוז צוגעבן, א חיה — אן אנטיק. און איצט זאגט מיר, ווער איז דער?

— א, דער? אויך א פויגל. איר געדענקט די צייט, ווען מען איז געלאפן פון קרים? עס איז דעמאלט געווען נישט קיין גרינגע זאך צו ווייזירן א פאספארט און קריגן א פלאץ אויף א שיף. מען האט געפאדערט א רעקאמענדאציע, א גאראנטיע און נאך און נאך פארזיכערונגען: און ווייסט איר, וואס אט דער חברה־מאן האט געטון? ער האט דאס געמאכט איינפאכער: ווען די פראנצויזישע קאמיסיע איז געקומען אויף דער שיף, האט ער זיך קונציק אריינגעפלאנטערט צווישן זיי, און אזוי ווי ס'איז דעמאלט געווען א גאנץ היפשער טומל, האט ער זיך אזוי געדרייט, אז ער האט אין דער קאמיסיע אנגעהויבן שפילן די ראלע פון אן איבערזעצער... „ווער זענט איר?" — האט אים איינער פון דער קאמיסיע א פרעג געטון. — „וואס הייסט, — ענטפערט ער, — איך בין דאך געקומען מיט אייך צוזאמען". — „אבער פארט, ווער זענט איר?" — „גאט איז מיט אייך! — איך בין א גרויסער פאבריקאנט. איך האב דא א קרוב, אן אינזשיניער, זייער א פיינער מענטש, זייער א סימפאטישער מענטש, וויל איך אים פארזארגן. דא האט איר זיין פאספארט. לייגט אוועק דעם שטעמפל. איך גאראנטיר פאר אים". ער האט אונטערגערוקט זיין אייגענעם פאספארט און די פראנצויזן האבן געלייגט דעם שטעמפל... א קלייניקייט עפעס, אזא אנגעזעענער מענטש גאראנטירט!

— יא... — האב איך א זאג געטון פארטראכט. — דאס

הייסט האבן א גוטע מיינונג וועגן זיך אליין... זיך אליין געליבט ביזן זיבעטן הימל, אליין פאר זיך גאראנטירט און אליין זיך אוועקגעשיקט... אייער זאאלאגישער גארטן הייבט מיך אן אינטערעסירן זייער שטארק! זאגט זשע מיר, אלזא, ווער איז יענער חברה־מאן מיט די שווארצע האר?

— וועגן אים קען מען זאגן צוויי ווערטער. נישט מער ווי צוויי ווערטער. איך וועל זיי אבער נישט זאגן, נאר אנשטאט דעם וועל איך אייך ווייזן זיין וויזיט־קארטל.

אן איבעריקע צערעמאניעס איז מיין פריינד צוגעגאנגען צו דעם ייִנגנמאן מיט די שווארצע האר און געבעטן בא אים זיין וויזיט־קארטל, און דערנאך איז ער מיט א שמייכל צוגעקומען צו מיר צוריק.

— גיט א קוק און זעט. דא האט איר א כאראקטעריסטיק פון א מענטש אין צוויי ווערטער: „כריסטאפאר כריסטאלידיס", — אזוי הייסט ער. און זיין באשעפטיקונג — „פארגעניגנס־מעקלער".

בא מיר האט זיך אזש ארויסגעכאפט א פייף פונם מויל.

— „פארגעניגנס־מעקלער"? וואס פאר א פראפעסיע איז דאס?

— אזא פראפעסיע...

— וואס פאר א פארגעניגן, א שטייגער, קאן מיר צושטעלן דער „פארגעניגנס־מעקלער"?... זאגן מיר, למשל, אז בא מיר איז דאס גרעסטע פארגעניגן זיך אוועקצולייגן אויף א ווייכער זאפע און לייענען אגדרעיעווס, אדער קופרינס דערציילונגען. וועט זיך דער שווארצער בחור, הייסט עס, אוועקזעצן לעבן מיר און פארלעזן?

מיין פריינד האט זיך צעלאכט.

— איר מאכט זיך תמעוואטע, אדער איר זענט טאקע א תם... כריסטאפאר כריסטאלידיס איז א מעקלער פון... גיט אהער דאס אויער, וועל איך אייך זאגן...

— העי, אזוי גאר! נו, אויב מען דארף דאס זאגן שטיל אויפן אויער, פארשטיי איך שוין, וואס פאר א תכשיט ער איז... מען דערקענט דאס טאקע גלייך אויף זיין פנים... אבער, זאגט

מיר, מיין פריינד, ווער איז יענער, וואס זיצט דארט? ער שיינט דווקא צו זיין א גאנץ אנשטענדיקער מענטש. ווער איז ער?

שאליאפינס רייזנדער דירעקטאר.

— א, טאקע?! ער איז, הייסט עס, ארומגעפארן מיט שאליאפינען?

— עס הייבט זיך גארנישט אן.

— איר זאגט דאך, אז ער איז שאליאפינס רייזנדער די-רעקטאר.

— פארשטייט איר מיך... ארומגעפארן איז ער יא, און אין די שטעט, וואו ער האט זיך אפגעשטעלט, האט ער טאקע איינגע-ארדנט קאנצערטן, וואו שאליאפין דארף אויפטרעטן, אבער אלעמאל און אומעטום האט אים צו די קאנצערטן געפעלט א קלייניקייט — שאליאפין אליין...

— און איינפאל א ביסל! פאר אזא זאך קאן מען דאך אריינ-פאלן אין טורמע...

— יא. ער האט דאס געמאכט אזוי, אז ער זאל מיט קיין זאך נישט ריזיקירן. אט הערט ווי אזוי: ער קומט צו פארן, זאגן מיר למשל, קיין קרעמענטשוג און לאזט ארויס אפישן: „קאנצערט פון פיאדאר שאליאפין" — הייבט מען גלייך אן לויפן צו דער קאסע נאך בילעטן. מען קומט צו גיין — שוין נישטא קיין בילעטן. אלע בילעטן זענען שוין פארקויפט. בלייבן אלע שטיין פארצווייפל-טע און ווייסן נישט, וואס צו טון. און דא וואקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד א חברה-מאן — טאקע דער זעלבער פארשוין — און שושקעט אריין אין אויער איינעם, א צווייטן און א דריטן: „איך האב צען-רובלדיקע בילעטן, אבער ווייניקער ווי פינפצען רובל א שטיק קען איך זיי נישט פארקויפן". דערפרייט מען זיך און מען קויפט. און ווען אלע בילעטן זענען שוין פארקויפט פאר אנדערטהאלבן מאל אזוי פיל, קומט א נייע מעלדונג: „איבער דעם וואס שאליאפין איז גאר פלוצלינג קראנק געווארן, ווערט דער קאנצערט אפגעלייגט. געלט קאן מען באקומען צוריק אין קאסע". און מען גיט טאקע אפ דאס געלט צוריק. פאר א צען-רובלדיקן

בילעט גיט מען צוריק צען רובל, פאר א צוואנציק־רובלדיקן — צוואנציק רובל. און אלעס שטימט.

— צום שווארצן יאר! — האב איך ארויסגעברומט, כאפנ־דיק א קוק אויף דעם פארשוין און אויף די אלע אנדערע פאר־שוינען. עס איז דאך ווירקלעך מאדנע! א זאאלאגישער גארטן און די חיות זענען גארגישט פארשפארט אין קיין שטייגן...

און פונקט ווי מיינע ווערטער וואלטן באלד געמוזט באשטע־טיקט ווערן, האט זיך איין חיה פונם זאאלאגישן גארטן מיטאמאל געגעבן אווארף אויף מיר, שטשירענדיק די ציין:

— א־א, — האט די חיה אויסגעשריגן. — איר זענט אויך דא! אייך קען איך דאך באך פון פעטערבורג. מען זאגט מיר, אז איר האט זיך דא גאר נישקשהדיק איינגעארדנט. און אז עס איז שוין יא אזוי, האב איך פאר אייך א פיין גע־שעפטל.

— אויב נאר א פיינס, — האב איך א זאג געטון גאנץ ערנסט, — בין איך א בעלן.

— גייט עס! פארשטייט איר מיך, איך האב א הויז אין אריאל, נאר אזוי ווי דארטן זענען איצט די באלשעוויקעס, און איך דארף זייער נייטיק האבן געלט, קען איך אייך פארקויפן דאס הויז זייער ביליק. פאר דריי טויזנט לירעס. אפילו פאר 1.500 איז אויך רעכט. באט אייך דעם אדרעס און גיט מיר דערווייל פינף הונדערט לירעס.

— אפגעמאכט! — האב איך פריילעך אויסגעשריגן. — איך קויף בא אייך דאס הויז. אבער הערט ווי אזוי: לעבן אריאל האב איך א מאיאנטעק, טאקע נישט קיין זייער גרויסן מאיאנטעק, אבער זייער א פיינעם. טא, לאמיר זיך בייטן. אייער הויז, זאגט איר, האט די ווערט דריי טויזנט לירעס. מיין מאיאנטעק איז א מציאה דריי טויזנט מיט צוויי הונדערט לירעס. צאלט־זשע מיר צו צוויי הונ־דערט לירעס און נעמט אייך דעם מאיאנטעק... איר דארפט אפילו קיין אדרעס נישט. אלע ווייסן, וואו דאס איז. איר וועט פרעגן, וואו

פּס געפינט זיך דער מאיאנטעק „אווערטשענקאווקא“, וועט מען אייך ווייזן. דארטן האָב איך אָקסן און קי און פּאוועס.

אָבער ער האָט שוין נישט געהערט, וואָס איך רעד. ער איז שוין געשטאַנען בּאַ אַן אַנדער טישל און עפּעס עמעצן אַריינגעשושקעט אין אויער.

מיין פריינד האָט געלאַכט.

— נישקשה, — האָט ער געזאָגט. — דאָ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן איז נישט אַזוי געפערלעך. אַמאָל קען מען זיך אַפילו פאַרגינען אַזאַ פאַרגעניגן, ווי אַריינרוקן די האַנט אין אַ שטייג און געבּן אַ חיה אַ קיצל אונטערן אויער.

## דער צווייטער באזוך אין זאאלאגישן גארטן.

— אייער קאנסטאנטינאפאלער זאאלאגישער גארטן איז מיר שטארק געפעלן געווארן, — האב איך געזאגט צו מיין פריינד, ווען איך האב זיך מיט אים געטראפן. — איך וואלט א בעלן געווען צו גיין אהין נאכאמאל.

— פארוואס נישט? איך קען אייך פירן אהין אפילו באלד. מיט א מענטש, וואס האט א באגריף אין חיות, האב איך טאקע ליב צו גיין אין א זאאלאגישן גארטן. קומט.

זענען מיר אוועק.

דארטן האבן מיר געטראפן כמעט אלע אלטע באקאנטע: דעם „פארגעניגנס-מעקלער", דעם מענטש, וואס האט זיך אליין אנגענומען בא די האר און זיך אויפגעהויבן העכער פון דער ערד, אויך יענעם, וואס האט זיך אליין הויך רעקאמענדירט... אבער חוץ די אלע אלטע אנטיקן, האבן מיר נאך געטראפן נייע אויך...

פריער פון אלץ האב איך באטראכט איינעם, אן אנגעכמורעטן, שלעכט געראזירטן מאן מיט א בייז, שטיינערן פנים.

— קוקט זיך גוט צו צו אים. לפנים קאן זיך דאכטן, אז דעם מענטש קאן גאר קיינמאל קיין געדאנק נישט איינפאלן. אין דער אמתן אבער איז ער א טיפער פסיכאלאג. ער דרינגט אריין א מענטש טיף אין דער נשמה, פונקט ווי דאסטאיעווסקי.

— ער איז א שרייבער?

— עס הייבט זיך גארנישט אן. אט ווי איר קוקט אים אן, האט ער זייער א שווערע פראפעסיע.

— א שטייגער?

— אט הערט: זיין ארבעט באשטייט אין דעם, וואס ער גייט ארום אין גאס און זוכט פארליבטע פארלעך... צו וואס ער דארף זיי? דאס, זעט איר, איז שוין אן ענין, א פסיכאלאגישער! זאגן מיר, למשל, ער טרעפט אין גאס א פארליבט פארל, וואס שפאצירט געארעמט; דער יינגערמאן שעפטשעט אריין דער דאמע אין אויער אריין דאס, וואס מען שעפטשעט געוויינלעך, ווען מען איז פארליבט: „אך, טייערע אלגא פעטראוונא, אייער ליכטיק געשטאלט פארפאלגט מיך שטענדיק און גיט מיר נישט קיין רו; בייטאג און ביינאכט שטייט איר מיר פאר די אויגן...“ און פונקט דאן ווען דער יינגערמאן איז אויפן זיבעטן הימל, דערקלערנדיק זיך אין ליבע, דערהערט זיך מיטאמאל די שטימע פון דעם „פסיכאלאג“... „אנטשולדיקט! — זאגט ער גאנץ העפלעך. — קען איך אייך זעען א מינוט?“... יענער ווערט צעטומלט. „וואס פארלאנגט איר?“ — פרעגט ער דעם אומבאקאנטן. דאן בייגט זיך דער „פסיכאלאג“ אן נענטער צו אים און שושקעט אים אריין אין אויער עטלעכע געציילטע ווערטער!

— וואס זאגט ער אים?

— ער זאגט אים: „גיב מיר שוין א לירע, אויב נישט, דערלאנג איך דיר שוין אין די ציין!“ און דערביי קוקט ער אויף דעם פארליבטן בחור אזוי שטרענג, אז יענער פארשטייט גלייך, אז קיין טענות וועלן דא נישט העלפן... עס איז פאר אים קלאר: וועסטו מאכן א סקאנדאל, וועסטו גלייך כאפן א פאטש, ווען די געליבטע שטייט דערביי... און דאס גלוסט זיך קיינעם נישט. מאכט ער אן אנשטעל פון פריינטלעכקייט און העפלעכקייט, און צי ער וויל יא, צי ער וויל נישט — ער נעמט ארויס פון קעשענע א לירע און גיט.

„ווער איז דאס?“ — פרעגט דאס מיידל נאכדעם ווי דער „פסיכאלאג“ איז שוין אוועק. „א, דער? דאס איז מיינער אן אל-

ער גוטער פריינד, וואס געפינט זיך איצט גראד אין זייער א שלעכטער לאגע. ער האט אויך א געליבטע, און זי איז איצט זייער קראנק. ער האט מיך געריירט ביז טרערן, האב איך אים גע־האלפן, מיט וויפיל איך האב נאר געקענט". — „אך, איר זענט אזא גוטער!" — ווערט דאס מיידל באגייסטערט און טוליעט זיך צו נענטער צו איר געליבטן. און עס קומט אויס, אז אלע זענען צופרידן... און דער „פסיכאלאג" גייט זיך ווייטער זיין וועג, גע־פינט אן אנדער פארל און שעפטשעט ווידער דאס זעלבע: „גיב מיר שוין א לירע, אויב נישט, דערלאנג איך דיר שוין אין די ציין!"

איך האב א קוק געטון אויף דעם שטיינערנעם פנים פון דעם „פסיכאלאג", און עס איז פאר מיר געווען קלאר, אז דער מענטש האט, אפנים, גענוג פעטש געגעבן אין זיין לעבן און גענוג פעטש געכאפט.

— און איצט קומט נאך אן אנטיק, — האט מיין פריינד א זאג געטון צו מיר מיט אזא טאן, ווי ער וואלט מיך טאקע ארומ־געפירט פון איין שטייג צו דער אנדערער אין א זאאלאגישן גארטן — דער אנטיק, אייגנטלעך, איז צוויי אנטיקן. איר זעט? דארט זיצן זיי ביידע איינער לעבן אנדערן. אבער איידער איך דערצייל אייך, ווער זיי זענען און וואס זיי זענען, וויל איך, אז איר זאלט איבער־לייענען דעם בריוו!

און איך האב איבערגעלייענט דעם בריוו, וואס ער האט ארויסגענומען פון דער קעשענע.

אט איז דער בריוו:

„דאס שרייבט צו אייך א פרוי, וואס איז אייך אינגאנצן אומ־באקאנט, אבער אזא, וואס האט זיך אין אייך שרעקלעך, וואנזיניק פארליבט. וואס האט איר געהאט צו מיר? איך בין יינג, און מענטשן זאגן, אז איך בין זייער א שיינע. אן א שיעור יינגעלייט גייען אויס נאך מיינע טריט, אבער זיי גייען מיך נישט אן, ווייל זינט איך האב אייך דערזען, ליכטיקע זון מיינע, קאן איך וועגן קיין אנדערן אפילו נישט טראכטן. איך מוז זיך טרעפן מיט אייך! מארגן וועל איך זיין אינם רעסטאראן „עלפאנט". ווארט דארט אויף מיר. זעצט

זיך אוועק בא א טישל און באשטעלט א פלעשל שאמפאנער „קאר־דאן־ווער". איך וועל קומען, וועל איך טרינקען צוזאמען מיט אייך. קרוין מיינע. אויף שטענדיק אינגאנצן אייערע —
ליודמילא נ. . ."

— ווי גליקלעך איר זענט! — האב איך אים מקנא גע־ווען. — פרויען האבן אייך אזוי ליב!!!

— עס הייבט זיך גארנישט אן! — האט ער מיר איבערגע־שלאגן די רייד. — איך האב געמיינט, אז עס איז טאקע עפעס, בין איך געקומען, אפגעזעסן אנדערטהאלבן שעה, אויסגעטרונקען א פלאש וויין און בין אוועק מיט גאר נישט, ווי א נאר.

— נו, געוויס האט דער מאן זי נישט געלאזט גיין. — האב איך אים געפרוווט טרייסטן.

— וואס מאן, ווער מאן, אז ס'האט זיך שפעטער ארויס־געוויזן, אז דעם בריוו האט גארנישט געשריבן קיין פרוי...

— ווער דען האט דעם בריוו געשריבן?

— אט די צוויי פארשוינען, וואס זיצן דא אקעגן אייך.

— איך פארשטיי נישט, — האב איך געצויגן מיט די אקסלען, ווי א תם.

— וואס איז דא נישט צו פארשטיין! אט די צוויי פארשוי־נען זענען די אייגנטימער פון דעם רעסטאראן „עלעפאנט". איז כדי אריינצושלעפן קונים, כדי מען זאל קומען צו זיי אין רעסטאראן און אויסגעבן געלט, געפינען זיי אויס אדרעסן פון פארשידענער־ליי מענטשן און שרייבן זיי אזעלכע בריוו... עטלעכע צענדליק בריוו אזעלכע צעשיקן זיי יעדן טאג — צו מענער, צו פרויען — און עס געפינען זיך שוין משוגעים, וואס גלייבן און קומען אין רעסטאראן „עלעפאנט" און גיבן דארטן אויס געלט.

— פונדעסטוועגן דארפט איר אויף זיי נישט זיין ברוגז. ווארים ווי די זאך זאל נישט זיין, האבן זיי אייך דאך פארשאפט א מאמענט פון פארגעניגן, און דאס איז געווען דאן, ווען איר זענט געזעסן און געווארט אויף דער דאמע, טרינקענדיק שאמפאנער. און וואס איז דען אמת גליק אויב נישט דאס ווארטן אויף גליק?

— וועגן דעם וועלן מיר אן אנדערש מאל רעדן. איצט קוקט

און נאך אן אנטיק אינם זאאלאגישן גארטן און מיר וועלן גיין. אט יענער פארשוין דארט לעבט איצטער אויף די פראצענטער דער וואלוטע, וואס ער האט ארויסגעפירט פון קרים. ער האט אריינגעכאפט א שיינע מטבע, און איינגעגעבן האט זיך דאס אים א דאנק דעם, וואס ער איז אויף א מערקווירדיקן אופן גלענצנד בייגעשטאנען די קאנקורענץ פון פינף און צוואנציק קעץ.

— דאס, מיין ליבער עפענדי, פארשטיי איך שוין גאר נישט!

— און מיר איז קיין וואונדער נישט, וואס איר פארשטייט דאס נישט. אין דעם פרט זענט איר פונקט, ווי יענע קעץ, וועלכע האבן דאס אויך נישט פארשטאנען. פארשטייט איר מיך, דא איז אזא געשיכטע: דערדאזיקער פארשוין האט אין קרים געהאט א רייכע מומע — זייער א פשוטע פרוי און זייער שטארק פארקאכט אין קעץ. דאס גאנצע לעבן אירס האט געשטעקט אין די פינף און צוואנציק קעץ און קאטערס, וואס זי האט געכאוועט; און צו דעם האט זי קיין אנדערע זאך נישט געוואוסט, ווי גיין אין קלויסטער אריין דריי מאל א טאג — אינדערפרי, נאכמיטאג און אין אוונט.

איז איינמאל געקומען צו פארן צו איר אט דער פארשוין, דער פלימעניק אירער. און אזוי שנעל ווי ער איז געקומען, האט ער גלייך פארשטאנען, אז די מומע וועט איר גאנץ פארמעגן איבערלאזן פאר די קעץ און קאטערס, און אים וועט זי געבן א פייג. און דאס איז נישט געווען בלויז א השערה; די אלטע האט שוין טאקע געהאט א צוואה, אין וועלכער עס איז בפירוש געשטאנען, אז זי לאזט איבער איר גאנץ פארמעגן פאר די קעץ. האט דער פארשוין זיך גענומען ברעכן דעם קאפ און טראכטן און טראכטן. און ער האט אזוי לאנג געטראכט, ביז ער האט עפעס אויסגעטראכט. . . איינמאל, פונקט דאן ווען די טאנטע איז אוועק אין קלויסטער, האט ער גענומען א קאנטשיק, איז אריינגעגאנגען אין דעם שטיבל, וואו מען האט געהאלטן די קעץ, זיך איבערגעצלמט עטלעכע מאל פאר דער איקאנע, וואס איז אויף דער וואנט געהאנגען, און גענומען שלאגן די קעץ מיטן קאנטשיק — איבער

די מארדעס, איבער די קריזשעס און וואו עס האט זיך נאר גע־מאכט. די קעץ האבן זיך, פארשטייט זיך, שטארק דערשראקן, און זיי האבן גענומען שפרינגען און לויפן — ווער אונטערן טיש, ווער אויפן טיש, ווער אונטער דער שאנק און ווער אויף דער שאנק. א מהומה איז געווארן צווישן זיי.

אזוי האט דער בחור געטון זעקס וואכן כסדר, טאג איין, טאג אויס... ווי נאר די אלטע איז אוועק אין קלויסטער, האט ער גלייך גענומען דעם קאנטשיק, אריין אין דעם באזונדערן שטיבל און גע־נומען ממיתן די קעץ, און זיי זענען געלאפן און געשפרונגען, וואו־הין די אויגן האבן זיי געטראגן. און אלע מאל, איידער ער האט זיך גענומען ממיתן די קעץ, האט ער זיך פריער איבערגע־צלמט.

און איינמאל, ווען ער איז שוין געווען זיכער, אז די קעץ ציטערן פאר אים אימת מות, איז ער צוגעגאנגען צו דער אלטער און געזאגט:

„טאנטע, — מאכט ער אזוי צו איר, — איך ווייס, אז איר זענט זייער א פרומע און א גאטספורכטיקע, און אז איר האט זייער ליב די קעץ, און דערפאר טאקע איז מיר אזוי שווער אייך צו זאגן, אז די קעץ זענען גאר נישט קיין קעץ, נאר שדים"...

„דו ביסט א ליגנער! — איז די אלטע טאנטע געווארן בייז, — דו מאכסט א בלבול אויף מיינע טייערע קעץ. ווי דער־וועגסטו זיך גאר צו זאגן, אז זיי זענען שדים!"

„ווייסט איר וואס, טאנטע, איך וועל דאס אייך באווייזן. קומט אריין מיט מיר אין דעם שטיבל, וואו איר האלט די קעץ, וועט איר זען!"

איז די אלטע אריין מיט אים אין שטיבל, דאן האט ער זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן און זיך איבערגעצלמט... און אזוי שנעל ווי ער האט זיך איבערגעצלמט, איז צווישן די קעץ געווארן א מהומה און א ווילדע מיוקעריי; זיי האבן גענומען שפרינגען און לויפן — ווער אונטערן טיש און ווער אויפן טיש, ווער אונטער דער שאנק און ווער אויף דער שאנק. זיי זענען געלאפן וואוהין די אויגן האבן זיי נאר געטראגן, און מען האט ווירקלעך געקאנט

מיינען, אז שדים און רוחות האבן זיך אין זיי ארייגעכאפט...

„זעט איר שוין, טאנטע, אז איך בין געווען גערעכט!" — האט דער בחור א זאג געטון מיט נצחון. די פרומע אלטע טאנטע האט אים נישט געהאט, וואס צו ענטפערן. זי האט זיך ווירקלעך דערשראקן און זייענדיק זיכער, אז אין די קעץ האט זיך ווירקלעך ארייגעכאפט א חברה שדים און רוחות, האט זי זיי צעטריבן און אויס דאנקבארקייט צום געטרייען פלימעניק, האט זי אויף זיין נאמען איבערגעשריבן איר גאנץ פארמעגן.

איך האב א קוק געטון אויף דעם „געטרייען פלימעניק". זיין פנים האט אויסגעקוקט באשיידן, ווייך און מיידליש. אזעלכע פנימער האבן געווינלעך קאטארזשניקעס, וואס פאלן אריין פאר מאכן פאלש געלט...

## רוסישע פרויען אין קאנסטאנטינאפאל.

איך האב זיך געווענדט צו מיינס א פריינד, וועלכער האט אויסגעצייכנט גוט געקענט דאס לעבן אין דער טערקישער הויפּט־שטאט:

— הער זיך איין, — האב איך אים געזאגט. — זינט איך בין דא, קומט מיר אלץ אויס צו זען דאס גרויע, וואכעדיקע גאסן־לעבן... קענסט מיר אפשר זאגן, וואו עס געפינט זיך דא א פיינע רוסישע געזעלשאפט?

— יא, פארוואס נישט? קום, וועל איך דיך פירן... דא נישט ווייט געפינט זיך א שענקל און דארטן וועלן מיר טרעפן א פיינע רוסישע געזעלשאפט.

— אין א שענק?

— יא, אין א שענק. אבער צו וואס זאלסטו זיין אזוי ברו־טאל אין אויסדרוקן? היינטיקע צייטן, גוטער ברודער, דארף מען זיין איידעלער אין רעדן. צו וואס זאגן „אין א שענק", אז מען קען זאגן „אין א שענקל". דאס איז איידעלער.

מיר זענען צוגעגאנגען צו א טיר און זיך געלאזט גיין ווייטער, און דא האט דער פריינד מיינער זיך גענומען אויפפירן אזוי, אז איך האב דאס נישט געקענט פארשטיין. ער האט זיך צעקושט מיט דעם דינער, וואס איז בא דער טיר געשטאנען, ער האט גע־דריקט די האנט דעם משרת באם בופעט, און ווען ער האט זיך

באם טיש אוועקגעזעצט, האט ער גענומען רייבן איין האנט אן דער אנדערער, ווי עס טוט געוויינלעך א רוסישער מענטש איידער ער טרינקט אויס א גלעזל בראנפן.

— נו־ס... דערלאנגט א פלעשעלע בראנפן, א הערינגל מיט אן אוגערקעלע און דאס פיינע פעפערל.

איך האב זיך ארומגעקוקט. אין איין ווינקל איז בא א טישל געזעסן דינקא די טענצערין, וועלכע האט נאך אין פעטערבורג גע־האט זייער נישט קיין שיינעם נאמען, און לעבן איר איז געזעסן עפעס א פארדעכטיקער יינגערמאן מיט זייער נישט קיין סימפא־טיש פנים. אין אן אנדער ווינקל איז בא א טישל געזעסן מאנקא־קאווארדאק, און ווייטער א ביסל, בא אן אנדער טישל, זענען גע־זעסן עטלעכע באקאנטע רוסישע שווינדלער, וועלכע האבן נישט איינמאל אין זייער לעבן געכאפט אזעלכע פעטש, אז די הויט פון פנים איז בא זיי אזש ארונטער.

— אט דאס איז בא דיר א פיינע רוסישע געזעלשאפט ? — האב איך געפרעגט מיין פריינד.

— ניין, — האט ער געענטפערט. — קוק נישט אויף די געסט, קוק בעסער אויף די, וואס באדינען די געסט...

א שיינע דאמע, אנגעטון אין א פארטוכל, איז צוגעגאנגען צו אונזער טישל פרעגן, וואס מיר וועלן באשטעלן.

— איך האב די ערע אייך צו באגריסן, גרעפין, — האט מיין פריינד א זאג געטון צו איר זייער העפלעך. — און דער־לויבט מיר, גרעפין, פארצושטעלן פאר אייך מיין פריינד, דעם שריי־בער, ארקאדי אווערטשענקא.

— א, זייער אנגענעם, — האט די גרעפין זיך אנגערופן זייער ליבנסווירדיק און אויסגעצויגן צו מיר דאס שיינע הענטעלע אירס. — איך בין גוט באקאנט מיט אייערע ווערק. ווען מיין מאן איז געווען א געהילפס־מיניסטער אין קאבינעט, פלעגן מיר גאנץ אפט אין די אוונטן לייענען אייערע דערציילונגען.

— קאטיא, — איז אן אנדערע דאמע צוגעגאנגען צו דער גרעפין און איז געבליבן שטיין לעבן איר א פארזארגטע. די געסט,

וואס זיצן אינם צימער גומער זיבן, רופן דיך, זיי האבן דאך בא דיר באשטעלט א ווינער שניצל.

— וואס איילן זיי זיך דארטן אזוי! — איז די גרעפין גע־ווען אומצופרידן. — זיי ווען נאך אוספייען צו האנדלען מיט זיי־ערע ציגן אויפן מארק!... יא, — האט זי ווייטער גערעדט צו מיר. — איך פלעג אייך טרעפן גאנץ אפט אויף די פרעמיער־פאר־שטעלונגען אין מארינסקען טעאטער. איך און מיין מאן זענען דארט געווען אבאנענטן; מיר פלעגן אלע מאל זיצן אין דער דריטער רייע, און איר... זינאטשקא, זיי אזוי גוט און פארשרייב דארטן פערציק פיאסטער פאר „קאמבאלא”! יא, יא, איך געדענק אייך אזוי גוט! איינמאל איז מיין אויטאמאביל קאליע געווארן אינמיטן וועג, זענט איר גראד אנגעקומען מיט אייער קארעטע, און איר זענט גע־ווען גענוג העפלעך און ליבנסווירדיק צו... זע, מארוסיא, דיין גאסט פון יענעם טישל גייט דאך אוועק און מיר דאכט זיך, אז ער האט נאך נישט באצאלט!... אזעלכע זשוליקעס!... יא, איך האב זיך דערמאנט! איך האב דאך איינמאל געטאנצט מיט אייך. דאס איז געווען א באל אין דער איטאליענישער געזאנדשאפט... וואס זאגסטו, זינאטשקא, דער באלעבאס וויל נישטליידן, וואס איך רעד דא אזוי לאנג? זאג אים, ער זאל גיין צום טייוול! ווי קאן איך אריינגיין אין יענעם צימער צו די געסט, אז זיי זענען דארטן אלע טויט שכור?... יא, זייט באקאנט! דאס איז מיין פריינדין זינאידא ניקאלאיעוונא, באראנעסע פאן־טאל. זעץ זיך אוועק א ביסל, זינאטשקא. איר וועט מיר גלייבן, מען טרעפט דא אזוי זעלטן אן אמתן קולטור־מענטש. ווען נישט דער דינער בא דער טיר, וואלטן מיר גארנישט געהאט מיט עמעצן א ווארט אויסצורעדן...

— פארוואס עפעס גאר מיטן דינער בא דער טיר? — האב איך, א פארוואונדערטער געפרעגט.

— ער איז א געוועזענער פראפעסאר אין א פעטערבורגער אוניווערסיטעט.

— און דער מאן, וואס גיט אכטונג אויף די קליידער איז אוודאי א געוועזענער פולקאווניק? — האב איך געפרווט מאכן א שפאס.

— גאס באוואר! ער איז נישט קיין פּולקאווניק, נאר א גע־נעראל. בלויז דער משרת באם בופעט איז בא אונז נישט פון די גאר אנגעזעענע. ער איז געווען אן אסיסטענט פּראפעסאר אין א הויכשולע.

א האלבע שעה זענען מיר אזוי געזעסן מיט דער גרעפין און מיט דער באראנעסע; אויסגעטרונקען א פלעשל בראנפן, גע־רעדט וועגן באבאריקינס לעצטן ראמאן; געגעסן וואורשטלעך מיט קרויט; זיך געשפּארט א ביסל וועגן וואגנערס מוזיק; געענדיקט מיט טערקישער קאווע און מיט באמערקונגען וועגן דער פּאליטיק פון די פאראייניקטע נאציאנען אין דער מלחמה.

באם געזעגענען זיך האב איך די צווי דאמען הענטלעך גע־קושט די הענט און געפרעגט:

— און אייער מאן, גרעפין, איז אויך דא?

— געוויס איז ער דא. ער איז אויך אין קאנסטאנטינאפּאל. אבער אהער טאר ער נישט קומען.

— פאַרוואס?

— דער באלעבאס לאזט נישט. פאר אונזערע מענער איז דאס קומען אהער שטרענג פארבאטן... און חוץ דעם קאן מיין מאן אהער נישט קומען אפילו אלס א גאסט, ווייל דא קאסט אלץ זייער טייער, און מיין מאן פארדינט זייער ווייניק. ער פארקויפט צייטונגען אין גאס.

ווען מיר זענען ארויס, האט מיין פריינד א קוק געטון אויף מיר און שטיל געפרעגט

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט, א פיינע רוסישע געזעל־שאפט!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

גייענדיק איינמאל אין גאס אין קאנסטאנטינאפּאל, האב איך באגעגנט מיינס א פריינד פילימאן בוזיקין. דעם אמת זאגנדיק, איז אונזער פריינדשאפט געווען בלויז א האלבע, נישט קיין גאנצע. דאס הייסט, אז ער האט מיך געהאלטן פאר א פריינד, אבער איך האב זיך צו אים באצויגן זייער קאלט, און אלעמאל, ווען איך האב

זיך מיט אים געטראפן, האב איך ניט געוואוסט, צי איך זאל אים געבן די האנט, אדער איך זאל אים גאר דערלאנגען א זעץ אין די געדערים.

גערופן האט מען אים פילימאן בוזיקין און געהאנדלט האט ער מיט אקסענע פעלן און געזאלצענע קישקעס.

ער אליין האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן בריה צו פרויען. אבער דער אמת איז געווען, אז אין ליבע האט ער געהאט זייער ווייניק מזל, און ווען ער האט געהאט חשק צו זיין נאענט מיט א פרוי, איז ער געגאנגען אין אזעלכע פלעצער, וואס מען טאר ניט אויסזאגן...

— העי, שרייבער! — האט ער זיך דערפרייט איבער מיר, און דערביי האט זיין קול אין מיינע אויערן אפגעקלונגען, ווי דאס רעווען פון אן אקס. — גוט, וואס איך האב אייך דא געטראפן! מיר וואלט גאר קיינמאל ניט איינגעפאלן, אז איר זענט אויך דא! אלזא, וואס הערט זיך עפעס מכוח שיינע מיידלעך און געשמאקע ווייבעלעך?

— גייט צום טייוול! — האב איך אים געגעבן אן עצה.

— ניין, איך מיין דאס גאנץ ערנסט. — האט ער זיך ניט געפונען באליידיקט פון דעם, וואס איך האב אים געשיקט צום טייוול. — איר ווייסט, אז פאר אזא מענטש, ווי איר, איז דא א גן-עדן. איר געפינט דא אזעלכע שיינע מיידלעך און ווייבעלעך, אז ס'איז איינפאך א פארגעניגן צו קוקן אויף זיי. און אלע רוסישע! ווילט איר א גרעפין — איז א גרעפין! ווילט איר א פירשטין — איז א פירשטין.

און זאגנדיק דאס, האט ער זיך אנגעבויגן צו מיר און זיך צעלאכט אויפן קול.

מיט זיין הילכיקן געלעכטער האט ער פארנומען דעם גאנצן טראטואר, ווייל ווי איר ווייסט, זענען די טראטוארן אין דער טערקישער הויפט-שטאט זייער שמאלע. ער האט מיט זיין גרויסער פיגור אלעמען פארשטעלט דעם וועג און ס'איז געווען אוממעגלעך דורכצוגיין.

פונקט דאן איז אנגעקומען אן ענגלענדער, האט ער קיין סך טענות נישט געמאכט, ארונטערגעשטופט דעם הויכן, געזונטן רוס פונם טראטואר, און אליין איז ער אוועק ווייטער, א לאנגער, א גלייכער, א קאלטער, פונקט ווי א שטעקן.

עס איז געווען א רחמנות צו קוקן אויף פילימאנען, האב איך אים אויסגעגלייכט און אים געבעטן, ער זאל זיך האלטן א ביסל שטילער און נישט לאכן אזוי הויך.

פילימאן האט זיך אויסגעגלייכט און ווייטער גערעדט:

— אז מען מוז לאכן! — האט ער געזאגט. — ווען איר האלט נאר געוואוסט וואסערע שיינע מיידלעך און געשמאקע ווייבעלעך עס געפינען זיך דא אין די רעסטאראנען!

— איר זענט אן אידיאט און אן אייזל! — בין איך געווארן בייז. — אויב פיינע, אנשטענדיקע פרויען זענען פון דער נויט געצוואונגען צו ארבעטן אין רעסטאראנען, דארף מען נישט לאכן פון דעם.

— אנשטענדיקע? אוי, עס איז נישטא, ווער עס זאל לאכן פון אייך! צווישן זיי איז נישטא איינע קיין אנשטענדיקע... קלייבט אייך אויס, וועלכע איר ווילט און זי וועט אייך געבן א קוש! דא נישט לאנג צוריק האב איך א קוש געטון איינע, האט זי זיך אזוי צעווארעמט, אז ס'איז איינפאך געווען א פארגעניגן. „ליבינקער מיינער!" „טייערער מיינער!" — האט זי אנגעהויבן רעדן צו מיר פראנצויזיש.

— פילימאן, דו ביזט א ליגנער און א טפש! — האב איך אנגעהויבן פארלירן דאס געדולד.

— איך בין א ליגנער? ווייסט איר וואס, קומט אריין מיט מיר דא אין דעם שענקל, דארטן געפינען זיך א סך מיידלעך און ווייבלעך פון יענעם מין. איז אויב איך וועל כאפן א קוש פון א געוועזענער אריסטאקראטקע, דארפט איר מיר קויפן א פלאש שאמפאנער, און אויב נישט — דארף איך אייך קויפן א פלאש שאמפאנער.

דאס איז געווען א זעלטענער פאל, ווען די ערע פון א פרוי איז געהאנגען אויפן העלדזל פון א פלאש שאמפאנער.

פילימאן האט מיך אריינגעשלעפט אין א רעסטאראן, זיך אוועקגעזעצט ברייטלעך בא א טישל און געבנדיק א מאך מיטן פינגער, האט ער צוגערופן א וואונדערבאר שיינע, בלאנדע דאמע אין א פארטוכל.

— מארוסיא, קום אהער!

— איך הייס נישט מארוסיא, — האט די דאמע געענטפערט רויק, קוקנדיק אויף פילימאנען פון אויבן אראפ.

— ווי אזוי דען הייסט איר? — האט פילימאן געפרעגט, באטראכטנדיק זי תמעוואטע.

— איך בין באראנעסע טיזענהאוזען. מיך רופט מען יעלענא פאולאוונא..

— א, זייער אנגענעם. וואס־זשע מאכט איר עפעס? קומט אהער צו אונז. זעצט זיך אוועק באם טישל...

— איר וועט מיר אנטשולדיקן. איך קאן זיך בא אייער טישל נישט אוועקזעצן. איך בין פארנומען.

פילימאן האט מיך מיטן עלנבויגן געגעבן א טארע אין דער זייט און אנגעהויבן רעדן צו דער דאמע אין אזא טאן, ווי ער וואלט שוין לאנג געווען מיט איר א גאנצער גוטער ברודער:

— אויב אזוי, דארף איך אייך זאגן א סוד אין אויער.

דא האט ער זיך געגעבן א הייב אויף און צולויפנדיק צו דער דאמע, וואס האט זיך א ביסל פארלוירן, האט ער זי געגעבן א כאפ אונטערן ארעם און זי אריינגעפירט אין אן אנדער צימער, וואס איז געשטאנען ליידיק.

איך האב זיך צוגעהערט. אין אנפאנג איז דארט געווען שטיל. דערנאך האט זיך פון דארטן דערהערט א קלאנג — קענטיק, פון א קוש — אין דעם האט מיך פארזיכערט פילימאן, ווען ער איז אריינגעלאפן צוריק א צעטומלטער.

איין זאך איז מיר אבער געווען א חידוש: איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט, אז א קוש זאל אפקלינגען אזוי הילכיק!... עס האט געשיינט, ווי מען וואלט מיר אויף א הילכיקן אופן געוואלט לאזן וויסן, אז איך האב פארלוירן א פלאש שאמפא־ניער...

פון הארצן האט זיך בא מיר ארויסגעריסן א טיפער זיפץ. עס האט מיך אזוי נישט פארדראסן דערויף, וואס איך האב פאר־לוירן א פלאש שאמפאנער; איך האב אבער רחמנות געהאט אויף דער באראנעסע, וואס איז אזוי נידעריק געזונקען. . .

די טיר האט זיך געעפנט. לעבן מיר איז פארבייגעגאנגען די באראנעסע און איז גלייך אוועק, קוקנדיק אויף מיר בייז. באלד נאך איר איז ארויס פילימאן, שפאנענדיק עפעס אזוי נישט זיכער, אז ער איז שיער נישט געפאלן.

— איר האט געהערט? — האט ער מיך א פרעג געטון מיט געמאכטן נצחון.

— יא, געהערט א גאנץ הילכיקן קלאנג. אבער, זאגט מיר נאר, פילימאן, זי האט דאך אייך געגעבן נאר איין קוש.

— נו, געוויס איינעם, — האט ער געענטפערט מיט פאר־דראס. — וואס דען האט איר געוואלט, הונדערט קושן? איינער איז אויך גענוג.

— וואוהין האט זי אייך געגעבן דעם קוש, אין דער באק.

— נו, געוויס. . . אין דער באק.

— מאדנע, איין קוש, און אויף דער באק זענען געבליבן פינף סמנים.

— דאס איז דערפאר, וואס די ליפן זענען בא איר אנ־געפארבט, — האט ער געענטפערט אנגעכמורעט, און אלץ געקוקט אין א זייט, ער זאל זיך מיט מיינע בליקן נישט טרעפן.

— ניין, דאס איז נישט דערפאר. . . איך זע ווי די פינף רויטע צייכנס ווערן אלץ בלאסער. . . דאס איז נישט פון ליפן־פאמאדע, פילימאן! . . . זאג דעם אמת, פילימאן! שעם זיך נישט. . .

— אי, טשעפעט זיך אפ פון מיר.

— ניין, פילימאן, דא מוז אלץ ארויסגעברענגט ווערן קלאר. זאג מיר, ווי קומט עס, וואס פון איין קוש זענען בא דיר אויף דער באק געבליבן פינף רויטע סמנים?

— אפשר איז די האנט בא איר א געפּארבטע, — האט פּי־לימאן זיך געגומען פּלאנטערן אין זיינע אייגענע ווערטער, אבער ער האט זיך באלד פארכאפּט און אומעטיק אנגעבויגן דעם קאפּ.

— אזא פּאסקודנע מויד! — האט ער מיט פּאר־דראס געזאגט. — האט נישט אין זיך קיין איידלקייט פונדאנען אהין.

— רעדט נישט קיין נארישקייטן! איך קאן זי נאך פון פּע־טערבורג. זי איז דווקא זייער אן איידעלע, זייער א דערצויגענע. דעם סמאלני אינסטיטו טגעענדיקט.

— און וואס, פרעג איך, לערנט מען זיי דארטן, אין דעם סמאלני אינסטיטוט! — איז פּילימאן געווארן בייז. — א יחוס א גרויסער — סמאלני אינסטיטוט!...

און דא האט ער געגעבן א קלאפּ מיט דער פויסט אן טיש און אויסגעשריגן אויפן קול:

— העי, קעלנער, א פלאש שאמפּאנער אהער!

ווען מען האט דערלאנגט דעם ווײַן, האב איך פאר זיך שטי־לערהייט אנגעגאסן א גלאז, און נישט אנרירנדיק מיין גלאז אן פּילימאנס האב איך שטיל אויסגעטרונקען. איך האב געטרונקען פאר דער רוסישער פרוי, וועלכע געפינט זיך איצט אויף א וועג, וואס איז פול מיט בלוט, טרערן, שמוץ און שאנד.

שפּאן זשע ווייטער, שוועסטער מיינע, אויף דעם וועג און שרעק זיך נישט דערפאר, וואס די בלאטע גרייכט ביז די קני... דו וועסט שפּאנען אזוי לאנג ביז דו וועסט דערלעבן בעסערע טעג, אדער... אדער דו וועסט אזוי לאנג גיין און גיין ביז דו וועסט צוקומען צום קבר...

דארטן וועסטו זיך אפּרוען פון דעם שווערן לעבן.

עס האבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

און מען מוז זיין גערעכט צו פּילימאנען אויך: ווען ער האט באצאלט פאר דער פלאש שאמפּאנער, האבן זיך אים אויך גע־שטעלט טרערן אין די אויגן.

## א מעשה וועגן קברים, טאראקאנעס און ווייבער, וואס זענען אינעווייניק ליידיק.

נאך לאנג צוריק האט מען פּ״ר דערציילט זייער א טשיקאוון אנעקדאט...

א ייד וואס האט נישט געהאט קיין „פּראוואזשיטעלסטווא״ איז געקומען צום קיסר און זאגט:

— אדוני קיסר! טוט מיר א פּערזענלעכע טובה און גיט מיר „פּראוואזשיטעלסטווא!״

רופט זיך אן דער קיסר:

— דו ווייסט דאך אבער, אז „פּראוואזשיטעלסטווא״ האבן בלויז די יידן, וואס קענען א מלאכה.

— נו, קען איך טאקע א מלאכה, — מאכט אזוי צו אים דער ייד.

— וואס פאר א מלאכה, א שטייגער, קענסטו?

— איך קען מאכן עסיג.

— אויך מיר א מלאכה! — האט דער קיסר זיך צעלאכט. — עסיג קען איך אויך מאכן.

— וואס? איר קענט אויך מאכן עסיג? נו, וועט איר אויך האבן „פּראוואזשיטעלסטווא!״

יענע גוטע צייטן, ווען ס'האבן געקענט געשאפן ווערן אזעל־כע אנעקדאטן זענען שוין לאנג אוועק. איצט זענען גאר אנדערע צייטן און נישט נאר ארעמע עסיג־מאכער, נאר טאקע גאר־גאר גרויסע מאכערס האבן נישט קיין „פראוואזשיטעלסטווא"... דאס הייסט, זיי האבן קיין רעכט נישט צו לעבן אויף דער וועלט...

אן אויסנאם ביז א געוויסן גראד איז אין דעם פרט די שטאט קאנסטאנטינאפאל. א מענטש, וואס קען מאכן עסיג, קען דא נישט פארפאלן ווערן. און דאס מיינט, אז עסיג־מאכעריי איז דאך א מלאכה, וואס גיט א מענטש א רעכט צו לעבן אויף דער וועלט...

און אט וועל איך אייך דערציילן, וואס פאר א באגעגעניש איך האב געהאט מיט דעם מין נייע „באלמלאכעס" אין קאנסטאנ־טינאפאל.

* * *

זיי זענען געזעסן איינער לעבן אנדערן אויף א באנק אין דעם גארטן „פטי־שאן" און האבן אריינגעאטעמט אין זיך די פרי־שע פרילינגס לופט.

דריי זענען זיי געווען: א געוועזענער זשורנאליסט, א גע־וועזענער פאעט און א געוועזע... טפוי, איך האב שיער־שיער נישט געזאגט א „געוועזענע שוועסטער", ווייל איך בין פשוט צו־פיל צוגעוויינט צום ווארט „געוועזענע"... ניין, די שוועסטער פון דעם זשורנאליסט איז נישט געווען קיין געוועזענע, ווייל זי איז דווקא געווען זייער א שיינע, זייער א חנעוודיקע און זייער א תאוילע דאמע...

איך האב זיך שטארק דערפרייט איבער זיי, און זיי האבן זיך שטארק דערפרייט איבער מיר.

— א גוטער מארגן אייך, מיינע טייערע! — האב איך זיי

אלע דריי באגריסט. — וואס טוט איר עפּעס אין קאנסטאנטינא-פּאל?

אלע דריי האבן זיך איבערגעקוקט און אנגעהויבן לאכן.

— וואס מיר טון? און אז מיר וועלן אייך זאגן, וואס מיר טון, וועט איר עס דען פארשטיין?

— איך וועל עס נישט פארשטיין?! אויף דער גאנצער וועלט איז נישטא קיין איין פּראפעסיע, וואס איך זאל נישט פאר-שטיין!

— איך, צום ביישפּיל, — האט זיך אנגערופן דער זשורנא-ליסט, לעב פון דעם, וואס איך ליג אין א קבר.

— און איך, — האט אונטערגעכאפּט דער פּאעט, — לעב פון דעם, וואס איך גיי אין א פּרוי, וואס איז אינעווייניק ליידיק...

— און איך, — האט נעשעפּעסטמעסיק א זאג געטון דעם זשורנאליסטס שוועסטער, — לעב פון דעם, וואס מען האלט מיך בא א גרינעם טאראקאן.

— די אלע דריי מלאכות אייערע זענען מיר אינגאנצן פרעמד, — האב איך זיך פאר זיי מודה געווען. — איך מוז צו-געבן, אז מאכן עסיג איז א סך א גרינגערע מלאכה... און גלאט... זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס הייסט, איר לעבט פון דעם, וואס איר ליגט אין קבר?...

— דאס ארבעט איך אזוי בא א טרעפּערקע. זי מאכט דעם אנשטעל, אז זי רופט ארויס גייסטער פון יענער וועלט; מען קומט צו איר, זי זאל טרעפן, ליג איך אין קבר און ענטפער פון דארטן אויף אלע פראגן... אמת טאקע, מיינע ענטפערס צייכנען זיך נישט אויס מיט קיין באזונדער קלוגשאפט; גאנץ אפט ענטפער איך אזוי, אז עס קלעפּט זיך נישט א ווארט צו א ווארט, אבער דאס איז א קלייניקייט. ווי נאריש מיינע ענטפערס זאלן נישט זיין, זענען זיי נאך אלץ קלוגער פון די אידיאטישע פראגן, וואס מען שטעלט מיר.

— נו, און איר ? — האָב איך זיך געווענדט צום פּאָעט. — וואָס פאַר אַ מלאכה איז דאָס אייערע, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס איר „גייט אין אַ פרוי, וואָס איז אינעווייניק ליידיק״ ? וואָס פאַר אַ חינט האָט אייך אַהין פאַרטראָגן ?

— נישט קיין ווינט, נאָר דער הונגער... דאָס איז אַ גרויסע, אַ ריזיקע גרויסע פרוי, געמאַכט פון קאַרדאָן און לייוונט. איך קריך אַריין אינעווייניק און הייב אָן שפּאַנען איבער די גאַסן, שלעפּנדיק אויף זיך דאָס ווייבערישע פאַרזעניש, וואָס איז אינעווייניק ליידיק און וואָס האַלט אין די לאַפּעס אַ ראַשיקע רעקלאַמע פון אַ געוויסן רעסטאָראַן.

— יאָ, איך מוז צוגעבן, — האָב איך געזאָגט, — אייערע מלאכות זענען ווירקלעך אויסערגעוויינלעכע, און איצט, טייערינקע, — האָב איך זיך געווענדט צום זשורנאַליסטס שוועסטער, — דערקלערט מיר, אין וואָס באַשטייט אייער מלאכה, וואָס מען „האַלט אייך בײַ אַ גרינעם טאַראַקאַן״ ?

— לאַכט, לאַכט. ווען נישט דער גרינער טאַראַקאַן וואָלט איך געשטאָרבן פאַר הונגער... דער טאַראַקאַן אַליין, אייגנטלעך, איז נישט קיין גרינער, נאָר אַ ברוינער. אָבער דאָס רייט-זאַטעלע, וואָס ער טראָגט אויף זיך איז גרין. און דערפאַר דאַרף איך אויפן רעכטן אַקסל טראָגן אַ גרין שלייפל... וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי מאָדנע ? איר פאַרשטייט נישט, וואָס איך רעד צו אייך ? דאָס איז גאַנץ איינפאַך : דאָ איז איינגעפירט אַ קאָנקורס-געיעג פון טאַראַקאַנען און מײַן אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס איך פאַרשרייַ זיי. אַ יאָ, גאַנץ איינפאַך ?

— זייער איינפאַך. און נישט נאָר איינפאַך, נאָר טאַקע קלאָר, ווי דער טאָג. איינער ליגט אין קבר, דער צווייטער גייט אין אַ פרוי, וואָס איז אינעווייניק ליידיק און דער דריטער האַלט זיך מיט אַ גרינעם טאַראַקאַן.

ווען איך בין אַוועק פון זיי האָב איך געטראַכט :

— אַך, ווי שטאַרק עס איז נאָך דער רוסישער מענטש, ווען דער קבר נעמט אים נישט, אַ ווײַבערשע פאַרזעניש, וואָס איז

געוויינליך ליידיק, שרעקט אים נישט און א טאראקאן גיט אים ברויט צו עסן...

דאס איז איין זייט — די שיינע זייט — פון דער רוסישער באטור.

און אט איז די אנדערע זייט...

# נאך א קבר.

עס טרעפט זיך אמאל — מען ווייסט אליין נישט פארוואס און פאר ווען — און עס ווערט מיטאמאל אזוי פריילעך אויפן הארץ, אז עס גלוסט זיך אזש טאנצן פאר פרייד און מען האט חשק ארומצונעמען די גאנצע וועלט און זיך צעקושן מיט איר.

אין אזעלכע מינוטן איז זייער אנגענעם צו שפאנען גלאט אזוי איבער די גאסן און זיך צו קוקן אויף יעדער קלייניקייט, וואס גיט זיך אווארף אין די אויגן: אויף א טערק, וואס מאכט געוואלטן, אויסשרייענדיק די סחורה, וואס ער פארקויפט; אויף א גריך, וואס לויפט פון רעסטאראן הענדום-פענדום און טראגט אין די הענט א טעלערל, אויף וועלכן עס ליגט א ביסל געקאכטע רייז מיט א שטיקל שעפסן-פלייש; אויף א שוי-פענצטער פון א פאטאגראפיע, וואו עס שטייען אויסגעשטעלט די בילדער פון פעטע, באוואפנטע גריכישע ווייבער, וועלכע האבן א שוואכקייט זיך צו פאטאגראפירן דווקא לעבן אזא זאך, וואס קומט אויס ווי א פיאנע, אדער לעבן א פאפירענעם פערד, וואס מען קען רויק און אן מורא ארומנעמען פארן האלז — אלץ רופט ארויס א יום-טובדיקע שטימונג, אלץ רופט ארויס פרייד אין הארץ און מען מוז אין זיך שמייכלען, אדער זיך פארקלערן אויף א ווייל...

און ווען מען איז אין אט אזא שטימונג, איז זייער אנגענעם ארייננצוגיין אין א ליכטיקן און ציכטיקן רעסטאראנדל, אויסטרינ-

קען א קאלט גלאז ביר און מאכן א סוף פון א געשמאקן קאטלעט און דערביי בלאנדזשען מיט די אויגן אויף דעם אומפארמיידלעכן פארטרעט פון וועניזעלאסן, וואס הענגט אויף דער וואנט און איז אנגעפיקעוועט מיט פליגן און אויף די גאנצע בויגנס פליגן-פאפיר, וואס ליגן אומעטום און קיין איין פליג איז אויף זיי נישטא, פונקט ווי זיי וואלטן געטון וועניזעלאסעס פארטרעט אויף צו להכעיס.

דא נישט לאנג צוריק בין איך גראד געווען אין אזא געהויבענער שטימונג, בין איך אריינגעגאנגען אין א רעסטאראן און זיך אוועקגעזעצט בא א טישל. באלד איז צו מיר צוגעגאנגען די קעלנערין, א שיינע רוסישע דאמע און, מאכנדיק א מינע פון אן אריסטאקראטקע, וואס לעבט אין די צייטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע און וועמען מען פירט פונקט איצט צו דער גיליאטינע, מען זאל איר אפהאקן דעם קאפ, האט זי שטיל געפרעגט:

— וואס פארלאנגט איר?

— איך פארלאנג ארומצונעמען די גאנצע וועלט און זיך צעקושן מיט איר, — האב איך געענטפערט גאנץ ערנסט און קוים איינגעהאלטן מיין פרייד, אז איך זאל זיך נישט צעזינגען אינמיטן דערינען.

— פארוואס זענען אלע מענער גערעטן איינער אין אנדערן? — האט די דאמע גלייך גענומען האבן טענות צו מיר. — איר אלע מיינט טאקע, אז ווייל מיר זענען אזוי געשטראפט, אז מיר מוזן דא ארבעטן אלס קעלנערינס אין די רעסטאראנען מעג מען אונז שוין מאכן אלערליי מיאוסע פארשלאגן?

האב איך איר געגעבן מיין ערנווארט, אז אין באצוג צו איר האב איך נישט קיין שום אגרעסיווע פלענער, און דערביי האב איך באשטעלט א קאטלעט פון רינדערן פלייש און א גלאז ביר.

— מיט סאלאט, אדער אן סאלאט? — האט זי איבערגעפרעגט, אבער מיט אזא טאן, פונקט ווי זי וואלט מיר געשטעלט א פראגע: ווען וועט מען מיך שיסן? באלד, אדער שפעטער?

— מיט סאלאט, — האב איך געענטפערט. — באפוצט מיין פאריתומט לעבן מיט א שיינעם סאלאט.

געזאגט האב איך דאס אין שפאס, ווייל איך האב פשוט געוואלט זי ארויספירן פון דער אומעטיקער שטימונג. אבער איך האב גלייך געזען, אז די ארבעט איז ארויסגעווארפן.

— איר זענט אן אנטלאפענע פון רוסלאנד ? — האב איך זי געפרעגט.

— יא, אן אנטלאפענע, — האט זי געענטפערט. — ווארט, וועל איך אייך באלד ברענגען א גלאז ביר און דערנאך — א קאטלעט.

ווען זי האט זיך אומגעקערט צוריק, האב איך איר געזאגט :

— אויב איר ווילט, זעצט זיך אוועק לעבן מיר, וועלן מיר פלוידערן א ביסל. אייך איז אוודאי אומעטיק ?

— אומעטיק ? נו, געוויס איז מיר אומעטיק. וואס דען, עס איז מיר פריילעך ? . . . אך און אך ! אמאל האב איך גאר אנדערש געלעבט ! ארויסגעפארן אין א שיינער קארעטע, געפראוועט די וואזשנע בעלער, און איצט. . . איצט האב איך נישט קיין געלט א פאר שיך זיך צו קויפן.

פונקט אין דער מינוט האב איך געגעבן א זופ דאס ביר און מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז עס איז א ביסל ביטערלעך. . .

— מיין שוועסטער ליגט קראנק. זי האט אנגינא. די באלעבאטים פון דעם הויז, וואו מיר וואוינען, זענען גרייכן און זיי באליידיקן אונז, ווייל מיר זענען רוסישע. . .

איך האב נאך אמאל א זופ געטון דאס ביר. דאס מאל איז עס שוין געווען נאך ביטערער, ווי פריער.

— איר דארפט נישט זיין אזוי פארצווייפלט, — האב איך געפרוווט זי טרייסטן. — גאט וועט העלפן, עס וועלן קומען בעסערע צייטן און עס וועט אונז ווידער זיין גוט.

— איך האב שוין די האפנונג פארלוירן ! — האט זי געענטפערט מיט א זיפץ. — איך האף שוין מער נישט אויף בעסערע צייטן און איך גלייב נישט מער אין קיין זאך. מיין מאן איז גע-

בליבן אין רוסלאנד, בא די באלשעוויקעס; ער האט פון דארטן נישט געקאנט אנטלויפן, און איך בין מער ווי זיכער, אז מען האט אים שוין דערהרגעט.

איך האב ווידער א זופ געטון דאס ביר און אומעטיק ארונטערגעלאזט דעם קאפ.

דאס גוטע יאר ווייסט זיי דארט! נישט אנדערש, נאר זיי מישן אריין גאל אין דעם ביר. עס איז שרעקלעך ביטער.

— עס קאן דאך זיין, אז די באלשעוויקעס האבן אייער מאן נישט דערהרגעט — האב איך געפרואווט זי טרייסטן.

— און אויב זיי האבן אים נישט דערהרגעט, מיינט איר איז דען בעסער? איז ער דארט אוודאי פון הונגער געשטארבן.

א פארזארגטער האב איך גענומען שאקלען מיטן קאפ און, אפברעכנדיק א שטיקל ברויט, האב איך עס גוט באזאלצן און עס אריינגעלייגט אין מויל אריין.

— הם... ווייס ברויט אויפן טיש, — האט די קעלנערין א זאג געטון מיט א זיפץ. — דא קריגט מען ווייס ברויט וויפיל מען וויל נאר אליין. פריש, ווייך, ווייס ברויט. און דארטן איז דאס ברויט פארטרוקנט ווי ליים און געמישט מיט פאלאווע און מיט קלייען... ווען מען שיקט אוועק אהין אזא שטיק ברויט, וואלט עס געקלעקט אויף פיר מענטשן. זיי וואלטן דאס געשלונגען און וואלטן אזש געוויינט פאר פרייד...

דאס וואס זי האט געזאגט, איז טאקע אפשר געווען אמת. אבער דאס ביימעלע, וואס מען האט געזען דורכן פענצטער, האט אומעטיק די צווייגן אנגעבויגן, וועניזעלאסעס פארטרעט האט זיך זייער פארקרומט, דער שטראל, וואס די זון האט ארויפגעווארפן אויף דער וואנט, איז פארלאשן געווארן און דער ביסן ברויט אין מויל האט זיך געשטעלט אין דער ברייט און איך האב אים בשום אופן נישט געקענט ארונטערשלינגען... האב איך ווידער געגעבן א זופ דאס ביר, אבער דאס מאל איז עס שוין געווען אזוי ביטער, אז מען האט עס אין מויל אריין נישט געקאנט נעמען...

מיט א ביטערן שמייכל אויפן פנים האב איך זיך געווענדט צו דער קעלנערין און געזאגט:

— אבער דאס וועט איר דאך צוגעבן, אז דערמיט, וואס איך וועל דא דאס ברויט נישט עסן, וועל איך זיי דארטן גארנישט העלפן...

— זיי וועט שוין קיין זאך נישט העלפן! — האט זי אמאך געטון מיט דער האנט. — ווי זיי פלאגן זיך דארט, נעבעך! ווי זיי מוטשען זיך דארט, נעבעך! זיי ווערן דארטן געשוואלן פאר הונגער. עס איז א שרעק צו קוקן!...

זי האט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאזט גיין ברענגען דעם קאטלעט.

דער קאטלעט איז געווען זייער גוט געמאכט, זאפטיק, מיט סעכערלעך און מיט שמאל געשניטענע שטיקלעך קארטאפ־ליעס.

איך האב אפגעשניטן א שטיקל, באשמירט מיט גארטשיצע און עס באטעמט מיט א שטיקל אוגערקע.

— איך האב געלייענט ערגעץ אין א צייטונג, אדער אין א בוך, אז פון הונגער ווערט געשוואלן דער האלז און הייבט אן פוילן, - האט זי א זאג געטון, קוקנדיק אויף מיר. — קענט איר מיר נישט זאגן, פארוואס דאס איז?

— איך ווייס נישט, — האב איך געענטפערט.

מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז דאס שטיקל קאטלעט, וואס איך האב געהאלטן אויפן גאפל, איז מיטאמאל רויט געווארן, גע־שוואלן געווארן און אינעווייניק האט זיך עפעס גענומען צאפלען, פונקט ווי א ווארעם וואלט דארטן געקראכן...

— יא, יא... — האט די קעלנערין ווייטער גערעדט. — אט אזא וועלט איז דאס! איר דא קענט זיך פארגינען אזא פאר־געניגן, ווי אויפעסן א צוויי־דריי געפרעגלטע קאטלעטן, און דארטן האבן זיי אפילו נישט קיין שייטל האלץ אפצופרעגלען א שטיקל פון א פארפוילטן הערינג...

אך, וויפיל אמת עס איז געווען אין יעדן ווארט, וואס זי האט ארויסגערעדט!... אבער פון יעדן ווארט אירן האט דער קאטלעט דעם טעם פארלוירן און מען האט אים מער אין מויל ארייך נישט געקענט נעמען...

— גיט מיר א חשבון, — האָב איך אויסגערופֿן מיט א זיפֿץ.

זי האָט שנעל געגומען פאַרשרייבן און דערביי האָט זי מיט א גאַליקן שמייכל געזאָגט:

— נישט איינמאָל טרעפֿט: איך פאַרשרייב אין ביכעלע, וואָס מען האָט באַשטעלט, וואָס מען האָט געגעסן, און מיטאַמאָל דער־מאָן איך זיך ווער איך בין און ווי אַזוי איך האָב אַמאָל געלעבט; די קאַרעטעס, די בעלער, די דינסטן אַרום און אַרום... שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן און איך זע נישט, וואָס איך שרייב... די ציפֿערן שפּרינגען מיר פֿאַר די אויגן...

— א גוטן טאָג! — האָב איך אַרויסגעבראָמט.

— פֿאַרוואָס ענדיקט איר נישט דאָס עסן? פֿאַרוואָס אַנט־לויפֿט איר אַזוי שנעל?

— איך לויף אויפֿן בית־הקברות... — איך דענק, אַז איך וועל זיך דאָרטן אויפֿהענגען, אָדער עפּעס אַזוי, באַ דעם ערד...

— יאָ, היינטיקע צייטן איז פֿאַר אונזערס א מענטש קיין אַנדערער אויסוועג נישט געבליבן, ווי נאָר — זיך אויפֿהענגען, — האָט זי איינגעשטימט מיט מיר.

* *

*

נעכטן בין איך ווידער גאָר פּלוצלינג געוואָרן זייער גוט געשטימט. איך האָב מיר געשפּאַצירט אין גאַס, כּמעט אונטערטאַנצנ־דיק פֿאַר גרויס פֿרייד, און מיטאַמאָל איז מיר איינגעפֿאַלן א גע־דאַנק:

— מען דאַרף אַריינגיין אין עפּעס א ליכטיקן, ציכטיקן רעסטאָראַנדל און זיך לאָזן וואויל גיין א ביסל... אָבער — אין י ע נ ע ם רעסטאָראַנדל גיי איך מער נישט אַריין! מער פֿעלט מיר טאַקע נישט, נאָר יענע שיינע דאַמע זאָל מיך ווידער צערודערן און ס׳זאָל אויסקומען, אַז דאָס איינציקע, וואָס ס׳בלייבט מיר צו טון איז — נעמען א שטריקל און זיך אויפֿהענגען!... ניין. אַהין גיי איך מער נישט!...

אונטערפייפנדיק פאר זיך עפּעס א ניגון, בין איך אריין אין אן אנדערן רעסטאראן און... דאס ערשטע, אויף וואס איך האב זיך אנגעשטויסן, איז געווען יענע דאמע, דיזעלבע קעלנערין...

— איר... איר זענט גאר דא? — בין איך געבליבן שטיין א צעטומלטער.

— יא... — האט זי געענטפערט. — איך ארבעט שוין דא... זיצט!... איר פארשטייט א געשיכטע, דער באלעבאס פון יענעם רעסטאראן האט מיך מער נישט געוואלט האלטן... ער זאגט, אז איך ווייס נישט, ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די מענטשן, וואס קומען אריין אין רעסטאראן... דאס איז אבסאלוט א בלבול אויף מיר... פארקערט, איך באגיי זיך זייער גוט מיט די מענטשן, וואס קומען אריין אין רעסטאראן. יעדן איינעם נעם איך אויף ווי אן אייגענעם, ווי א גוטן פריינד, ווי א נאענטן קרוב און אלץ, וואס ס'איז בא מיר אין דער נשמה, דערצייל איך אים... אלזא, וואס וועט איר עסן? יא, איר ווייסט, נעכטן איז בא מיין קראנקער שוועסטער געווען א דאקטאר, און שטעלט אייך פאר: עס ווייזט זיך ארויס, אז זי האט נישט נאר אנגינא, נאר אויך דעזינטעריע... איין אומגליק איז גרעסער פארן אנדערן... איר ווילט זיך אפשר אוועקזעצן בא יענעם טישל? וואס, גיין? וואוהין לויפט איר?!

# אַן אָרנטלעך מיידל.

אויף דער גאַנצער וועלט איז שווער צו קריגן נאָך אַזאַ ערנסטן מענטש, ווי מיין פריינד סטעפאַן פּאָליאַנטאָוו.

זיין נאָמען אַליין האָט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס קלינגט סאָליד און ליטיש — סטעפאַן פּאָליאַנטאָוו.

און דערפאַר טאַקע בין איך שיער נישט פאַרשטיינערט געוואָרן פון איבערראַשונג, ווען ער איז איינמאָל, אין אַ פרילינגס-אָוונט, אַריינגעלאָפן צו מיר אַ פאַרסאָפּעטער און אין איין אָטעם געשריגן:

— נו, גוטער ברודער, באַגריס מיך — איך בין פאַר-ליבט!

ווען אַ גלח פון אַ קלויסטער וואָלט זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע האָר, אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט סאַזשע, אָנגעטאָן אַ רויטן פראַק און וואָלט אַרויף אויף דער בינע אין אַ קאַפע-שאַנטאַן און געזונ-גען נעגערשע לידלעך — וואָלט עס מיך אַזוי נישט איבערראַשט, ווי דאָס, וואָס סטעפאַן פּאָליאַנטאָוו האָט זיך פאַרליבט.

— נישט אַנדערש, נאָר דו ביסט פון זינען אַרונטער! — האָב איך אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— יאָ, דאָס זאָג איך אויך, — האָט ער אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד. — פון אַזאַ מיידל ווי זי, קאָן מען ווירקלעך פון זינען

אראפ. האסט געדארפט זעען, ווי שיין זי איז!... העגטעלעך, פּע־
סעלעך און ליפּעלעך אזעלכע קליינינקע, אז... אז...

— אז מען זעט זיי אזש נישט? — האב איך אים אונטער־
געזאגט.

— גיי אוועק! — איז ער געווארן בייז. — וואס הייסט,
מען זעט זיי נישט? מען זעט זיי יא, אבער זיי זענען אזעלכע
שיינינקע און אזעלכע קליינינקע. און די אויגן ווידער זענען
אזעלכע גרויסע, אז... אז...

— אז זיי פארנעמען אזש בא איר דאס פּנים אין דער לענג
און אין דער ברייט?!

— וואס דיר קאן איינפאלן צו זאגן! — איז ער ווידער גע־
ווארן בייז. — זי האט גלאט שיינע, גרויסע אויגן!... היינט א
נעזעלע...

— נו, אויב אזוי, זעץ זשע זיך אוועק, טרינק אויס א גלאז
וויין און דערצייל מיר, ווער זי איז, וואס זי איז און וואס פאר א
כאראקטער זי האט.

— א כאראקטער? פון א מלאך. ארנטלעך? ביז גאר. היינט,
איר פיינקייט! וואס דארפסטו מער, איך גיי מיט איר אין א רעס־
טאראן — באצאלט זי איר חלק — א דריטל. איך גיי מיט איר
אין טעאטער — באצאלט זי ווידער איר חלק — א דריטל. פאר
איך מיט איר אין טראמוויי...

— אבערווארט א מינוט, — האב איך אים איבערגע־
שלאגן. — וואס פאר א חשבון איז דאס גאר עפּעס — א
דריטל?

— ווייל דער ברודער איז שטענדיק מיט אונז.

— ווענמענס ברודער?

— וואס הייסט וועמענס? איר ברודער! ער איז צו מיר גע־
ווארן צוגעוואקסן ווי אן אייגענער... א דימענטענע נשמה! מיר
גייען אומעטום זאלבעדריט.

רעדן לאנג מיט מיר וועגן זיין געליבטער האט סטעפאן פא־
ליאנטאוו נישט געקאנט. איינמיטן דעריינען האט ער זיך דערמאנט,

אז דארטן ווארט מען שוין אויף אים, האט ער זיך אויף שנעל גע-זעגנט מיט מיר און איז אוועק.

* *

*

אויפן צווייטן טאג איז ער געקומען צו לויפן א צעטרא-גענער.

— זי האט מיך ארויסגעטריבן.

— אט האסטו דיר! פארוואס?

— ווייל איך האב זיך באנארישט און איר אנגעבאטן געלט. דו פארשטייסט, איך האב געזעען, אז אין גרויס ראסקאש לעבן זיי נישט. נו, האב איך געמיינט, פארוואס זאל איך זיי נישט ארויס-העלפן? האסטו געדארפט הערן, ווי דער ברודער האט זיך אויף מיר צעשריגן? זיך געפונען באליידיקט. אט האסטו דיר קאנסטאנטינא-פאל! אבי מען זאגט, אז אלע פרויען פארקויפן זיך דא פאר געלט און אלע מענער לעבן דא דערפון, וואס זיי האנדלען מיט פרויען...

ער האט ארויסגענומען א בילד פון א ווואונדערבאר שיין מיידל און זיך ליידנשאפטלעך צוגעכאפט צו איר מיט די ליפן.

— לאז מיך אויך א קוש טון דאס מיידל. — האב איך זיך בא אים געבעטן.

— נא, — האט ער מיר דערלאנגט דאס בילד. — קוש וויפיל דו ווילסט. איך בין זיכער, אז ווען דו וואלסט זי געקענט, וואלסטו זיך אויך פארליבט אין איר. אזא גילדענע נשמה! אזא ארנטלעך מיידל!...

מיר האבןביידע, נאך דער ריי, גוט אויסגעקושט דאס בילד, איך א קוש, ער א קוש... ער א קוש, איך א קוש. דערנאך זע-נען מיר לאנג געזעסן און געקוקט איינער אויפן אנדערן מיט טרערן אין די אויגן...

— דו האסט איר אודאי אנגעבאטן געלט אויף א גראבן שטייגער, — האב איך אים געזאגט מיט א טאן פון מוסר. — און דערפאר טאקע האט זי זיך באליידיקט און האט דיך ארויסגעטריבן... ווען דו וואלסט דאס אבער געטון אידע-לער...

— ווי אזוי א שטייגער?

— גיב איר א וועקסל אויף א קיילעכדיקער סומע און מאך דערביי אן אנשטעל, אז ס'זאל הייסן אזוי: א מענטש איז דאך נישט בא זיך אין די הענט, און אזוי ווי עס קען דאך געשעען, אז דו זאלסט גאר פלוצלינג שטארבן, נו, ווילסטו, אז די פרוי, וואס איז דיר ליבער, ווי אלץ אין דער וועלט, זאל נאך דיין טויט נישט דארפן ליידן קיין נויט... וואס פאר א סומע האסטו איר געהאט אנגעבאטן?

— פינף הונדערט לירעס.

— נו, שרייב זשע איר אן א וועקסל פונקט אויף אזא סו-מע און לייג עס אריין אין א קעסטעלע שאקאלאד. דו פארשטייסט, א וועקסל אין א קעסטל שאקאלאד — דאס איז איידעלער ווי געלט אין א לאפע.

— און אויב זי וועט זיך ווידער באליידיקן און וועט מיך ווידער ארויסטרייבן?

— נישט אין קאנסטאנטינאפאל...

פאליאנטאוו איז אוועק.

* *
*

פאליאנטאוו איז געקומען צו לויפן:

— וואס ווייסטו, וואס דארטן האט זיך אפגעטון! זי האט גע-ווינט. געפאלן אין חלשות. „אזוי גאר! — האט זי געשריגן. — האסטו, הייסט עס, געמיינט, אז איך האב דיך ליב פאר געלט?! אוועק פון מיר! אוועק!“ צוויי שעה נאכאנאנד בין איך פאר איר

אויף די קני געפאלן. איך האב איר געזאגט, אז אויב זי וועט נישט נעמען דאס וועקסל, וועל איך לויפן צום באספאר און וועל זיך דערטרינקען. און ווען זי האט דאס דערהערט, האט זי זיך דערשראקן און צוגענומען דאס וועקסל. זי האט מיך אבער געבעטן, אז איך זאל דעם ברודער וועגן דעם א ווארט נישט דערמאנען.

— נו, זעסטו שוין, אז איך בין געווען גערעכט.

מיט צוויי טעג שפעטער איז געשען אזא זאך, וואס האט צערודערט נישט נאר פאליאנטאוון, נאר מיך אויך.

— דו פארשטייסט, — האט ער מיר דערציילט, — עס האט זיך אנגעהויבן פון דעם, וואס זי האט אין טעאטער א קוק געטון אויף עפעס א ייִנגנמאן און איך בין געווארן אייפערזיכטיק... ווען מיר זענען געקומען אהיים, האב איך גענומען האבן טענות צו איר, געזאגט, אז איך האב זיך איבערצייגט אין דעם, אז זי האט מיך נישט ליב. האט זי אנגעהויבן וויינען. „הייסט עס — זאגט זי, — אז דו מיינסט, אז איך טרעף זיך מיט דיר בלויז צוליב וויגאדעס; צוליב געלט? טא, נא־זשע דיר!..." און דא האט זי פון שקאטולקע ארויסגעכאפט דאס וועקסל, עס צעריסן אויף פיץ־פיצלעך און עס מיר א שליידער געטון צו די פיס.

— אט דאס הייסט אן ארנטלעך מיידל! — האב איך אויסגעשריגן. — זי איז דאך ממש א נאסטאסיא פיליפאוונא פון דאסטאיעווסקיס „אידיאט"!... און וואס דענקסטו איצט צו טון?

— איך האב איר שוין אנגעשריבן אן אנדער וועקסל. בא א געלעגנהייט, וועל איך עס איר געבן.

— אט האסטו דיר קאנסטאנטינאפאל! — האב איך געשאקלט מיטן קאפ. — אבי מען זאגט, אז דא איז שווער צו געפינען אן ארנטלעך מיידל...

פאר גרויס נחת האבן מיר ביידע געשיינט ווי די זון. צוויי זונען אין איין צימער — דאס איז ווירקלעך געווען א זעלטענע אסטראנאמישע דערשיינונג.

* *
*

זיך איבערגעבעטן ! — האט פאליאנטאוו מיר אנגעזאגט די בשורה, טרעפנדיק מיך אין גאס. — קוים מיט צרות געפועלט בא איר, אז זי זאל צונעמען דאס וועקסל.

קיין איינצלהייטן האט ער מיר נישט געקאנט דערציילן, ווייל ער האט זיך שטארק געאיילט.

אבער אויף מארגן איז ווידער געשען א נייעס.

— דאס איז א פייער, זאג איך דיר, און נישט קיין מיידל, — האט פאליאנטאוו אויסגעשריגן אזוי שנעל, ווי ער איז ארייגעקומען צו מיר. — דאס מאל בין איך שוין נישט געווען אייפערזיכטיק אויף איר, נאר זי אויף מיר...

— נו און וואס ?

— נו און זי האט צעריסן דאס צווייטע וועקסל אויך און עס מיר א שליידער געטון צו די פיס !

— גיב איר א דריט וועקסל ! — האב איך אויסגעשריגן מיט באגייסטערונג. — זי פארדינט דאס.

* *
*

באכדעם איז דאס אוועק א גאנג און אנגעגומען אזא פארמע, אז מען האט געקאנט זאגן, אז די פאסירונגען קלאפן ריטמיש...

עס איז געווען גענוג, אז עס זאל זיך דעם ארנטלעכן מיידל אויסדאכטן, אז מיין פריינד האט א קוק געטון אויף אן אנדערער פרוי ; עס איז געווען גענוג, אז עס זאל איר נישט געפעלן עפעס א ווארט, וואס ער זאגט, און — זי האט גלייך מיט כעס ארויסגעכאפט דאס וועקסל פון דער שקאטולקע און עס צעריסן אויף שטיקלעך.

און מיין פריינד איז אלץ געקומען צולויפן צו מיר א צע-

טראגענער און געבעטן אן עצה; איך האב אים געהאלפן קרעכצן און דערנאך איז בא אונז ביידע געבליבן, אז קיין זאך וועט איר, דעם ארנטלעכן מיידל, נישט העלפן — זי וועט מוזן קריגן אן אנדער וועקסל...

זעקס מאל האט זיך די זעלבע געשיכטע ווידערהאלט. זעקס מאל האט מיין פריינד דעם ארנטלעכן מיידל א וועקסל געגעבן, זעקס מאל האט זי מיט כעס די וועקסלען צעריסן, און זעקס מאל האב איך מיין פרײנד געהאלפן קרעכצן און וויינען...

* *

*

און היינט איז פאליאנטאוו געקומען צו מיר אזא צעטראגע־נער, אז ס׳איז איינפאך געווען א שרעק צו קוקן אויף אים.

— דאס זעקסטע וועקסל אויך צעריסן? — האב איך גע־פרעגט טרעפן.

ער איז געזעסן א שוויגנדיקער און בייז געביסן די גאלקע פונם שטעקעלע.

— וואס שוויגסטו?... פארוואס דערציילסטו מיר נישט, וואס עס מאכט עפעס אונזער ליכטיקע נשמה?

— א ניכפה וואלט אויף איר געמעגט קומען, אויף דער ליכ־טיקער נשמה אונזערער! — איז ער געווארן אין כעס און געגעבן א זעץ מיטן שטעקעלע איבערן ווייכן דיוואן. — ווען מען וואלט זי, די מיאוסע שקאפע, געדארפט אויפהענגען, וואלט איך געווען דער ערשטער צו געבן אן אנגעזייפט שטריקל!

— הער זיך איין, פאליאנטאוו, — האב איך אנגעהויבן צו ווערן אין כעס. — אלץ האט א גרענעץ.

— שוויג בעסער! — האט ער אויסגעשריגן נערוועז. — קיין גרענעץ!

און כמעט מיט טרערן אין די אויגן האט ער גענומען סענהן:

— פארוואס קומט עס מיר ארייננצופאלן אין אזא לאגע, אז —

אדער איך זאל דארפן באצאלן דריי טויזנט לירעס, אדער — זיצן אין געפענגעניש?

— איך פארשטיי נישט, וואס דו רעדסט! וואס פאר דריי טויזנט לירעס?

— לויט די וועקסלען, וואס איך האב געגעבן יענער פאס-קודנער מויד!

— אבער ווארט... ווי די זאך זאל נישט זיין — האט זי דאך אויף דיר נישט מער, ווי איין וועקסל.

— עס הייבט זיך גארנישט אן. זי האט אלע זעקס...

— ווי קאן זי האבן אלע זעקס, אז זי האט דאך פינף וועקס-לען צעריסן?

די, וואס זי האט צעריסן, זענען געווען פאלשע, נאכגעמאכ-טע... און דאס האט ער, דער אלפאנס אירער, מיינע וועקסלען נאכגעמאכט.

— ווער, מיינסטו? די „דימענטענע נשמה", איר ברודער?

— וואס ברודער, ווער ברודער?! ער איז אזוי איר ברו-דער, פונקט ווי דו ביסט מיין שווער? דו פארשטייסט, איך קום צו גיין צו איר מיט טענות, שפרינגט ער ארויס און מאכט צו מיר אזוי: „הערט זיך איין, יינגערמאן, אויב איר וועט זיך נישט אפ-טשעפען פון מיין ווייב, אויב איר וועט זי נישט אויפהערן פארפאלגן מיט אייער ליבע, וועל איך דאס מעלדן דער ענגלישער פאלי-ציי..." — „נו, און וואס איז מיט מיינע וועקסלען?!..." — „דאס, זאגט ער, זענען אייערע פריוואטע געשעפטלעכע חשבונות. צי איר האט איר געגעבן וועקסלען, ווייל איר האט ביי איר גע-קויפט סאדע-וואסער, אדער לעדערנע פאדעשוועס — דאס גייט מיך נישט אן... איר קענט דאך נישט לייקענען, אז דער אונטערשריפט אויף די וועקסלען איז אייערער..." נו, ווי געפעלט עס דיר? סאדע-וואסער!!! לעדערנע פאדעשוועס?!

— דעם אמת זאגנדיק, — האב איך צוגעגעבן. — טוט עס מיר א ביסל הנאה... איך הייב אן גלייבן, אז מיין מיינונג וועגן קאנסטאנטינאפאל איז טאקע א ריכטיקע...

— וואס מיינסטו?

— איך מיין גאנץ פשוט, — האָב איך געענטפערט. — אַ מיידל איז דאַ נישט קיין מיידל, אַ ברודער איז דאַ נישט קיין ברודער, אַ צעריסן ועקסל איז נישט קיין צעריסן, און ליבע איז דאַ אַ לעדערנע פאַדעשווע. אַלץ הייסט עס, איז אין בעסטן אָרדנונג — עס איז דאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל!

— אָבער וואָס טוט מען מיט די וועקסלען?

— וואָס הייסט, וואָס מען טוט? האָסט געלט?

— די לעצטע דריי טויזנט לירעס. מער פאַרמאָג איך נישט.

— נו, מאַך זשע נישט קיין טענות און באַצאָל... עס איז אַ באַשערטע זאַך און מען קען זיך גאַרנישט העלפן...

# א דועל אין גלות.

די געשיכטע, וואס איך קלויב זיך איצט דערציילן, איז זייער כאראקטעריסטיש פאר דעם לעבן פון די רוסישע לייט אין קאנסטאנטינאפאל. און נישט נאר זייער כאראקטעריסטיש, נאר אויך זייער פארביק. און דערפאר טאקע האב איך גרויס חשק דאס אנצושרייבן אין דער פארם פון א היסטארישן ראמאן.

* *
*

עס איז געווען א שיינער, זומערדיקער פרימארגן, אינם יאר 1921.

איבעריקנס, איז דאס נישט ריכטיק. עס איז גארנישט געווען קיין פרימארגן, נאר אן אוונט.

איז דאך א פראגע : פארוואס-זשע זאג איך, אז ס׳איז געווען א פרימארגן ?

איז דער תירוץ : איך זאג דאס דערפאר, ווייל אלע רוסישע היסטארישע ראמאנען הייבן זיך אן אזוי. . .

דער אמת אבער איז, אז פארפלאנטערט האט זיך דער ראמאן, וואס איך וויל דא אנשרייבן, נישט אינדערפרי, נאר אויף דער נאכט.

און פארפלאנטערט האט ער זיך אזוי:

בישט מעלדנדיק זיך פריער, איז דער גראף בעזוכאוו אריינ-געקומען אין דעם צימער פון זיין ווייב און געטראפן די לעצטע (זי איז בא אים טאקע געווען די ערשטע אויך) — אין די ארעמס פון זיין פריינד פירשט באלקאנסקי.

דאס איז געווען גענוג.

באלד האט זיך אפגעשפילט א שרעקלעכע סצענע.

— מיין הער! האט דער מאן אויסגעשריגן בייז.

— מיין הער גאר?

— יא, מיין הער! ווייסט איר, אז מיט אזא אויפפירונג צע-שטערט איר מיין פאמיליען-גליק?

— איר וועט מיר אנטשולדיקן. איך וועל אייך בעטן, אז איר זאלט געדענקען, אז דא געפינט זיך א דאמע און ס'איז נישט שיין צו שרייען אזוי הויך... זיך צעשריגן א ביסל! און פרעגט אים פארוואס?!...

פארבייסנדיק די אונטערשטע ליפ, האט דער גראף, א בלא-סער, נישט רעדנדיק קיין ווארט, א שליידער געטון די הענטשקע דעם פירשט אין פנים אריין.

— איך האף, אז איר פארשטייט, וואס דאס באדייט?! — האט ער אן אנגעכמורעטער ארויסגעברומט.

— איך בין גרייט, — האט קאלט געענטפערט דער פירשט באלקאנסקי און זיך פארנייגט.

— מיינע סעקונדאנטן וועלן זיין בא אייך מארגן צען א זייגער אינדערפרי.

— אפילו ניין, — האט דער פירשט געענטפערט וואזשנע און גענומען דעם הוט אין האנט.

*

מיט דער צושטימונג פון ביידע צדדים איז באשלאסן געווארן,

אז דער דועל זאָל פּאַרקומען מאָרגן, און אז שיסן אייגער אויף אַנדערן זאָל מען פון פּיסטאָלעטן.

נאָכדעם, ווי עס זענען שוין געווען אויסגעאַרבעט אַלע איינצלהייטן, האָט דער סעקונדאַנט פון גראַף, דער פּולקאָווניק ג., זיך געווענדט צום סעקונדאַנט פונם פירשט, דעם קאַרנעט ראַסטאַוו, און אים געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— און איצט זאָגט מיר, דער פירשט האָט פּיסטאָלעטן?

— ניין, ער האָט נישט.

— טאָ, אפשר האָט איר?

— איך? ווי קומט צו מיר אַזאַ זאַך, ווי דועל־פּיסטאָלעטן? ווען איך בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָב איך פאַרכאַפּט מיט זיך אַ קליין רענצעלע. מיטגענומען בלויז דאָס נייטיקסטע. נו, ווי האָב איך געקאָנט אין זינען האָבן מיטצונעמען דועל־פּיסטאָלעטן?

— דער גראַף האָט אויך נישט מיט וואָס צו גיין אויפן דועל. וואָס זשע טוט מען איצט? אפשר קאָן מען באַ עמעצן באָרגן אַ פּאָר פּיסטאָלעטן? דאַכט זיך, אַז באַם באַראָן בערג קאָן מען קריגן?

— באַ וועמען, זאָגט איר, באַם באַראָן בערג? געטראָפן דאָס אָרט! יענער פאַרקויפט שפּעטנע ציגעלעך אין גאַס און האָט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, וועט ער גיין האַלטן באַ זיך אַזאַ טייערע זאַך, ווי אַ קעסטל מיט דועל־פּיסטאָלעטן. ער וואָלט דאָס שוין לאַנג פאַרזעצט!

פאַראומערטע זענען די סעקונדאַנטן אוועק צוריק צו די, וואָס האָבן זיי געשיקט.

— נו, וואָס? — האָט מיט אומגעדולד געפרעגט דער גראַף בעזוכאָוו און די אויגן האָבן באַ אים געברענט. — אַלץ אין פּאָרטיק?

— אַ גלענצטיקער טאָג! נישטאָ קיין פּיסטאָלעטן.

— אַט האָסטו דיר! אפשר קאָן מען דאָס באָרגן באַם באַראָן בערג?

— יאַ, באַם באַראַן בערג קאָן מען איצט קריגן שעפּסענע ציגעלעך, אָבער נישט קיין דועל־פּיסטאָלעטן...

— נו, קאָן מען אפשר קויפן אַ פּאָר דועל־פּיסטאָלעטן, אויב זיי קאָסטן נאָר נישט צו טייער...

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, עקסעלענץ, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז איר זענט, אַפנים, ווייניק באַקאַנט מיט דעם לעבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָ קענט איר גיין פון קראָם צו קראָם און נישט קריגן אַזאַ זאַך, ווי דועל־פּיסטאָלעטן. פאַר וועמען זאָלן זיי דאָס האַלטן? פאַר די גרעקן, וואָס פאַרקויפן מאַסלינעס און כאַלוואַ?... זיי ציען אונטער זייערע חשבונות אַן דועלן. ווען זיי זענען ברוגז איינער אויפן אַנדערן, זעצן זיי זיך אויס די ציין — און פאַרטיק. צווישן די היגע גרעקן קענט איר זוכן מיט ליכט און נישט געפינען קיין איין לענסקי, קיין איין פּעטשאָרין...

— הם! יאַ־יאַ... דאָס איז נישט גוט... אַ מאָדנע לאַגע. מען קען זיך דאָך אָבער פאַרט נישט אָפּזאָגן פונם דועל!

— איבעריקנס, איך וועל נאָך פּרוּוון. עס קאָן זיין, אַז אין דעם מאַגאַזין „אָקאַזיאָן“ זאָל זיך גראָד האָבן פאַרוואַלגערט אַ קעסטל מיט דועל־פּיסטאָלעטן...

* *

*

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— קריגט מען אפשר בא אייך דועל־פּיסטאָלעטן?

— בא אונז קריגט מען אַלץ! טערקישע טעפּיכער, בילדער, בריליאַנטן, ליולקעס...

— איך דאַרף נישט קיין ליולקעס. מיט ליולקעס קען מען נישט שיסן.

— אַנטשולדיקט, שיסן? איר האָט אַ דועל?

— ניין, נישט איך, מיינער אַ פריינד. איך בין זיין סעקונדאַנט.

— אהא, איצט פארשטיי איך. זיצט! באלד קריגט איר בא אונז פיסטאלעטן. וויפיל דארפט איר, איין פאר?

— נו, געוויס, איין פאר, נישט קיין צוויי.

— ניין, איר האט מיך נישט פארשטאנען. איך האב געמיינט צו פרעגן: אפשר וועט ער זיך באגיין מיט איינעם?

— וואס פאר א נארישקייטן רעדט איר! ווי איז דאס מעגלעך א דועל צווישן צוויי מענטשן מיט איין פיסטאלעט?!

— פארוואס נישט? פריער שיסט איינער, און אויב ער טרעפט נישט, גיט ער דעם פיסטאלעט דעם צווייטן... דאס קאסט ביליקער.

— איר רעדט נארישקייטן! זאגט מיר בעסער, וויפיל קאסטן צוויי?

— אייך וועט דאס קאסטן צוויי הונדערט לירעס.

— צופיל געלט. אזעלכע פיסטאלעטן האבן נישט די ווערט מער, ווי זעכציק לירעס!

— פאר אזא פרייז קענען מיר זיי נישט פארקויפן. קוקט אן, וואס פאר פיסטאלעטן דאס זענען! פינף מענטשן מיט איינמאל קען מען שיסן דורך און דורך.

— עס קען זיין, אבער, ליידער, האבן מיר נישט מער ווי צוויי מענטשן, וואס ווילן שיסן איינער דעם אנדערן... אלזא, פאר הונדערט לירעס קענט איר זיי פארקויפן?

— אוממעגלעך.

*

* *

— נו, וואס?

— דער טייוול ווייסט אים. נישט אנדערש נאר, ער איז פון זינען ארונטער, אדער ער וויל גלאט נישט, אז מענטשן זאלן זיך שיסן. שטעלט אייך פאר, ווייניקער ווי צוויי הונדערט לירעס פאר

צוויי פיסטאלעטן ווייל ער נישט! אלזא, זאגט מיר דעם אמת, וויפיל קענט איר דערויף אויסגעבן?

— הם... איך קען דערויף אויסגעבן, אלץ וואס איך פארמאג.

— און וויפיל פארמאגט איר?

— פערציג לירעס.

— ווייסט איר, וואס איך וועל אייך גאר זאגן? פארוואס זאלט איר אויסשטיין אלע הוצאות? זאל דער פירשט אויך ביי־טראגן א העלפט!

— דאס איז אבער נישט שיין... איך האב דאך אים ארויס־גערופן אויף א דועל, נישט ער מיך... עס פאסט נישט זיך צו ווענדן צו אים, אז ער זאל אויך געבן צושטייער אויף די פיסטא־לעטן.

— אין קאנסטאנטינאפאל פאסט אלץ... און אט וועט איר זען, ווי איך וועל אים נאך צווינגען צו געבן צו שטייער א העלפט פארן דאקטאר אויך!...

* *

*

דאס ראד האט זיך גענומען דרייען.

דער פולקאווניק ב. איז אוועק צום קארנעט ראסטאוו און גע־פאדערט, אז דער פירשט באלקאנסקי זאל אויף זיין חלק ביישטייערן פאר די פיסטאלעטן פערציק לירעס; איז דער קארנעט אוועק צום פירשט, אבער דער פירשט האט אינגאנצן פארמאגט נישט מער, ווי פינף און צוואנציק לירעס; איז דער קארנעט אוועק צום פולקאווניק, דער פולקאווניק האט געטענהט, אז דער פירשט זאל כאטש נעמען דעם דאקטאר אויף זיך. דערנאך זענען ביידע, דער פולקאווניק און דער קארנעט, אוועק אין מאגאזין און זיך גענומען דינגען...

מען האט זיך געדונגען און געדונגען ביז דער קרעמער האט פון די צוויי הונדערט לירעס ארונטערגעלאזט פינפציק. ער האט

געזאגט, אז ער קאן די צווי דועל־פּיסטאלעטן פאַרקויפן פאַר הונ־דערט און פינפציק לירעס, אבער — אָן קוילן... די סעקונדאנטן ווידער האבן פאַר די פּיסטאלעטן אנגעבאטן זעכציק לירעס, מיט קוילן. ווען זיי האבן געזען, אז זיי קענען מיטן קרעמער נישט אויס־קומען איבער דער פּרייז, זענען זיי אוועק. דער פּולקאָווניק — צום גראף, דער קאַרנעט — צום פירשט.

— וואס טוט מען?

דאן האט דער גראף פאָרגעשלאגן דעם פּולקאָווניק, אז ער זאל די פּיסטאלעטן בעמען אויף פּראקאט. ער זאל זיי פּשוט באָרגן אויף א טאג און דערנאך זאל ער זיי אפּגעבן. איז דער פּולקאָווניק אוועק צום קאַרנעט און ביידע זענען זיי ווידער אוועק צום קרע־מער; דער קרעמער האט איינגעשטימט צו געבן די פּיסטאלעטן אויף פּראקאט, ער האט אבער געפאָדערט, אז מען זאל בא אים איינלייגן הונדערט און פינפציק לירעס פאַר א משכּון.

ביידע סעקונדאנטן זענען ווידער אוועק צו די, וואס האבן זיי געשיקט; האט דער גראף איינגעשטימט צו געבן אלס א משכּון דעם ווייבס א גילדענע בראש, וואס האט די ווערט הונדערט ליר, ער האט אבער דערביי געפאָדערט, אז דער פירשט זאל דערלייגן דאס איבעריקע.

דאן איז דער קאַרנעט אוועק צום פירשט מיט דעם פאָר־שלאג, עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז דער פירשט פאַרמאגט שוין איצט נישט מער, ווי פינפצען לירעס.

דאן האט דער גראף, דורך זיין סעקונדאנט, געלאזט וויסן, אז דער פירשט סאבאטירט דעם דועל, און דער פירשט האט, דורך זיין סעקונדאנט געלאזט וויסן, אז ארעמקייט איז נישט קיין סא־באטאזש, און אז ער קען געבן זיין ערנוואָרט, אז אויב דער גראף וועט פאַר אים אויסלייגן דאס געלט, וואס ער דאַרףביישטייערן אויף די פּיסטאלעטן, וועט ער אים קיינמאל די טובה נישט פאַר־געסן און אזוי שנעל, ווי ער וועט האבן געלט, וועט ער אפּ־געבן; דער גראף האט שוין שיער־שיער נישט געהאט איינגע־שטימט דערויף, אבער דא איז צוגעקומען א נייע צרה: די גריפּ־פּין, איבער וועמען עס איז געוואָרן דער גאנצער טומל, האט זיך

געבומען קאכן: „וואס הייסט, — האט זי געזאגט, — ער איז א מילדער אויף דיין השבון! ער זאגט צו, אז ער וועט שפעטער באצאלן, ווייל דא וועט דאך זיין איינס פון די צוויי: וועט ער דיך דערהרגענען, וועט ער דאך נישט האבן וועמען צו באצאלן, און אויב דו וועסט אים דערהרגענען, וועט ער דאך אוודאי נישט דארפן באצאלן... און אזוי ווי מיין צירונג איז דא אין קאן, ווייל איך עס נישט פארלירן איבער אייער נארישן דועל״... דער גראף האט אפילו געפרווט ענטפערן, אז מען קען נישט זאגן, אז דאס איז א נארישער דועל, ווייל עס האנדלט זיך דאך וועגן איר ערע. אבער די גרעפין האט זיך נישט געלאזט פאררעדן די ציין; זי האט געזאגט, אז די ערע האט בא איר קיין ווערט נישט, ווען ס'איז נישטא וואס צו עסן; און דא איז אין מיטן דעריבער אנגעקומען א שליח פון קראם, פרעגן צי מען וועט נעמען די פיסטאלעטן צי ניין, איז דער גראף געווארן פארצווייפלט און געשיקט דעם שליח צום פירשט. און די גרעפין איז געווארן אין כעס און געשיקט דעם שליח צום טייוול...

און אזוי איז זיך די צייט געגאנגען, ביז דער אסיען איז געקומען.

* *

*

א, איר, לענסקיס, פעטשאריגס, אניעגינס און גרושניצקיס! איר זענט געווען גרויסע בריות צו האלטן פאסאן און אנהאלטן דעם געהויבענעם שטעל. ווען אלץ איז אייך געווען צו דער האנט — פיסטאלעטן, קאמערדינער, קארעטן און רייט-פערד... אין יענע צייטן איז געווען גאר עפעס אנדערש! ... „א דועל? ביטע שיין! דא און דא... דאן און דאן... מיט פיסטאלעטן״... אבער א נו, פרוווט, הויכגעשעצטער הער לענסקי, און זייט אזא בריה דאן, ווען מען דארף זיך שלעפן פון איין מאגאזין אין אנדערן, זיך דינגען איבער גראשנס טעג און וואכן, פירן פארהאנדלונגען מיט אניעגיבען וועגן דעם, וויפיל ער זאל געבן צושטייער אויף די פיסטא-

לעטן און קריגן פון אים אן ענטפער, אז ער האט נישט א גראשן בא דער נשמה... דאן וועט איר זיך נישט אוועקשטעלן זינגען:

אומרו לי יאַ
סטרעלאַי פראַנזיאַנני

דאן וועט איר זינגען א לידל פון גאר אן אנדער אפערע. און דאס לידל וועט גיין אזוי:

— פאַמערעט ניע פאַמערלאַ
טאַלקאַ ורעמיאַ פראַוויעלאַ

* *
*

עס איז, נעבעך, א גרויס רחמנות אויף אונז...
אפילו אזא זאך, ווי אוועקהרגענען אײנער דעם אנדערן אויף אן אנשטענדיקן אופן, קאנען מיר איצט נישט איספירן!

## פונקט געטראָפן.

זייער א שיינע דאמע האט אנגעשפּארט דאס קעפּל בא מיר אויף דער ברוסט און מיט א זיסער און אנגענעמער שטימע שטיל געזאגט:

— גייט צו א טרעפער!

— וואָ-אַ-ס?

— איך זאג אייך — גייט צו א טרעפער! פאלגט מיך און גייט! אין אלגעמיין מוז איך אייך זאגן, אז דאס טרעפן אויף דער האנט איז א וואונדערבארע זאך. ספּעציעל נאך — דא אין קאנ-סטאנטינאפּאל! אלזא, מאכט נישט קיין טענות און גייט צו א טרעפער!

— דאס קאנט איר בא מיר, בשום אופן נישט פועלן, — האב איך געענטפערט. — אזוי לאנג ווי איך וועל לעבן, וועט מיין פוס, אדער בעסער געזאגט, מיין האנט, קיינמאל נישט זיין בא קיין טרעפער.

— אבער ווען איך וועל אייך דערפאר געבן א קוש, וועט איר גיין?

און וויסן דארפט איר, אז בטבע בין איך א מענטש א פּראק-טישער; ווען אן אבסטראקטע פראגע ווערט אוועקגעשטעלט אויף א געשעפטסמעסיקן שטייגער, הייבט זי מיך גלייך אן צו אינטערע-סירן.

— דאס איז נישט קיין שלעכטער פארשלאג, — האב איך א זאג געטון פארטראכט. — אלזא, ווען זאל איך גיין?

— היינט. טאקע באלד.

און איך האב געפאלגט און בין געגאנגען.

* *

*

די פאטריצער אין רוים האבן זיך נוהג געווען אזוי: ווען עס איז זיי נמאס געווארן דאס לעבן און זיי האבן באשלאסן זיך צו סמען, האבן זיי דעם סם פריער אויסגעפרווט אויף איינעם פון זייערע קנעכט.

אויב דער קנעכט איז פונם סם געשטארבן גרינג און אן ווייטיקן, האט דער פאטריצער דאן אויך איינגענומען דעם זעלבן סם.

האב איך באשלאסן צו נעמען די רוימישע פאטריצער אלס א ביישפיל אין דעם פאל אויך: פריער וועל איך זען, ווי אזוי מען טרעפט אויף דער האנט עמעצן אנדערש, און דערנאך ערשט וועל איך לאזן פרווון אויף זיך.

בא דער געביידע פון דער רוסישער געזאנדשאפט געפינען זיך אלע מאל גענוג ליידיק-גייער. בין איך אוועק אהין און ווען איך האב דערזען א ייגנגמאן אין א מיליטערישן שינעל אן עפאלעטן, האב איך בא אים געבעטן א שוועבעלע און בין באלד צוגעטרעטן צום ענין.

— זענט איר אמאל געווען בא א טרעפער? — האב איך אים געפרעגט.

— ניין. קיינמאל נישט. וואס איז דען?

— איר זענט איצט פארנומען?

— ניין. איך בין איצט אן ארבעט. שוין דער דריטער מא־נאט, אז איך זוך דא ארבעט און קען אלץ נישט געפינען.

— קומט־זשע מיט מיר צו א טרעפער. דאס קאסט אינגאנצן צווי לירעס.

— צווי לירעס! — האט ער זיך דערשראקן. — וואו וועל איך דאס נעמען? איך פארמאג אפילו נישט קיין פינפצען פיאס־טער.

— שרעקט זיך נישט, — האב איך אים בארויקט. נישט איר וועט דארפן באצאלן. איך וועל אייך באצאלן צווי לירעס פאר דער טרחה. אבער מיט א באדינג, אז איך זאל זיין דערביי, ווען מען וועט אייך טרעפן אויף דער האנט!

בא דעם יונגנמאן האבן זיך די באקן אנגערויטלט; עפעס האט ער זיך מיטאמאל געגומען קנייטשן און קווענקלען, דערביי האט ער עפעס מאדנע גענומען באטראכטן זיינע אייגענע הענט און געזאגט:

— נו, וואס קאן מען זיך העלפן... קומט.

דער טרעפער האט אונז ביידע אויפגענומען זייער פריינד־לעך.

— טרעפעריי, — האט ער געזאגט, מאכנדיק א וואזשנעם אנשטעל, — איז זייער א פינקטלעכע וויסנשאפט. און איר דארפט נישט פארגעסן, אז דאס איז נישט דאס טרעפעריי, מיט וועלכן צי־גיינערטעס גיבן זיך אפ. דאס איז כיראמאנטיע... זיצט.

אויפן טיש איז געלעגן דער שארבן פון א טויטן מענטש.

בין איך צוגעגאנגען נעבנטער צום טיש, ארייגעשטעקט דעם פינגער אין דעם לעכל, וואו ס'איז אמאל געווען אן אויג און קוקנ־דיק צעשטרייט ארום זיך, האב איך געפרעגט:

— דאס איז אייער שארבן?

— נו, געוויס מיינער. וואס איז דען?

— א גאנץ סימפאטיש פנים, — האב איך דעם טרעפער גע־מאכט א קאמפלימענט. — זייער א זיסער שמייכל... און זאגט מיר, איך בעט אייך. — ער דינט אייך אויף פראקטישע צוועקן, אדער גלאט אזוי פאר א שיין שפילעכל?

— וואס רעדט איר? דאס איז דאך דער שארבן פון א בא־

רימטן כאלדעישן מכשף, וואס האט געשטאמט פון דער שטאם מעמפיס.

— אבי איך האב געמיינט, אז דאס איז אייער שארבן... אבער אבעריקנס, איז דאס נישט וויכטיק. זייט אזוי גוט און טרעפט אָט דעם ייִנגנמאן.

מיין נייער באקאנטער האט זיך ווידער גענומען קנייטשן און, באטראכטנדיק ביידע הענט, האט ער דעם טרעפער אויסגעשטרעקט די רעכטע.

— ניין, די לינקע, — האט דער טרעפער אים געזאגט. — ביז אהער די לינקע האנט.

— איז דאס דען נישט אלציינס ? — האט דער ייִנגערמאן געפרעגט אין גרויספארלעגנהייט.

— ניין, דאס איז שוין גארנישט אלציינס. טרעפן קען מען בלויז אויף דער לינקער האנט... אלזא, און איצט, אזוי ווי איך האב פאר זיך אייער לינקע האנט, קען איך שוין אנהייבן טרעפן... איר זענט אלט צוויי און פינפציק יאר...

— עס הייבט זיך גארנישט אן, — האט דער ייִנגערמאן אויסגעשאסן מיט א געלעכטער. — אפשר וועל איך אמאל אלט זיין צוויי און פינפציק יאר. דערווייל אבער בין איך אינגאנצן אלט נישט מער, ווי פיר און צוואנציק.

— איר האט א טעות. — האט דער טרעפער זיך גענומען שפארן מיט אים. — אט די ליניע ווייזט בפירוש, אז איר זענט שוין אלט עטוואס מער ווי פינפציק. זי ווייזט אויך, אז איר וועט לעבן...ווארט, וואס טוט זיך דא ? ! זי ווייזט, אז איר וועט לעבן ביז דער עלטער פון... וואס פאר א שווארץ יאר איז דאס ? !

— וואס איז ? — האב איך א פרעג געטון נייגיריק. — וואס ווייזט דארט די ליניע ?

— דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן זע איך אזא האנט... דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן זע איך, אז א האנט זאל ווייזן אזא שיקזאל... ווי געפעלט אייך א געשיכטע ! ... לויט אָט דער ליניע קומט אויס, אז איר וועט לעבן ביז...

— ביז וואנען ?

— ביז דער עלטער פון צוויי הונדערט מיט פערציק יאר!!

— א היפשע עלטער! — האב איך אויסגעשריגן מיט קנאה.

— אפשר האט איר א טעות? — האט זיך אנגערופן דער אייגנטימער פון דער מערקווירדיקער האנט.

— איך קען דאס אייך גאראנטירן מיט מיין קאפ!

דער טרעפער האט זיך בענטער צוגעבויגן צו דער האנט.

— וואס טוט זיך דא?! — האט ער פארוואונדערט געצויגן מיט די אקסלען. — דאס איז דאך נישט צו פארשטיין! מאדנע ליניעס!... אט קוקט זיך אומישנע צו צו אט דער ליניע. זי ווייזט, אז מיט א צייט צוריק זענט איר צוויי מאל געווען א קיסר... איין מאל — מיט דרייסיק יאר צוריק, און דאס צווייטע מאל — מיט קנאפע פערציק יאר צוריק...

— אבער ווי איז דאס מעגלעך? — האט זיך שעמעוודיק אנגערופן דער געוועזענער קיסר. — דרייסיק און פערציק איז דאך זיבעציק, און איר זאגט דאך, אז איך בין אינגאנצן אלט צוויי און פינפציק יאר.

— איך פארשטיי דאס נישט, איך הייב דאס נישט אן צו פארשטיין! — האט דער טרעפער געשריגן, אנכאפנדיק זיך באם קאפ. — דאס איז דער ערשטער פאל אזא אין מיין פינפצעניעריקער פראקטיק! באך איין האנט מיט אזעלכע ליניעס און איך וועל פון זינען ארונטער! עס איז דאך א שרעק!

א פארצווייפלטער האט ער זיך טיפער ארייגעגראבן אין דעם ווייכן שטול און דיין קאפ האט א פאל געטון אויפן טיש לעבן דעם שארבן פון דעם גרויסן כאלדעישן מכשף, וואס האט געשטאמט אזש פון דער שטאט מעמפיס.

— וואס איז מיט אייך? — האב איך אים געפרעגט, און דאס הארץ איז מיר שיער נישט צעריסן געווארן אויף שטיקלעך פון גרויס רחמנות. — וואס איז געשעען?

— עס איז געשען א שרעקלעכע זאך, — האט דער טרע-

פער געענטפערט מיט א קרעכץ. — אט די ליניע ווייזט בפירוש, אז ווען ער איז דאס ערשטע מאל געזעסן אויפן טראן, איז ער דערהרגעט געווארן פון פארשווערער ! ! אין אזא האנט מיט אזעל־כע ליניעס קען אפילו דער טייוול אליין קיין טאלק נישט דערגיין ! דערהרגעט געווארן — און לעבט. רעדט ! ! ! וואס פאר א מענטש איז דאס און וואס פאר א האנט האט ער !

— מען האט אייך דערהרגעט, ווען איר זענט דאס ערשטע מאל געזעסן אויפן טראן ? — האב איך שטרענג א פרעג געטון דעם יינגנמאן.

— אויף מיין ערנווארט, אז ניין ! — האט דער יינגערמאן זיך געשוואוירן. — איך בין קיינמאל נישט געווען קיין קיסר. איך בין קיינמאל אויף קיין טראן נישט געזעסן. איך בין בלויז געווען אן אפיציר אין דער רוסישער ארמיי און דארטן. . .

— אבער די ליניע ווייזט דאך בפירוש, אז איר זענט צוויי מאל געווען א קיסר. — האט דער טרעפער אויסגעשריגן פאר־צווייפלט. — אט איז איין טראן און אט איז א צווייטער. . . און אט דא זעט מען קלאר, אז מען האט אייך דערהרגעט !

— ערגערט זיך נישט, — האב איך געפרווווט בארויקן דעם טרעפער. — איר זאגט דאך אליין, אז זיין מאיעסטעט וועט לעבן צוויי הונדערט און פערציק יאר, טא, צו וואס זשע דארף מען זיך ערגערן איבער קלייניקייטן ? איר גיט בעסער א קוק און זאגט ווען און פון וואס וועט ער טאקע שטארבן אויף אן אמת ? דאס הייסט, ווען און פון וואס וועט מען איינמאל פאר אלע מאל אינגאנצן פטור ווערן פון אים ?

דער טרעפער האט זיך מיט די בליקן ארייננגעגראבן אין דעם יינגנמאנס האנט און אויף זיין פנים האט זיך ווידער אפגעשטעלט א מדאדיקע שרעק.

— נו וואס ! — האב איך געפרעגט אומגעדולדיק.

— איך האב אבער גלייך פארשטאנען, אז דא איז עפעס א זאך נישט קיין ריינע ; אז אזא האנט וועט וויזן עפעס אזוינס, וואס לייגט זיך גארנישט אויפן שכל. . . — האט דער טרעפער גע־ענטפערט מיט א זיפץ.

— פארט ?

— שטעלט אייך פאר, — האט דער טרעפער געצויגן מיט די אקסלען. — די ליניע אויף דער האנט ווייזט, אז דער ייִנגער־מאן וועט שטארבן פון א קימפעט...

מיר זענען געבליבן זיצן פארגאפטע.

— אפשר האט איר דאך א טעות ? בארעכנט אליין, ערשטנס, איז ער דאך א מאן, און צווייטנס...

— וואס ערשטנס, וואס צווייטנס ! — איז דער טרעפער גע־װארן אין כעס. — וואס בין איך עפּעס, א ייִנגעלע, וואס ? נישט אנדערש, נאר מען דארף אונז ביידע אוועקשיקן אין משוגעים־הויז... זינט איך לעב האב איך נאך אזא האנט נישט געזען ! נישט אנדערש, נאר דער טייוול אליין האט בא דעם ייִנגנמאן אויף דער האנט אנגעצייכנט אזעלכע ליניעס...

— ניין, נישט דער טייוול, — האט דער ייִנגערמאן געענט־פערט שמעמעוודיק. — דאס איז די בעסטע פירמע אין דער וועלט : קנאאוס און הענקעלמאן, בערלין, פרידריך־שטראסע, נומער 345.

מיר ביידע, איך און דער טרעפער, האבן אויף אים אנגע־שטעלט די אויגן.

— מיינע הערן, — האט דער ייִנגערמאן אנגעהויבן רעדן קלערער. — איר דארפט אויף מיר נישט זיין בייז... איך האב דאך אייך פון סאמע אנפאנג אן געוואלט געבן די רעכטע האנט, האט איר נישט געוואלט... נו, און די לינקע, פארשטייט איר מיך, פאר איר בין איך נישט פאראנטווארטלעך...

— וואס מיינט איר, איר זענט פאר דער לינקער האנט נישט פאראנטווארטלעך ? — האט דער טרעפער אים געפרעגט. — ווער דען איז פאר איר פאראנטווארטלעך ?

— די פירמע קנאאוס און הענקעלמאן, בערלין, פרידריך־שטראסע נומער 345... ווייל ווען מען האט מיר אין דער מלחמה אפּגעשאסן די לינקע האנט, האט זיך גראד געמאכט אזוי, אז מיין אנקל...

— גענוג ? — האט דער טרעפער אויסגעשריגן און אנגע־הויבן קריצן מיט די ציין.

דער שארבן פון כאלדעישן מכשף האט מיטאמאל געגעבן א פלי, זיך פארטשעפעט מיט דער מארדע אין מיין אקסל און א פאל געטון דעם יינגנמאן אויף דער ברוסט. נאכן שארבן זענען געפלויגן צוויי וואקסענע ליכט און עפעס א הילצערנער בוך, וואס איז געווען איבערגעצויגן מיט דער פעל פון א חזיר.

— לאמיר זיך וואס שנעלער אפטראגן פונדאנען! — האב איך שטיל ארייננגעשושקעט דעם יינגנמאן אין אויער. — ער איז אזוי ווילד, אז ער קען אונז נאך דערהרגענען.

אננעמענדיק איינער דעם אנדערן פאר די הענט זענען מיר אנטלאפן, וואוהין די אויגן האבן אונז נאר געטראגן. ערגעץ אין א שמאל געסעלע האבן מיר זיך אפגעשטעלט איבערכאפן דעם אטעם.

— עס איז נאך מיט נסים, וואס מיר זענען ארויס מיט גאנ־צע ביינער, — האב איך געדאנקט גאט. — אבער זאגט מיר נאר, יינגערמאן, וואס פאר א טייוול האט אייך געגעבן א טארע און פארוואס האט איר פון אנפאנג אן נישט געזאגט, אז די לינקע האנט איז בא אייך א גומענע?

— איך האב נישט געקאנט פארלירן די געלעגנהייט צו פאר־דינען צוויי לירעס, — האט דער געוועזענער אפיציר געזאגט דעם אמת. — שוין פינף טעג קיין לעפל געקעכטס אין מויל נישט גע־האט, שטאפ זיך אלץ מיט בייגל... געמיינט, איך וועל פארדינען א פאר לירעס, וועלן זיי מיר צונוץ קומען... איצט אבער איז אלץ פארלוירן... איר וועט דאך מיר אוודאי די צוויי לירעס נישט געבן...

— דאס האט איר שוין נישט געטראפן, — האב איך ארויס־געוויזן מיין גוט הארץ. — איך וועל אייך די צוויי לירעס דווקא יא געבן... א מענטש, וואס האט נאך צו לעבן צוויי הונדערט מיט פינפצן יאר, דארף געוויס האבן געלט... נאט אייך.

* *

*

דיך געטראפן מיט דער דאמע. טאקע מיט דער זעלבער.

— נו, געזען באם טרעפער?

יא, געזען. ערלעך פארדינט דעם אוואנס.

— נו? — האט זי מיך געפרעגט בייגיריק. — און וואס האט אייך דער טרעפער געזאגט?

— און איר גלייבט אין אלץ, וואס ער זאגט? — האב איך זי געפרעגט.

— נו, אוודאי גלייב איך.

— ער האט געזאגט, אז מיר קומט נאך בא אייך א האלבע מאה קושן...

— מאקע?...

א מאדנע פאלק די פרויען! אין אלץ גלייבן זיי... אפילו אין א טרעפער...

## אַן אַדעסער אַקטריסע.

אַ שיינינקע, אַ חנוודיקע און אַן אויסגעפּוצטע, האָט זי צו-געדרוקט נעגטער צו זיך די נאַשערייען, און לעקנדיק די פינגער מיט גרויס אַפּעטיט, האָט זי געזאָגט:

— אַך, באַ אונז אין אַדעס! דאָס איז אַ שרעקלעכע שטאָט! איר האָט געדאַרפט זען, ווי מען האָט באַ אונז אין אַדעס געלעבט, ווען די באָלשעוויקעס זענען דאָרט געווען!...

— איר זענט דען געוועזן אין אַדעס אין יענער צייט?

נו! — גיט זי אַ שמייכל און באַליידיקט זיך, און דאָס וואָרט „נו", וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון צוויי בוכשטאַבן, קומט באַ איר פון מויל אַרויס אויף אַזאַ ספּעציעלן אַדעסער שטייגער, אַז קיינער קאָן דאָס גאָר נישט נאָכמאַכן, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט נאָר גלאַט אַזוי אַ קורץ וואָרט, נאָר אַ גאַנצע ריי ווערטער, וואָס באַדייטן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אָט וואָס:

— געשיקט זיך, אַז איר צווייפלט אין דעם, אַז איך בין געווען אין אַדעס און אַז איך האָב, צוזאַמען מיט אַלעמען איבערגעלעבט די אַלע שרעקן פונם באָלשעוויזם, און אַז איך בין קוים מיטן

לעבן ארויס און אז אויף מיר מעג מען ווירקלעך זאגן, אז איך בין א העלדין און א מארטירערין!...

— יא, יא... אן אמתער אדעסיסט, אדער אן אמתע אדע־סיסטקע, קען ארײנלײגן זײער א סך אין דעם ווארט „נו", וואס באשטײט אינגאנצן פון צווײ בוכשטאבן.

— האבן אײך, הײסט עס, אין אדעס קײן צרות נישט אויס־געפעלט?

— נאך ווי אזוי! ווען איך וואלט אײך אנגעהויבן דערצײלן די אלע צרות, וואס... זײט אזוי גוט און דערלאנגט מיר אהער נענטער די טשעקאלאד... א דאנק!... די אלע צרות, וואס איך בין זיך דארטן אויסגעשטאנען, וואלט מען וועגן דעם געקענט אנ־שרײבן א בוך א גאנץ...

דא האט די אקטריסע פארלײגט איבערן קאפ דאס ווײסע הענטל מיט די מאגעקירטע נעגעלעך און האט זיך פארטראכט, געעבנדיק א שטארקן זיפץ.

— אך!... די אביסקעס, די ארעסטן...

— מען האט בא אײך געמאכט אן אביסק?

— נישט אײן אביסק, נאר דרײ... אײגנטלעך נישט בא מיר, נאר בא די שכנים, אבער וואס פאר אן אונטערשיד? אויף מיר האט מען אויך נישט קײן כבוד געלײגט און מען האט מיך באמרויקט... דער הויפט פון דער אדעסער „טשעקא" קומט פלוצ־לינג ארײן צו מיר און בעט טינט און פעדער, — עפעס האבן זײ דארטן, בא דער שכנה אין צימער, געשריבן און איבערגעשריבן... נו, וואס האב איך געזאלט טון — געגעבן טינט און פעדער! א ברירה האב איך געהאט? מיר זענען דאך דאן אלע געווען בא זײ אין די הענט!... און ער, דער הויפט פון דער „טשעקא", קוקט אזוי אויף מיר, און קוקט און קוקט און... א דאנק אײך, דער לעקעך איז זײער געשמאק... און ער מאכט צו מיר אזוי: „איך קען אײך, איך ווײס, אז איר זענט אן ארטיסטקע, איר זינגט זײער שײן!..."

איר פארשטײט, — ער קען מיך! איך האב שיער נישט גע־חלשט פאר שרעק...

דערנאך, ווען מען האט מיך געבראכט אין דער „משעקא", זאג איך אים...

— וואס רעדט איר! אין דער „טשעקא" האט מען אייך געשלעפט?

— נו, אודאי! פארשטייט איר, דארטן איז געווען א קאנ־צערט — נו, האט מען אונז, ארטיסטן, געצוואונגען דארטן אויפ־טרעטן! געמוזט זינגען דארט! א ברירה האב איך געהאט? א רעוואלווער צום שלייף פונם שטערן — און זינג! אגב, האב איך דארט געהאט א געוואלטיק גרויסן דערפאלג... אין אלגעמיין קאן מען זאגן, אז וואס־וואס — מבינים אויף מוזיק זענען זיי... איר האט געדארפט הערן, ווי זיי האבן מיר אפלאדירט!... און דער־נאך, ווען איך בין, צוזאמען מיטן הויפט פון דער „טשעקא", גע־זעסן אין אויטאמאביל, איז...

— ווארט... — שלאגט מען איר איבער, — קומט עס, הייסט עס אויס, אז זיי האבן אייך באהאנדלט זייער גוט. אייך אפ־געפירט צוריק אהיים אין אן אויטאמאביל, און...

— ניין, דאס איז נישט געווען צוריק אהיים... דאס איז גאר געווען באטאג... איך בין געגאנגען קויפן נאשערייען, איז ער אנגעקומען און האט מיך אריינגענומען אין זיין אויטאמא־ביל... מיך צוגעפירט, וואוהין איך האב געדארפט... איר האט געמעגט אנקוקן, וואס פאר א שיינעם אויטאמאביל ער האט!...

— נישט שיין, — מאך איך איר א באמערקונג, מיט א באלשעוויק, און נאך מיטן הויפט פון דער „טשעקא" דערצו, פארט איר אין איין אויטאמאביל.

— א ברירה האב איך געהאט? — א רעוואלווער צום שלייף פונם שטערן — און פאר! דערנאך האב איך דאס אים טאקע גע־זאגט... „מישא — זאג איך אים, — איך זענט א שרעקלעכער מענטש! מיט אייך איז פשוט א מורא אנצוהייבן". לאכט ער. עפנט דאס דעקל פון דער פיאנא און זאגט מיר אזוי: „אויב איר ווילט, נעם איך די שווערד און צעהאק די אלטע פיאנא אייערע אויף שטיקלעך און שיק אייך צו א נייע..."

— וואס ? אין אויטאמאביל איז געשטאנען א פיאנא ? — האב איך איר געשטעלט א פראגע.

— אין וואס פאר אן אויטאמאביל ? א משל... דאס איז גע־וועזן בא מיר אינדערהיים און נישט אין אויטאמאביל...

— און איר האט זיך גארנישט געשעמט אויפצונעמען דעם הויפט פון אדעסער „טשעקא" ביי זיך אינדערהיים ?

— א ברירה האב איך געהאט ? א רעוואלווער צום שלייף פונם שטערן און — ער זיצט בא מיר אין צימער ביז דריי א זיי־גער באנאכט און טרינקט טיי !... „מישא, — זאג איך אים, — עס איז מיר א בזיון פאר לייטן... וואס וועלן מענטשן זאגן !..." אך, וואס איך בין אויסגעשטאנען אין יענע עטלעכע מאנאטן ! נישט פארן צו זיי אין דער „טשעקא", פאסט נישט ; זיי וועלן זיך נאך באליידיקן. און יא פארן, טויג אויך נישט... איינמאל איז ארויס־געקומען אזא קאמישער פאל, אז מען האט זיך פשוט געדארפט האלטן בא די זייטן פון געלעכטער. הערט א געשיכטע : זיי שיקן נאך מיר אן אויטאמאביל, א שיינעם, גרויסן אויטאמאביל, אז עס איז פשוט א פארגעניגן צו קוקן אויף אים. מען פארלירט זיך פשוט אין אים, ווי א קנעפל אין א קעשענע... איך וויין, אבער איך פאר דאך. א ברירה האב איך ? און איבעריקנס איז דאס טאקע געווען דאס איינציקע מאל, וואס איך בין צו זיי געפארן... איך קום אריין אהין — אויפן טיש זענען אגגעשטעלט אזוי פיל גוטע זאכן, אז די סלינע גייט אזש פונם מויל ! און שטעלט אייך פאר ! איידער איך ריר זיך, טראגט מען מיר צו א וואונדערבאר שיינעם בוקעט בלומען... אבער א בוקעט, אן אויסנאם אין דער וועלט !...

— דאס איז נישט שיין ! — האב איך איר איבערגעשלאגן, — בא באלשעוויקעס נעמט איר א בוקעט בלומען !

— א ברירה האב איך געהאט ? א רעוואלווער צום שלייף פונם שטערן און — מען דערלאנגט דיר א בוקעט. און נישט נאר גלאט אזוי א בוקעט, נאר טאקע מיט א שיינער סטענגע. א וואונ־דער, זאג איך אייך, אן אויסנאם אין דער וועלט ! אבער סיי ווי

— סיי בין איך בא זיי געווען נישט מער ווי איינמאל... אלזא, מאכן זיי אזוי צו מיר, — „וועט איר טרינקען א ביסל ווייז?“ ענטפער איך: „יא, דעם זעלבן ווייז, וואס מיר האבן דא געכטן געטרונקען“... איך גיב א קוק — זיי שושקען זיך עפעס... וואס? „יענער ווייז, — זאגן זיי — איז אין קעלער“. „נו, ברענגט זשע אים ארויף“, — זאג איך. „אין קעלער קען מען איצט נישט אראפ־גיין“ — ענטפערט מישא. „פארוואס?“ — פרעג איך. „דארטן ליגן נאך די טויטע קערפערס פון די באנדיטן, וואס מען האט נישט לאנג צוריק דערשאסן“ — ענטפערט ער. „נו, זאל שוין זיין אן אנדערער ווייז... גיט אהער דעם, וואס מיר האבן דא געטרונקען אייערנעכטן... ער איז אויך נישט שלעכט... ער איז מיט ניס, און דאס האב איך ליב!...“ איר פארשטייט, ווי שרעקלעך דאס איז! דא ליגן טויטע קערפערס צעשאסענע און לעבן זיי שטייט יענער ווייז... דערפאר טאקע, האבן מיר אים דערנאך א נאמען געגעבן „באנדיטאווקא“... אך, אדעס, אדעס... אויף יעדער זאך קלערט מען דארטן אויס א נאמען... כא־כא!... הערט, פארוואס לאכט איר נישט?

— א דאנק. שוין צוויי יאר זינט איך לאך נישט...

זי האט דאס נישט געקענט פארשטיין, בין איך אויפגעשטא־נען זיך אנגעבויגן איבער איר ראזעווען, אנגערויטלטן פנימל, און שטיל געפרעגט קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן:

— זאגט מיר נאר, טייערינקע, און אז ס׳איז נישט געווען קיין „באנדיטאווקא“, האט איר נישט געקאנט טרינקען קיין אנדערן ווייז, נו, לאמיר זאגן — אזא ווייז, וואס מען קאן בא אייך אין אדעס קרויגען מיטן נאמען „אפיצעראווסקא“?

איך האב גלייך דערזען, ווי מיין פראגע האט איר קליין מוחלע אפגעגאסן מיט הייסן אקריפ.

זי האט פארשמורעט די אייגלעך, און מאכנדיק מיטן הענטל, ווי זי וואלט עפעס געוואלט פארטרייבן פון זיך, האט זי מיט א זיפץ געזאגט:

— א ברירה האט מען? אז באלד עפעס — איז א רעוואל־

מער צום שלייף פונם שטערן... און — טרינק מיט זיי... א
ברירה האט מען?... וואס? וואס קוקט איר אויף מיר אזוי?

* *

*

אַ מאדנע שטאט אדעס!..

## א מיטל ווי צו געפינען א צימער אין פּראג.

פּראג איז זייער א שיינע שטאט. אבער די צרה איז, וואס מען קען דארטן קיין צימער נישט קריגן.

מאסן מענטשן האלטן זיך דארטן אין איין ברעכן די קעפּ, זוכנדיק מיטלען, ווי אזוי צו קריגן א צימער, אבער זיי קענען גארנישט אויסטראכטן.

נישטא קיין צימער — כאטש צערייס זיך!

און אזוי ווי איך האב מיינע לעזער זייער ליב און הער זיך נישט אויף צו זארגן פאר זיי, וויל איך זיי געבן אן עצה — „ווי אזוי צו קריגן פאר זיך א צימער אין פּראג!"

* *
*

פריער פון אלץ זאלט איר אויסגעפינען א פארהייראטן מאן, וואס וואוינט אין א שיין צימער און איז זייער אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב. דאן זאלט איר זיך אוועקזעצן באם טיש און אנשרייבן צוויי בריוו. איין בריוו דעם מאן און דעם צווייטן — דעם ווייב.

דער בריוו צו דעם ווייב זאלט איר שרייבן אזוי:

— „מאדאם! אייער מאן איז אייך נישט געטריי. אויב איר

ווילט זיך איבערצייגן אין דעם, טאַ קומט מאָרגן, אַכט אַ זייגער אין אָוונט, אינם „גראַנד־האָטעל" און קלאַפּט אָן אין דער טיר נו־מער 42. נישט פאַרדעכטנדיק קיין זאַך, וועט ער פאַר אייך עפע־נען די טיר, זאָלט איר זיך גלייך אַרייַנרייסן אינעווייניק און דאָרט וועט איר אים טרעפן מיט זיין געליבטער. אַט דעם בריוו זאָלט איר פאַרברענען. יאָ, גייענדיק אין האָטעל, זאָלט איר מיטנעמען מיט זיך אַ רעוואָלווער... ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איז בעסער צו האָבן בייַ זיך אַ רעוואָלווער... דער מענטש, וואָס ווינטשט אייך גוטס".

צום מאַן ווידער זאָלט איר אין דער זעלבער צייט שרייבן אַזאַ בריוו:

„הערט זיך איין, איר אומגליקלעכער, אָפּגענאַרטער מאַן! אייער ווייב איז אייך נישט געטריי. אויב איר ווילט זיך איבערצייגן אין דעם, טאַ קומט מאָרגן, אַכט אַ זייגער אין אָוונט, אינם „גראַנד האָטעל". דאָרטן, אינם צימער, נומער 42, וואוינט דער מאַן, וואָס צעשטערט אייער פאַמיליען-נעסט. אַט דעם בריוו זאָלט איר פאַר־ברענען. יאָ, גייענדיק אין „גראַנד־האָטעל", זאָלט איר מיטנעמען זיך אַ רעוואָלווער... ווי אַ זאַך מאַכט זיך... דער מענטש, וואָס ווינטש אייך גוטס".

כדי צו זיין נאָך מער זיכער, זאָלט איר דעם מענטש, וואָס וואוינט אינם „גראַנד־האָטעל", אין נומער 42, אויך אָנשרייבן אַ בריוועלע... צו אים דאַרפט איר קיין סך נישט שרייבן, נאָר פּשוט אַזוי:

„געערטער הער, איך ווייס, אַז איר וואוינט אין „גראַנד־האָטעל", אין נומער 42. זאָלט איר וויסן, אַז מאָרגן, אַכט אַ זייגער אינאָוונט, וועלן פאַרברעכער מאַכן אויף אייך אָן אָנפאַל, כדי אייך צו באַראַבעווען. ווען מען וועט זיך אַרייַנרייסן צו אייך אין צימער, זאָלט איר נישט טראַכטן קיין סך און גלייך אָנהייבן שיסן! דער מענטש, וואָס ווינטש אייך גוטס".

אָוועקגעשיקט די דריי בריוו, זאָלט איר וואַרטן אויף רע־זולטאַטן...

און איר מעגט זיין זיכער, אַז עפּעס וועט אַרויסקומען:

אדער דער מאן וועט דערהרגענען דאס ווייב, אדער דאס ווייב וועט דערהרגענען דעם מאן, אדער דער יינגערמאן, וואס וואוינט אין נומער 42 וועט, נעבעך, פאלן טויט אומזיסט און אומגעשט, אדער ער וועט האבן מער מזל און וועט דערשיסן אויף טויט דעם מאן פון דער פרוי, וואס ער קען גארנישט...

עפעס וועט שוין ארויסקומען...

עס וועט קומען צו א בלוטיקן פלאנטער, וואס וועט אייך פערזענלעך זיכער קיין שאדן נישט ברענגען. ווארים ווי די זאך זאל נישט זיין — עמעצער וועט דאך זיכער דערהרגעט ווערן... עמעצער וועט דאך זיכער אריינפאלן אין טורמע...

און אזוי שנעל, ווי דאס וועט געשעען, זאלט איר נישט פארלירן קיין איין מינוט קיין איבעריקע און גלייך דינגען דאס צימער, וואס איז געבליבן ליידיק... אבער טאקע גלייך אויפן ארט, ווייל עס קאן נאך קומען צו לויפן אן אנדערער און עס אויסכאפן בא אייך פון אונטער דער נאז.

און זאל אייך נישט ארן אויב דער גייסט פון דעם דערהרגעטן מאן, אדער דער גייסט פון דער דערהרגעטער פרוי וועלן אייך פארפאלגן באנאכט. פאר גייסטער האט מען קיין מורא נישט..

זיי פארפאלגן אזוי לאנג ביז ס'ווערט זיי נמאס...

# א גוטער לעזער.

די עצה, וואס איך האב נעכטן געגעבן „ווי אזוי צו קריגן פאר זיך א צימער אין פראג", האט שנעל געבראכט רעזולטאטן.

אט הערט אומישנע:

נישט אנקלאפנדיק אפילו אין מיין טיר, איז ער אריין אין די ערשטע ווערטער זיינע זענען געווען:

— א ניכפה וואלט געמעגט קומען אויף אייערע טייוולשע פעליעטאנען! ! !

— זאל בעסער קומען א ניכפה אויף אייך, — האב איך שפמעטדיק געזאגט.

— איינגעזונקען האט עס געמעגט ווערן דאס בלעטל אייערס ! ! ! און אויסכאפעניש און א מיתה משונה וואלט געמעגט קומען אויף אלע נומערן פון „דער פראגער פרעס". פונם ערשטן ביזן לעצטן וואלט עס זיי דארטן געמעגט אויסמארדעווען ! ! !

זעענדיק, אז איך קאן מיט דעם בחור גארנישט מאכן, האב איך זיך מיט גרויס ליבע פארמאסטן אויף אים מיט א בענקל, אבער ער האט זיך פון דערדאזיקער צערטלעכקייט אויסגעדרייט און געבנדיק א זעץ מיט דער פויסט איבערן טיש, האט ער געזאגט:

— זוכט פאר מיר אויס א צימער!

— ווילט איר אפשר אן איינצל־קאמער אין דער שטא־טישער טורמע! — האב איך אים געפרעגט מיט אזא מינע, ווי עס וואלט מיר טאקע געגאנגען אין לעבן אים צו פארזארגן.

— זאגט מיר בעסער, פארוואס פירט איר אייערע לעזער אראפ פון גלייכן וועג?

— איך פיר אראפ מיינע לעזער פון גלייכן וועג? פארקערט; איך לערן זיי צו טון גוטס און איך ווייז זיי אלע מאל אן דעם בעסטן וועג.

— דאס מזל אויף אייך, ווי אזוי איר לערנט זיי! אט בין איך אייערס א לעזער, נו, האט איר נעכטן געפרוווט מיך אויס־לערנען, „ווי אזוי מען קריגט פאר זיך א צימער אין פראג", און וואס, מיינט איר, איז ארויסגעקומען דערפון?

— איר האט אוודאי געקריגן א צימער?

— געקריגן? — האט ער אויסגעשאסן מיט א געלעכ־טער. — אט וועל איך אייך דערציילן, ווי אזוי איך האב גע־קריגן!

און ער האט דערציילט:

געקומען קיין פראג בין איך מיט דריי וואכן צוריק. ס'פאר־שטייט זיך, אז וועגן קריגן א צימער, אדער א גומער אין א האָ־טעל האט גאר קיין רייד נישט געקענט זיין!

נו... האב איך זיך דערווייל איינגעארדנט בא איינעם א גאסטפריינדלעכן טשעך, א געוויסן שניט־קרעמער אין פראג; ער האט מיר דערלויבט צו „וואוינען" בא אים אין קראם היגטערן קאנטאר. דאס וועגטל פונם קאנטאר האט נישט דערגרייכט ביז צום פאל, און דאס איז פאר מיר געווען א גרויס גליק, ווייל צולייגנ־דיק זיך א ביסל נאכמיטאג, האב איך פראנק און פריי געקענט קוקן אויף די שיך פון די קונים, וואס זענען געקומען קויפן סחורה...

ליג איך מיר אזוי איינמאל באטאג און קוק אויף שיך און לייען מיר א ביכל. קומט אריין א קונה, גיט עפעס צו לייזן, און באצאלנדיק לאזט ער ארונטער א בייטעלע מיט געלט. גיט ער זיך א בייג אן אויפצוהייבן דאס בייטעלע און — דערקענט מיך...

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז מיינער, און אַלטער גוטער פריינד !

— ווי קומסטו אהער ? — האט ער פארוואונדערט גע־פרעגט.

— איך „וואוין" דא. — האב איך געענטפערט.

— וואס זשע טוסטו דא הינטערן קאנטאר ?

— איך לייען מיר דעם פראנצויזישן שרייבער אלפאנס דאדע.

— הינטערן קאנטאר ?

— נו, געוויס. אויפן קאנטאר וואלט איך נאך, חלילה גע־שטערט דעם קרעמער און אויך די קונים. מיט איין ווארט : איך האב נישט קיין צימער !

האט ער מיך גלייך ארויסגעשלעפט פון דארטן, מיך ארומ־גענומען, מיך צעקושט, אפגעבערשטלט פון מיר דעם שטויב און געזאגט :

— איך וועל קיינמאל נישט דערלאזן, אז מיינער א פריינד זאל זיך וואלגערן אין א שנים־קראם, פונקט ווי א שטיקל באיקע. קום צו מיר. דו וועסט וואוינען מיט מיר צוזאמען אין מיין צימער. אמת טאקע, מיין צימער איז נישט זייער גרויס, אבער מיר וועלן זיך שוין ביידע איינארדענען ווי ס'איז.

און שטעלט אייך פאר, אז זיין צימער איז מיר דווקא שטארק געפעלן געווארן. ליכטיק, גרוים. . . אבער איין חסרון איז דארטן געווען — מיין פריינד. . . ער איז אין צימער געווען איבגאנצן איבעריק.

מיין פריינד האט מיך זייער פיין אויפגענומען, מיר געגעבן עסן, מיך אנגעפאיעט מיט וויין און מיר דערציילט אן א שיעור מעשות וועגן זיך. דערציילט, אז ער איז פארליבט, אז זיין גע־ליבטע איז א פארהייראטע פרוי, אז ער קומט צו איר אריין יעדן טאג, ווען דער מאן גייט אוועק פון דער היים. מיט איין ווארט, ער האט זיך פאר מיר פארטרויט, ווי פאר אן אמתן פריינד. אלע סודות האט ער מיר דערציילט. . .

און פונקט מיט איין טאג שפעטער, אינדערפרי, ווען איך

בין אויפגעשטאנען פון שלאף, האב איך גראד איבערגעלייענט אייער עצה, „ווי אזוי צו קריגן פאר זיך א צימער אין פראג".

איבערגעלייענט — האב איך זיך שטארק דערפרייט. טא־קע א וואונדערבארע עצה! — האב איך זיך געטראכט. — און בפרט נאך ווען איך האב שוין, אייגנטלעך, געווארפן אן אויג אויף א צימער. איך מיין, טאקע דאס צימער, וואו איך וואוין.

און פונקט דאן, ווען מיין פרייַנט איז אוועק צו זיין געליב־טער, האב איך זיך גלייך אוועקגעזעצט און אנגעשריבן א בריוו צו איר מאן — לויט אייער עצה: „אומגליקלעכער, אפגענארטער מאן! כא־כא. איר ארבעט, נעבעך, שווער און ביטער און איי־ער ווייב פארברענגט מיט איר געליבטן! לויפט שוין אהיים, נעמט מיט א רעוואלווער און שיסט אים. מיט אזעלכע פארשוינען דארף מען קיין סך שהיות נישט מאכן. אייער ווייב איז, נעבעך, נישט שולדיק. איך ווייס דאס. ער האט איר דעם קאפ פארדרייט. דער מענטש, וואס ווינטשט אייך גוטס".

אנגעשריבן דעם בריוו, האב איך אים אליין אוועקגעטראגן צום מאן, געקומען צוריק אהיים און זיך אוועקגעזעצטווארטן.

און ווי איך זיץ אזוי און ווארט, גיט זיך מיטאמאל אן עפן די טיר און. . .

נאך איידער דער יינגערמאן האט געקענט ווייטער ארויס־רעדן א ווארט, האב איך גענומען ברענען פון אומגעדולד, און אנכאפנדיק אים פארביידע אקסלען, האב איך גענומען שרייען מיט באנומענע קולות:

— נו, רעד שוין, זאג שוין שנעלער! . . . גיט זיך מיטא־מאל אן עפן די טיר און מען טראגט אים אריין א טויטן? הא? . . .

— ווי א טויטן, ווער א טויטן? . . . א ניכפה וואלט געמעגט קומען אויף אייך מיט אייער עצה! . . . גיט זיך אן עפן די טיר און. . . און ס'קומט אריין מיין פריינד, א לעבעדיקער, א פריילע־כער און. . . פירט א דאמע אונטערן ארעם.

— אנטשולדיק מיר, — זאגט ער, — ווּאלאדיא. (דאס בין איך דער ווּאלאדיא). עס קאן זיין, אז איך האנדל טאקע נישט ווי א חבר, אבער פארשטייסטו מיך, דא איז ארויסגעקומען אט וואס:

עמעצער האט אונז געמסורט, דערציילט איר מאן דעם סוד, אז ער איינמיטן דערינען געקומען צו לויפן אהיים און האט אונז געכאפט... און שטעל דיר פאר: ער האט איר געגעבן פולע פרייהייט! איצט וועט זי שוין וואוינען דא מיט מיר, און דו... נו, דו פארשטייסט דאך אליין, אז איצט ביסטו דא אן איבעריקער... וועסט שוין ווייטער מוזן וואוינען באם שניט-קרעמער הינטערן קאנטאר.

— נו? — האב איך געפרעגט וואלאדיאן.

ער האט געשוויגן, געקוקט ביז אויף מיר און נישט ארויסגערעדט קיין ווארט.

— וואס זשע ווילט איר פון מיר? — האב איך אים געפרעגט.

— וואס איך וויל פון אייך? איך וויל, אז איר זאלט מיר ענטפערן, וואו איר וועט מיך איצט אהינטון!

— וואו זאל איך אייך אהינטון?

ער האט נישט געוואלט ארויסגיין, האב איך אים פריינדלעך אנגענומען פארן קאלנער, אים ליבלעך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער טיר און צערטלעך אים ארונטערגעווארפן פון אלע טרעפ, און ווען ער האט זיך געקייקלט מיטן קאפ אראפ, האב איך מיר מיט א ניגון שטיל געשעפטשעט פאר זיך:

— יא-יא... מען מוז צוגעבן, אז דאס געדרוקטע ווארט האט א גרויסע ווירקונג... די פרעסע קען א סך אויפטון — ווען זי האט נאר אזעלכע מיטארבעטער, וואס קענען שרייבן...

# אין אונטערוועלט-שענקל אין פראג.

איך האב זיך געווענדט צו א טשעך, מיינעם א פריינד, וועלכער קען דורך און דורך דאס פראגער לעבן:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, — האב איך אים געפרעגט. — בא אייך אין פראג זענען פארהאן אונטערוועלט-שענקלעך?...

— וואס הייסט בא אייך אן „אונטערוועלט-שענקל"? — האט ער פארזיכטיק איבערגעפרעגט.

— נו, אזא שענקל, וואו עס קומען זיך צונויף גנבים, מערדער, באנדיטן און זייערע מיידלעך — געפאלענע פרויען, וועלכע „באארבעטן" א גאסט און פארדרייען אים אזוי, אז ער פארפירט א געשלעג מיט איינעם פון די חברהלייט און דער סוף איז, אז מען שטעכט אים אריין א מעסער אין הארץ אריין. . . פארהאן בא אייך אין פראג אזעלכע שענקלעך?

— גאט איז מיט אייך! צו וואס דארפט איר זיי?

— ווייל איך האב ליב שארפע איבערלעבונגען. . . אין פאריז, אין רוים און אין קאנסטאנטינאפאל האב איך זיך שטענדיק ארומגעבלאנקעט אין אזעלכע שענקלעך, וואו מען איז מיטן לעבן נישט זיכער און וואו די האנט מוז שטענדיק פילן א רעוואלווער אין די הויזן-קעשענעס.

— יא, פארהאן בא אונז אזעלכע שענקלעך, — האט דער טשעך געענטפערט נישט אן שטאלץ. — איך ווייס פון איין שענקל

אזא, וואס ס'פאלט פשוט א מורא, ווען מען קומט אריין אהין. איך בין איינמאל גראד אריינגעפאלן אהין, האט מיך געווארפן א צאן אן א צאן און איך האב געמיינט, אז איך וועל שוין פון דארטן קיין לעבעדיקער נישט ארויס...

— גיט מיר דעם אדרעס!...

— צו וואס זאלט איר איינשטעלן דאס לעבן?

— אך, איר פארשטייט נישט, וואס פאר א פארגעניגן דאס איז איינצושטעלן דאס לעבן. אלזא, זאגט מיר, ווי אזוי טרעפט מען אהין?

— פאלגט מיך און גייט נישט.

— ניין. גיט מיר דעם אדרעס:

— נו, מילא, אז איר ווילט דווקא איינשטעלן דאס לעבן, סא גייט.

און ער האט מיר געגעבן דעם אדרעס...

* * *

מיט דער נשמה אין דער זשמעניע האב איך געשפאנט איבער א שמאל געסל, וואס איז געווען קוים באלויכטן פון א לאמטערן... א שמוציק צוויי־גארנדיק הויז... דורך די פארהאנגענע פענצטער זעט מען עפעס אזעלכע מאדנע סילועטן... עס הערן זיך די קלאנגען פון עפעס א שארפער און זייער טשעקאווער מוזיק און עמעצנס א הייזעריקער געלעכטער...

שלאגנדיק זיך א ווײַלע מיט דער דעה, האב איך געגעבן א שטופ די טיר און בין אריין אינעווייניק.

אין שענקל איז געווען אנגערייכערט און צוויי פארדעכטיקע פארלעך האבן געטאנצט די „שימי".

ווען איך בין אריין האבן די צוויי פארלעך אויפגעהערט טאנצן און אלע פיר האבן זיך העפלעך מיט מיר באגריסט.

— מפוטעטא!

— פאקלאנא!

דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן זע איך אזעלכע העפלעכע מערדער און אזעלכע גוטמוטיקע געפאלענע פרויען.

— עהע, — האב איך מיר געטראכט, — דאס טון זיי אומישנע, כדי איך זאל קיין זאך נישט חושד זיין! דערנאך וועלן זיי זיך אוודאי ארויפכאפן אויף מיר מיט מעסערס... נו, מילא, וועלן מיר זען. ווער וועמען עס וועט בייקומען.

איך האב זיך אוועקגעזעצט בא א גרויסן טיש לעבן אן אלטן מאן מיט א ליולקע און מיט א פנים פון א שרעקלעכן רוצח.

— וויין אהער! — האב איך וואויל־יינגעריש אויסגעשריגן אויפן קול און געגעבן א זעץ מיט דער פויסט אן טיש.

קיינער האט זיך נישט גערירט פונם ארט און ווען דער אלטער מיט דעם פנים פון א רוצח האט דערזען, אז קיינער דערלאנגט מיר נישט קיין וויין, האט ער זיך געגעבן א הייב אויף און איז צוגעלאפן צום קעלנער.

— הער אבער, — האט ער געזאגט, — יענער הער וויל וויין, פארוואס דערלאנגט איר אים נישט?

— עהע, — האב איך מיר געטראכט, — זיי בעטן פאר מיר אויס א ווייך געלעגער, אבער ווער ווייסט ווי הארט ס'וועט דארט זיין צו שלאפן...

האב איך, פונקט ווי איך וואלט זיך מיט זיי געדרייצט, אויסגעשריגן אויפן קול:

— איך האב אבער בא זיך א פאזיטעל פון טויזנט קראנען! וועט איר עס קאנען צעבייטן?

מאדנע מענטשן זענען זיי דארט, די מערדער און די באנדיטן אין פראג! ווי זיי האלטן זיך אזוי פיין! קיינעם אין דער וועלט קאן גאר קיינמאל נישט איינפאלן, אז דאס זענען מערדער! אין פאריז און אין קאנסטאנטינאפאל וואלט מען מיר אין אזא שענקל שוין לאנג איבערגעשניטן דעם האלז, ווען מען וואלט דערהערט, אז

איך האב בא זיך א פאזיטעל פון טויזגט קראנען, און דא — גאר־ניששט... מען קוקט זיך גארנישט אום אויף מיר.

— זייט רויק, מיין הער, — מאכט צו מיר אזוי דער אבער־קעלנער. — מיר וועלן אייך דאס פאזיטל צעבייטן.

— איר זענט א רוסישער? — האט מיך כיטרע א פרעג געטון דער אלטער מיט דער ליולקע.

— יא, א רוסישער. געפעלט דאס אייך אפשר נישט?

— פארקערט. איך האב זייער ליב רוסישע. איך פארשטיי אבער נישט, ווי ס'קומט היינטיקע צייטן צו א רוסישן מענטש אזוי פיל געלט... און גלאט, צוואס זאלט איר מיט זיך ארומטראגן אזא גרויסע סומע, איר קאנט דאס נאך, חלילה, פארלירן...

— יא־יא, — האב איך וואוילעריש געשמייכלט, — נישט נאר פארלירן, עס קאן אויך מעגלעך זיין, אז עפעס א חברה־מאן זאל מיר איבערשניידן דעם האלז און עס צונעמען בא מיר.

עס איז געווען קענטיק, אז איך האב מיט מיין באמערקונג דעם אלטן געטראפן פונקט אין ריכטיקן ארט, ווייל ער האט זיך באלד מיט מורא אפגערוקט פון מיר.

א מיידל, די באגלייטערין פון איינעם, וואס איז אוודאי געווען א מערדער, איז צוגעקומען צום טיש און זיך אוועקגעזעצט לעבן אלטן.

— האט איר אפשר א פאפיראס? — האט זי אים געפרעגט.

— נעמט מיינס א פאפיראס, — האב איך איר אנגעבאטן ברייטלעך. — און אפשר ווילט איר א ביסל ווייו, אדער א גלעזל בראנפן?

און טאקע באלד איז מיר איינגעפאלן זיך א רייץ צו טון מיט איר קאוואליער און זעען, אז ער זאל א ביסל ארויס פון די כלים, האב איך זיך צוגערוקט נענטער צו דעם מיידל און זי געפרעגט:

— מעג איך אייך געבן א קוש אין בעקעלע?

— אויב דאס פארשאפט אייך פארגעניגן — ביטע. — האט

וי זיך פונאנדערגעלאכט. (גאט, וואס פאר אן אומגליקלעך באַשעפעניש... וואס ווייסט זי, וואס פארשטייט זי? א שטיק רוי פלייש!...)

— איר זענט א רוסישער? — האט זי געפרעגט, פארזוכנדיק דעם וויין.

— יא, ליבינקע, א רוסישער! און איך האב בא זיך איצט א סך געלט. כאַ־כאַ־כא!

— איך האב געליינעט די רוסישע שרייבער. איך האב ליב זייערע ווערק. — האט זי גאר פלוצלינג, צו מיין גרויסער איבערראשונג, א זאג געטון, קוקנדיק אויף מיר. — טשיריקאוון האב איך זייער ליב...

— איר האט געליינעט טשיריקאוון?

— א, זייער א סך. כמעט אלץ, וואס ער האט געשריבן... און נישט נאר טשיריקאוון. איך האב אויך געלעזן קופרינען און אווערטשענקאן...

„א נכפה וואלט אויף איר געמעגט קומען!" — האב איך מיר געטראכט. — „אט האסטו דיר גאר א לעזערין אין מיטן דערינען!"

עס איז מיר געווארן ענג און דושנע.

— קעלנער! — האב איר אויסגעשריגן. — א חשבון. איך גיי.

איינער פון די מערדער האט מיר דערלאנגט א חשבון. אן אנדערער — אוודאי א באנדיט, און א רויבער — האט גענומען ביים מיין טויזנטער.

„באלד וועט מען זיך אוודאי א ווארף טון אויף מיר מיט מעסערס". — האב איך געטראכט.

אבער ווי מאדנע זיי האלטן זיך! קיינער רירט זיך נישט פונם ארט. מאכן דעם אנשטעל, ווי איך וואלט זיי גארנישט אנגעגאנגען.

„אויף א צוויי הונדערט קראנען וועלן זיי מיך זיכער באַשווינדלען". — האב איך זיך געטרייסט.

מיט א ווייטיק אין האַרצן בין איך אויפגעשטאנען און דערביי האט מיר איינער פון די באנדיטן דערלאנגט דעם הוט.

— מפוטעטא, — האט א זאג געטון דער אלטער מיט דער ליולקע.

— פאקלאנא! א גוטע נאכט! א גוטע נאכט! — האבן געשאקלט מיטן קאפ צוויי חברה־לייט, וועלכע זענען אוודאי געווען פערד־גנבים.

* *

*

איך בין ארויס אין א פינצטערער, פא רווארפענער גאס. אפגעגאנגען עטלעכע שפאן, האב איך מיטאמאל דערהערט טריט. זיך אומגעקוקט:

— נו, געוויס! איינער פון די מערדער, דער זעלבער בחור, וועמעס מיידל איך האב א קוש געטון, האט זיך שנעל געיאגט נאך מיר.

„הם... דאס איז דאס! ס'הייבט זיך אן!"

איך האב זיך צוגעשפאַרט צו דער וואנט און זיך געגרייט צו א געשלעג.

— אנטשולדיקט מיר, מיין הער, — האט דער בחור געזאגט, סאפענדיק שווער, — איר האט פארן אוועקגיין אראפגעלאזט אויף דער ערד א פאפירל פון פינפציק קראנען... אט האט איר עס!

מיין פארדראס איז געווען אזוי גרויס, אז איך האב זיך אזש אנגעכאפט באם קאפ און א שווערער זיפץ האט זיך בא מיר פון הארץ ארויסגעריסן. דאס געלט, וואס איך האב פארלוירן אין שענקל, האב איך נישט געוואלט אפנעמען צוריק. אויסדרייענדיק זיך מיט דער פלייצע צום „מערדער" בין איך אוועק.

* *
*

אט אזא אפשניט האב איך געהאט אין דעם „שרעקלעכסטן אונטערוועלט־שענקל” אין פראג!

אזא גרויסע שטאט! עס איז דאך איינפאך א חרפה און א שאנד!...

# טשעכן.

אויף דער גאנצער וועלט איז שווער צו געפינען א מענטש, וואס זאל זיין אזוי איידל און אזוי מאנירלעך, ווי א טשעך...

דער טשעך איז בטבע א צוגעלאזטער מענטש. ער איז גאסט־פריינטלעך, דעליקאט און געלאסן. ער איז אלעמאל גוט געשטימט. און מער ווי אלץ אין דער וועלט האט ער ליב אונז, רוסישע זענטשן.

איך פערזענלעך האב נאך קיינמאל נישט געזען, אז א טשעך זאל אין א געזעלשאפט ווערן שטארק אין כעס. און, פונקט ווי אויף צולהכעיס, האב איך ליב צו נעמען אויף זיך שווערע אויפגאבן, און דערפאר טאקע האב איך אויף זיך גענומען ארייננצוברענגען א טשעך אין כעס...

*   *

*

פיר זענען מיר געווען — דריי טשעכן און איך. אלע פיר זענען מיר געזעסן אין א ווינקל פון א רעסטאראן און געמיטלעך געטרונקען ביר.

איך האב אנגעכאפט א מאמענט, ווען אלע האבן גראד גע־

שוויגן, דאן האב איך קליגעריש אלעמען מיט די אויגן אפגעמאסטן און געזאגט:

— מיר געפעלט נישט אייער רעגירונג.

איך אויף זייער פלאץ וואלט אויף אזא באמערקונג געענטפערט אזוי:

— נו, און אייער רעגירונג אין רוסלאנד איז בעסער?

טשעכן אבער קאנען קיינעם נישט באליידיקן, האט איינער פון זיי גאר אזוי געזאגט:

— פארשטייט איר מיך, אונזער רעגירונג איז נאך יינג. שפעטער וועט זי ווערן עלטער, געניטער, וועט זי מער נישט מאכן אזוי פיל טעותים.

— און די הויפט-שטאט אייערע, פראג, געפעלט מיר אויך נישט, — האב איך ווייטער געיאדעט און בין שוין געווען גרייט צו כאפן א פאטש. — אויך מיר א שטאט!

— און איך דענק, אז אין דעם זענט איר דווקא נישט גערעכט, — האט זיך אנגערופן איינער פון די טשעכן. — פראג איז דווקא זייער א שיינע שטאט.

— אז אך און וויי צו אזא שיינקייט! דאס איז די שיינקייט פון א קוימענקערער, וועמען מען פוצט אויס אין שיינע קליידער; פוץ אים היינט, פוץ אים מארגן — ער בלייבט אלץ א קוימענקערער...

— פראג איז אן אלטע שטאט.

— טא, ווער-זשע דארף האבן איר אלטקייט? מיינעטוועגן האט מען אלע אלטע געביידעס געמעגט צעוואַרפן און אויפבויען נייע אויף זייער ארט... און נאך א זאך: ווי שעמט איר זיך נישט צו נעמען א מענטש, וואס שלאפט און ארויפלייגן אויף אים א משא פון פינף פוד?

— גאט איז מיט אייך! — האט זיך איינער פון די טשעכן דערשראקן. — ווער לייגט עס דא אויף אייך ארויף פינף פוד משא, ווען איר שלאפט?

— און וואס איז מיט די פערינעס, מיט די איבערבעטן, וואס מען דעקט זיך דא צו? הינטן אן איבערבעט, אויון אן אי-

בערבעט. עס קומט אויס, ווי מען וואלט באנאכט גענומען א מענטש און אים ארייגעקנעטן אין א קניש פון איבערבעטן. אלע מאל, ווען איך ווער דא אנטשלאפן, חלומט זיך מיר, אז א שניי־בארג איז אויף מיר ארויפגעפאלן!... דאס איז דען א בעט? דאס איז דאך א בארג מיט פעדערן! אינדערפרי, ווען איך כאפ זיך אויף פון שלאף, קען איך זיך אליין אין דעם בארג מיט פעדערן נישט געפינען... איך זוך זיך אזוי לאנג, ביז ס'ווערט מיר נמאס און איך קער זיך איבער אויף דער אנדערער זייט און שלאף ווידער...

— ווינטער איז אבער זייער ווארעם צו שלאפן אונטער אן איבערבעט, — האט איינער פון די טשעכן שטיל געענטפערט. — איר זענט פשוט נישט געוואוינט דערצו און דערפאר איז דאס אייך נישט אנגענעם...

— נישט נאר נישט אנגענעם!... דאס איז נישט שיין אויך!! שטעלט אייך פאר, וואס פאר א פנים דאס האט, ווען מען נעמט א יינגע פרוי מיט א שיינער פיגור און מען לייגט זי ארייין צווישן צוויי איבערבעטן! עס פארלירן זיך אלע גראציעזע ליניען פון איר שיינעם קערפער... הייגט, ווי מען דערלאנגט דאס בא אייך בראנפן אין א רעסטאראן! ווייזט מיר איין קעלנער, וואס זאל וויסן, אז א גלעזל בראנפן דארף מען דערלאנגען נישט נאכן עסן, נאר פארן עסן! עפעס נאר, ווי אויף צו להכעיס דערלאנגט ער אייך דאס ביסל בראנפן דווקא צום קאמפאט! נו, פרעג איך אייך, איז דאס א גאנג? איז דאס א טאלק?

— דאס איז אוודאי דערפאר, וואס אונזער נאציאנאלער געטראנק איז ביר, און דערפאר ווייסט מען בא אונז נישט, ווי אזוי צו דערלאנגען צום עסן א גלעזל בראנפן...

איך האב געשריגן, געגוואלטעוועט, געמאכט מיט די הענט, אויסגעטראכט אן א שיעור בלבולים אויף דעם טשעכישן פאלק, אבער די טשעכן זענען אלץ געווען העפלעך און געלאסן. איך האב זיך איינפאך געשלאגן מיטן קאפ אן אן אייזערנער וואנט פון העפלעכקייט, איך בין אוש הייזעריק געווארן שרייענדיק, און ווען איך האב געזען, אז די טשעכן זענען אלץ איידל און העפלעך, האב איך אומצופרידן א מרוקע געטון:

— און חוץ די אלע זאכן געפעלן מיר נישט אייערע...

איך האב איצט מורא ארויסצוברענגען אויף פאפיר דאס וואָרט, וואס איך האב דאן ארויסגעבראכט אויף די ליפּן, ווייל אזוי שנעל, ווי איך האב עס ארויסגעזאגט, זענען די דריי טשעכן מיטאמאל גאר אינגאנצן אנדערע מענטשן געווארן... די פּנימער האבן זיך בא זיי אנגעגאסן מיט בלוט, פון די אויגן האבן גענומען שפּריצן פייער און צאָרן און שטארקע פויסטן האבן ווי אייזערנע האמערס גענומען קלאפּן איבערן טיש.

— איר זענט בא אונז דא א גאסט! — האט מען פון אלע זייטן גענומען שרייען אויף מיר. — דא אין טשעכיען טאר מען אזוי נישט רעדן! אויב אייך געפעלט נישט, טא פארט אייך געזונטערהייט צוריק קיין רוסלאנד!

גאט מיינער! פארוואס האבן זיי זיך אזוי ארויפגעווארפן אויף מיר, איך האב דאך בלויז געזאגט, אז מיר געפעלט נישט אזא איינפאכע זאך ווי זייערע...

ניין... דאס איז שרעקלעך. איך קען איצט דאס וואָרט אויף פאפיר נישט ארויסברענגען... איך וועל דאס שוין בעסער טון מארגן...

# א רוסישער מענטש אין אויסלאנד.

אינם יאר 1921, ווען „דאס" אלץ האט זיך שוין געהאט געענדיקט, איז זיך אין אן אויסלענדישן זומער־פלאץ צונויפגעקו־מען א געזעלשאפט פון פארשידנערליי מענטשן. דאס איז געווען אין א נאכמיטאג־שעה, זענען אלע געזעסן באם טיש און געטרונקען קאווע, און אין דער געזעלשאפט האט מען געקאנט טרעפן, וואס פאר א פאלק איר ווילט נאר אליין — גריכן, פראנצויזן, דייטשן, יאפאנעזער, אונגארן, ענגלענדער, אפילו א כינעזער איז דארטן אויך געווען...

גערעדט האט מען געמיטלעך, ווי מען רעדט געוויינלעך אין א נאכמיטאג־שעה אין אן אויסלענדישן זומער־פלאץ, זיצנדיק בא א טיש אין א שיינעם זאל.

— איר זענט, דאכט זיך, אן ענגלענדער? — האט א פראנ־צויז א פרעג געטון, ווענדנדיק זיך צו א הויכן, גלאט־ראזירטן מאן. — איך האלט זייער שטארק פון אייער נאציאן. — ענגלענדער — דאס זענען דאס קלוגסטע פאלק אויף דער וועלט.

— דאס קלוגסטע פאלק נאך די פראנצויזן, — האט דער ענגלענדער געענטפערט זייער העפלעך און זיך פארנייגט. — די פראנצויזן האבן אין דער לעצטער מלחמה געוויזן וואונדער... אין דער ברוסט פון יעדן פראנצויז געפינט זיך א הארץ פון א לייב.

— און איר, יאפאנעזער, — האט זיך אנגערופן א דייטש, רייכערנדיק א ציגאר, — איר זענט איינפאך א וואונדער! פאר אונז, פאר די פעלקער פון אייראפע, זענט איר די גרעסטע איבער־ראשונג. א דאנק אייך, האט דאס ווארט „אזיע" אויפגעהערט צו זיין דער סימבאל פון ווילדקייט און קולטורלאזיקייט...

— און דערפאר רופט מען אונז טאקע „די דייטשן פונם הייטן מזרח". — האט דער יאפאנעזער געענטפערט מיט א בא־שיידענעם שמייכל, און אט דער ענטפער איז דעם דייטש אזוי שטארק געפעלן געווארן, אז דאס פנים האט בא אים אזש אנגע־הויבן שיינען פאר פרייד.

אין אן אנדער ווינקל איז א גריך געזעסן שטיל די גאנצע צייט, אבער מיטאמאל האט ער זיך אנגענומען מיט מוט און ווענדנ־דיק זיך צום אונגאר, האט ער געזאגט:

— איר אונגארישע זענט א וואויל פאלק!

— מיט וואס זענען מיר אזוי וואויל? — האט דער אונגא־רישער גאנץ ערנסט זיך געוואונדערט.

— וואס הייסט, מיט וואס?... מיט אלץ... איר טאנצט גוט אן „אונגארקע"... און חוץ דעם, האב איך איינמאל געקויפט אן אונגאריש רעקל, געניים אין דער טאליע, האט זיך עס גע־טראגן זייער לאנג! הייגט דער אונגארישער וויין! וואס קאן נאך זיין בעסער און געשמאקער, ווי א גוט גלעזל אונגארישער וויין?!

— און איר, גריכן, זענט אויך זייער א פיין פאלק.

— איר מיינט דאס ערנסט? מיט וואס זענען מיר אזוי א פיין פאלק?

— מיט... נו... מיט אלעמען... גלאט אין אלגעמיין א פיין פאלק... א קלאסיש פאלק... די בעסטע מאסלינעס קריגט מען בא אייך אין גריכנלאנד... און דערצו נאך — אזא גרוי־סער קינסטלער, ווי אייער פעריקלוס און די אלע אנדערע פון זיין גלייכן.

און בא דער זייט איז לעבן א טיש שטיל געזעסן א מענטש מיט א גרויסער בארד, און אנהאלטנדיק דעם קאפ אנגעשפארט

אָןביידע הענט, האט ער אויף אַלעמען געקוקט פאַרזאָרגט און האט געשוויגן.

דעם גוטמוטיקן פראַנצויז האט דער מענטש מיט דער גרויסער באָרד פון סאַמע אָנפאַנג אָן זיך געוואָרפן אין די אויגן. מיט ביי־גריקע בליקן האט ער אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף אים; ער האט זייער שטאַרק חשק געהאַט צו וויסן ווער ער איז. דער מענטש מיט דער גרויסער באָרד, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע ברייטע אַקסלען:

— איר, מיין הער, — האט דער פראַנצויז געזאָגט צום אַנגעכמורעטן מענטשן, — איר מוזט אוודאי זיין אַ טערק? אַ יאָ? וויל איך אייך זאָגן, אַז טערקן זענען איינע פון די בעסטע נאַציאָנען אין דער וועלט!

— איך בין נישט קיין טערק.

— וואָס דען זענט איר?

— איך בין אַזוי... אַ פרעמדער דאָ... און צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרפט איר וויסן ווער איך בין?

— גלאַט אַזוי. ס'איז אינטערעסאַנט.

— איך בין אַ רוס!!

ווען אין אַ שטילן זומערדיקן טאָג גיט זיך מיטאַמאָל פון ערגעץ אַ רייס אַפ אַ ווינט און די צווייגן פון די ביימער דערשרעקן זיך און הייבן זיך אָן וואָרפן און אויף די פייגעלעך, וואָס זענען פריער געזעסן שטיל, פאַלט אַ מורא און זיי הייבן אָן פליען הענדום־פענדום וואוהין די אויגן טראָגן זיי און דער גלאַטער שפּיגל פונם טייך הייבט זיך אָן רינצלען און פון אַלע זייטן נעמען שלאָגן כוואַליעס.

פּונקט דאָס זעלבע איז געשעען אויף דעם אויסלענדישן זומער־פּלאַץ, אין דער געזעלשאַפט פון די פאַרשידענערליי פעלקער, ווען מען האט דערהערט, אַז דער אָנגעכמורעטער מענטש מיט דער גרויסער באָרד איז אַ רוס.

— אַ רוס? וואָס רעדט איר? אַן אמתער רוס? — האט איינער אויסגעשריגן.

— קינדערלעך! אַלפרעד, מאַדלענאַ! — איז דער דייטש

ארײַן אין התפּעלות. — איר האָט געוואָלט זען אַן אמתן רוס — קוקט אים אָן! אָט איז ער, זעט!
— אַ רחמנות, נעבעך, אויף אים!
— זעט, זעט, אָט איז אַן אמתער רוס!
— וואו? וואו זיצט ער? דאָרט? יענער מיט דער גרויסער באָרד? הערט, ער קען דאָך נאָך וואַרפן אַ באָמבע אויף אונז...
— גייט אַוועק, ער וועט קיין באָמבע נישט וואַרפן... און אפשר איז ער גאָר הונגעריק? העי, מײַנע הערן, וואָס האָט איר אויף אים אויפגעשטעלט מויל און אויערן? נישט שײַן אַזוי!... ווי דענקט איר, זאָל איך אים געבן אַ נדבה?... ער וועט זיך דער־פון נישט פילן באַליידיקט?...
— נעמט אַוועק דעם דײַטש פון אים אַ ביסל ווײַטער... די דײַטשן, פאַרשטייט איר מיך, האָבן אים אָנגעטון אַזוי פיל צרות, אַז ס'וועט נישט זײַן קיין וואונדער, אויב ער וועט זיך אַרויפכאַפּן אויף דעם דײַטש און וועט אים צערײַסן ווי אַ הערינג!...
מיט אַ געפיל פון רחמנות, אָבער דאָך נישט אָן מורא, האָט דער פראַנצויז געדריקט דעם רוס די האַנט, דער יאַפּאַנעזער האָט אים צערטלעך געגלעט איבער דער פּלייצע און דערבײַ איז אין זײַנע שמאָלע אייגעלעך געווען אַ סך מיטלייד, איינער פון דער געזעלשאַפט האָט אים אָנגעבאָטן אַ ציגאַר, אַ צווייטער האָט גלאַט אַזוי געקוקט אויף אים און, נישט ווייסנדיק, וואָס צו טון, האָט ער זיך דאָס רעקל צוגעשפּיליעט, און דעם דײַטשס ווײַב האָט געכאַפּט די צוויי קינדער אַלפרעדן און מאַדלענאַן, און איז מיט זיי שנעל אַנטלאָפן אַהיים...
— די באָלשעוויקעס האָבן אײַך אַ סך געפּײַניקט? — האָט דער יאַפּאַנעזער דעם רוסישן מענטש געשטעלט אַ פראַגע.
— איז דאָס אמת, אַז אין מאָסקווע האָט מען געגעסן דאָס פלייש פון הינט און פון מײַז?
— און זאָגט אונז, איך בעט אײַך, פאַרוואָס האָט דאָס רוסי־שע פאָלק אַרונטערגעוואָרפן פונעם טראָן ניקאָלאַיען און איבערגע־געבן די מלוכה אין די הענט פון לענינען און טראָצקין?
— און זאָגט אונז שוין פאַר אײנוועגס, וואָס איז דאָס אַזוינס

„כאבאר״? איז דאס אזא געטראנק, אדער גאר א טאַנץ א רו־סישער?

— און זאגט אונז, צי איז דאס אמת, אז ווען דער רוסישער ארבעטער דערהערט זינגען דעם „אינטערנאציאָנאל״, ווערט ער אזוי ווילד, אז ווי ער דערזעט נאר א מענטש מיט ברילן און מיט א הייסן, אנגעקראכמאלעטן קאלנער, כאפט ער און הענגט אים אויף אויף א לאמטער?

— און איז דאס אמת, אז אייניקע רוסישע מענטשן האבן געקויפט א פונט צוקער פאר פינף הונדערט רובל און עס פארקויפט פאר טויזנט?

— און זאגט אונז, וואס זענען דאס פאר ווערטער „סאווי־נארקאם״ און „סאווגארכאז״? א יא, דאס זענען אזעלכע מגפות?

— און זאגט אונז אויך, צי איז דאס טאקע אמת, אז ווען א בורזשוי כאפט אריין אין זיינע הענט אן ארבעטער, בייסט ער אים איבער די אדערן און זויפט פון אים דאס ווארעמע בלוט אזוי לאנג, ביז...

— ס׳ברענט!! ס׳ברענט!! — האט דער רוס פלוצלינג אנ־געהויבן שרייען ווילד און דערביי האט ער מיט זיין שווערער פויסט געגעבן א זעץ אן טיש אזוי שטארק, אז אלע האבן זיך דער־שראקן.

— וואס ברענט? וואו ברענט? — האבן זיך אלע פאר־וואונדערט ארומגעקוקט אין אלע זייטן.

— די נשמה מיינע ברענט! — האט דער רוס ווייטער גע־שריגן. — זי ברענט ווי א העליש פייער! העי, קעלנער, ווי הייסטו דארט — דערלאנג אהער נאך וויין! וואס מער וויין! זאלן אלע טרינקען אויף מיין חשבון! טרינקט!... קענט איר דען פארשטיין די בענקעניש, וואס נאגט מיין נשמה?! קענט איר דען ארייגקוקן אין דעם טיפן תהום פון דער צעפלאנטערטער נשמה?! אלעמען דערלאנג גלעזער. עך־מא! „איך וועל שטארבן, וועט מען מיך באגראבן, גלייך איך וואלט גאר קיינמאל נישט גע־לעבט״...

דער טאג האט שוין געהאלטן באם פארגיין.

א צעשויבערטער, אווילדער און א שרעקלעכער, האט דער רוס געהאלטן א פלאש ווײַן אין איין האנט, און מיט דער אנדע־רער האט ער געוואָרפן אין דער לופטן און מיט כּעס געשריגן, קוקנדיק אויף די אלע אויסלענדער, וואס זענען געזעסן בא זײַן טיש:

— איר זאגט, אז אין אײַער באציונג צו מיר איז פאַרהאַן מיטגעפיל? זאג איך אײַך, אז איך פײַף אויף אײַער מיטגעפיל! איר מיינט, אז איר אלע — אלע אָן אן אויסנאם — האט מיך ווייניק בלוט געקאסט? העי, דו דײַטשע מאַרדע, ווען האסטו מיר אריינגעשיקט פון צימערוואלד? איז דאס א וועג צו פירן א מלחמה? און דו, פראנצויזל, דו זשאַבע־פרעסער... „מאָן אמי" און „מאָן אמי", און אליין האסטו גענומען קרים און אדעס און אוועקגעגעבן די באלשעוויקעס! אט אזוי האנדלט א פריינד? קאן איך דאס דען פארגעסן? און דו דאַרט מיטן לאַנגן צאָפּ! קאן איך דען פארגעסן, אז דו האסט אריינגעשיקט דײַנע כינעזער, די טײַ־וואלים, זיי זאלן אונזער טײַער רוסלאנד חרוב מאכן און ווערן גאנצע באלעבאטים אין מאסקווער קרעמל? און דו אונגאר... דו ביסט אויך פײַן! דאס מזל אויף דיר, ווי פײַן דו ביסט! וואס פאַר א טובה דו האסט אונז געטון! עך, מיר איז נישט גוט מיט אײַך! טרינקען ווײַן אויף מײַן חשבון מעגט איר, וויפיל איר ווילט, אבער פאַרשטיין דאס, וואס ס'קומט פאר אין מײַן נשמה, וועט איר קיינ־מאל נישט!... דאַרטן ברענט א העליש פײַער און מען קען עס נישט אויסלעשן!.. איך האב מײַנע בעסטע יאָרן פאַרשפּילט. אלץ איז צו גרונט געגאנגען... איך וועל שטאַרבן און מען וועט מיך באַגראָבן, גלײַך ווי איך וואלט גאָר קיינמאל נישט געלעבט!....

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און נאכדעם, ווי אלע זענען זיך שוין געהאט פונאנדערגע־גאנגען, האבן זיך נאך אלץ געהערט די זיפצן און קרעכצן פון דעם האלב־שכּורן, עלנדן מענטש, וועמען קיינער האט נישט פארשטא־נען — נישט ווען ער איז געווען ניכטער און נישט ווען ער איז געווען שכּור... לאנג איז ער געלעגן, דער מענטש מיט דער

פארפלאנטערטער און צעווייטיקטער נשמה. ער איז געלעגן און גע־האלטן דעם קאפ אנגעשפארט אןביידע הענט און אלץ געקרעכצט און געזיפצט, ביז דער קעלנער איז צוגעגאנגען צו אים און שטיל געזאגט :

— מיין הער, דא איז דער חשבון פאר אלעמען.

— וואס ? דער חשבון פאר אלעמען ! גוט, דער רוסישער מענטש איז שוין געוואוינט צו באצאלן פאר אלץ און פאר אלע־מען ! נאט אייך געלט. אלץ אויף מיין חשבון !

# מארטאוו און אבראמאוויטש.

עס לעבן זיך אויף דער וועלט צוויי מענטשן. ביידע זענען זיי זייער פיינע און וואוילע מענטשן. שיין זענען זיי ווי די זון אין מאי, און ליבלעך, ווי די פרינצן פון אן אויסגעטראכט, שיין מעשהלע.

איינער פון זיי הייסט מארטאוו און דער אנדערער אבראַ-מאוויטש.

און ביידע זענען זיי סאציאל-דעמאקראטן.

זיי גיבן ארויס א צייטונג, הייסט זי „דער סאציאליסטישער אנזאגער".

און עס טראגן זיך ארום קלאנגען, אז ערגעץ געפינען זיך א פאר מענטשן, וואס לעזן זי, די דאזיקע צייטונג. זומער האט די צייטונג מער לעזער, ווינטער ווייניקער, און דאס איז דערפאר, וואס זומער זענען דאס א סך פליגן — אן אויסכאפעניש וואלט בעמעגט קומען אויף זיי.

אזוי שנעל ווי מען לייגט אוועק דעם „סאציאליסטישן אנזא-גער" אויפן טיש, כאפן זיך די פליגן צו צו אים און מאכן פון אים א תכלית.

ווען מען פארגעסט זיך אמאל און מען הייבט אן אין דער צייטונג זוכן וואס צו לייענען, באקומט מען עפעס א מאדנע גע-פיל. איך שטעל זיך פאר, אז אזא געפיל מוז איבערלעבן אן אויס-

געהונגערטער הונט, ווען א פארשייט יינגל, א ווייסער-חברהניק, דערלאנגט אים א שטיק שמאלץ אויף א שטריקעלע און פונקט דאן ווען דער הונט וויל עס געבן א כאפ אין מויל אריין, גיט דער ווייסער-חברהניק א צי דאס שטריקל צו זיך, און דער אויסגעהונגערטער הונט בלייבט מיט אן אפן מויל.

איינמאל האב איך אין יענער צייטונג איבערגעלייענט אן ענערגישן און זייער רירענדן פראטעסט קעגן דעם, וואס אין סאוויעט-רוסלאנד שיסט מען אזוי פיל מענטשן.

מארטאוו און אבראמאוויטש האבן פעסט אונטערגעשטראכן, אז עס איז די גרעסטע עוולה, וואס מען שיסט סאציאל-דעמאקראטן, און דערביי האבן זיי באוויזן, אז די באלשעוויקעס האבן נישט קיין רעכט צו נעמען סאציאל-דעמאקראטן און זיי שיסן.

וועגן גלאט מענטשן, וואס זענען נישט קיי סאציאליסטן, איז אין פראטעסט נישט דערמאנט געווארן קיין ווארט. הייסט עס, אז זיי מעג מען אין סאוויעט-רוסלאנד יא שיסן.

עס האבן אויך פראטעסטירט די רעכטע סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן קעגן דעם, וואס מען שיסט ז י י ע ר ע חברים. עס האבן אויך פראטעסטירט לינקע סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן קעגן דעם, וואס מען שיסט ז י י ע ר ע חברים.

און אויסגעקומען איז דאס אזוי, אז אזא מענטש ווי איך, וואס איז נישט קיין סאציאל-דעמאקראט און נישט קיין סאציאליסט-רעוואלוציאנער, מעג יעדער אויסוואורף דערשיסן אזוי ווי א הונט און קיינער וועט זיך פאר מיר גארנישט אננעמען.

נאר אזוי ווי איך בין א מענטש אן אומפארטייאישער, וועל איך מיר פאלן אויף אן אייגענער המצאה: אזוי ווי מיך אליין רופט מען ארקאדי, וועל איך נעמען און זיך ווענדן צו דער גאנצער וועלט מיט א פראטעסט קעגן דעם, וואס מען שיסט די ארקאדיס.

אויב א מענטש האט די זכיה צו הייסן אזא שיינעם נאמען ווי ארקאדי — זאלסטו זיך נישט דערוועגן אים צו טשעפען, כלב שבכלבימניק וואס דו ביסט! און אויב דו מוזט דווקא שיסן מענטשן, טא שיס די סטעפאנעס, די איוואנעס, די דאנילעס, אבער נישט די ארקאדיס!...

מיט דעם זעלבן מיטל מעגן זיך באנוצן אנדערע מענטשן אויך. זאלן זיי זיך ארגאניזירן לויט דער פארב פון זייערע האר, אדער לויט אנדערע סימנים; מענטשן, וואס האבן שווארצע האר וועלן אנשרייבן א פראטעסט קעגן דעם, וואס מען שיסט די שווארץ-האריקע, מענטשן, וואס האבן רויטע האר, וועלן שטיין שטאל און אייזן פאר די רויט-האריקע, און די מענטשן, וואס קוקן קיסאקע וועלן גיין ביזן בלוט פאר די קיסאקע...

*

אבער דאס קערט זיך שוין נישט אן מיט מיר. ווי זאגט מען: „לאמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער ענין" — צו מארטאוון און אבראמאווישן.

אלזא, ביידע פראטעסטירן זיי זייער ענערגיש קעגן דעם, וואס אין סאוויעט-רוסלאנד שיסט מען סאציאל-דעמאקראטן; קעגן דעם, וואס מען אונטערדריקט זייערע צייטונגען און אויך קעגן דעם, וואס מען נעמט זיי נישט אריין אין דער רעגירונג.

נו, שטעלט-זשע זיך פאר אזא בילד: מארטאוו און אבראמא-וויטש זיצן בא זיך אין דער רעדאקציע און שטעלן צונויף די צייטונג „דער סאציאליסטישער אנזאגער" — מיטאמאל עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין א דעלעגאציע פון רוסישע פויע-רים. פאלט אויף די קני און זאגט אזוי:

— דאס לאנד אונזערס איז גרויס און פרוכטבאר. די באל-שעוויקעס זענען שוין מער נישטא, מיר האבן זיי אלעמען אויסגע-קוילעט — קומט צו אונז און רעגירט!

די „עס-ערן" (סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן) אין פאריז, וועלן קראפירן פאר פארדראס, פארוואס מען האט זיי נישט איינגעלאדן איבערצונעמען די מלוכה. אבער מארטאוו און אבראמאוויטש וועלן באלד ווערן אזוי שטארק פארנומען, אז די „עס-ערן" וועלן זיי שוין מער נישט ליגן אין זינען.

— מיר האבן געזיגט! — וועט מארטאוו אויסשרייען מיט פרייד און בשעת מעשה וועט ער ווארפן א בייזן בליק אויף אבראמא-וויטשן, ווי איינער רעדט: „ווער דארף דיך איצט? אן דיר וואלט

איך דען נישט געקאנט אויסקומען? איך דארף דען האבן א שותף אין דער מלוכה?

און אבראמאוויטש וועט אויך ווערן זייער פריילעך; פאר גרויס שמחה וועט ער אנכאפן מארטאוון בא דער האנט, און דערביי וועט אים איינפאלן אזא געדאנק:

— אך, ווען איך קאן דיך בעסער אנכאפן פארן גארגל? ווייס איך דען נישט, אז אזוי שנעל, ווי איך וועל אוועקפארן קיין מאסקווע, וועסטו מיר גלייך נאכלויפן!...

אבער ארויסוויזן וועלן זיי דאס נישט; לפנים וועלן בא זיי ביידע די פנימער שיינען פאר פרייד, און איינפאקנדיק שנעל די טשעמאדאנעס, וועלן זיי צו דער דעלעגאציע פון פויערים זאגן אזוי:

— אויב איר גיט איבער די מאכט אין אונזערע הענט, פאר־זיכערן מיר אייך, אז מער וועט מען אין רוסלאנד קיין געוואלט־טאטן נישט באגיין! נידער מיט די דיקטאטארן, וואס אונטער־דריקן די צייטונגען, נידער מיט די רציחות און שיסערייען, נידער מיט דער „טשעקא"!...

*

און אט זענען די צוויי נייע הערשער מיט מזל אנגעקומען קיין מאסקווע, און מען האט זיי דארטן אויפגענומען מיט גרויס פאראד.

— פון וואס זשע וועלן מיר אנהייבן? — האט א פרעג געטון דער ענערגישער אבראמאוויטש. — פריער פון אלץ דארף מען צונויפשטעלן א קאָאליציאנס־רעגירונג. א געמישטע, מיט פאר־טרעטער פון אלע פארטייען.

בא מארטאוון האבן זיך געביטן די קאלירן אין פנים:

— הייסט עס, אז מען דארף ארייננעמען אין קאבינעט די „עס־ערן" און די „קאדעטן" (קאנסטיטוציאנעלע דעמאקראטן)?

— עס הייבט זיך גארנישט אן! פארוואס קומט עס אזוי? מיר קענען זיך באגיין אן זיי. אונזער קאָאליציאנס־רעגירונג וועט

באשטיין פון רעכטע סאציאל־דעמאקראטן, לינקע סאציאל־דעמא־קראטן און גלאט סאציאל־דעמאקראטן.

*

איינמאל קומט אבראמאוויטש צו לויפן צו מארטאוון, א צע־טראגענער:

— געהערט א חוצפה! די „עס־ערן" פאלן אן אויף אונז אין זייער צייטונג; זיי זידלען אונז דערפאר, וואס מיר האבן זיי נישט אריינגענומען אין קאבינעט! שטעלט זיך פאר — מיך רופן זיי אומפעיקע בריאה! איך זאג, אז פאר אזא חוצפה דארף מען צומאכן זייער פארשיווע צייטונג אויף שטענדיק!

— דאס וואלט שוין געווען א ביסעלע צופיל, — האט מאר־טאוו אים געענטפערט מיט א שמייכל — פאר אזא זאך קען מען קיין צייטונג נישט צומאכן. מען קען זיי נישט פארווערן אייך צו זידלען.

— און אייך האבן זיי נאך מער גע׳זידלט! זיי שרייבן אין זייער צייטונג, אז איר האט א בייכל און אז איר זענט א היציקער!

— אזוי גאר! — איז מארטאוו געווארן אין כעס. — צו־מאכן די צייטונג. גיט גלייך ארויס דעם באפעל צוצומאכן.

*

עס איז אוועק א שטיקל צייט און אבראמאוויטש איז ווידער געקומען צו לויפן צו מארטאוון א צעטראגענער:

— הערט א חוצפה! איבער דעם, וואס מיר האבן צוגעמאכט די צייטונגען פון די „עס־ערן" און די „קאדעטן", זענען זיי דארטן אלע געווארן ווילד, די קאטארזשאנעס, און דראפען זיך גלאט אויף די גלייכע ווענט. מען דערציילט מיר, אז זיי מאכן א פארשווערונג און ארבעטן אויס א פלאן אונז ארונטערצוווארפן.

דאס וועלן מיר נישט דערלאזן! — האט מארטאוו אויסגע־שריגן מיט כעס. — מיר מוזן גלייך ארגאניזירן אזא קערפערשאפט, וואס זאל האלטן אן אויג אויף זיי און צעשטערן אלע פארשווע־רונגען זייערע.

— אן אויסערגעוויינלעכע קאמיסיע? (טשרעזוויטשאַינאַיאַ קאמיסיאַ).

— גיי אוועק, וואס דיר קאן איינפאלן! קאנען מיר דען בע־מען אזא זאך ווי די „טשעקא" (טשרעזוויטשאַינאַיאַ קאמיסיאַ) און ברענגען דערצו, אז זיי זאלן אויפשטיין תחית המתים? דאס וועט דאך דערמאנען אן יענע פינצטערע צייטן פונם באלשעוויזם! ניין, אנשטאט א „טשרעזוויטשאַינאַיאַ קאמיסיאַ" (אויסערגעוויינלעכע קא־מיסיע), וועלן מיר מאכן אן „אביקנאָווענאַיאַ קאמיסיאַ"(געוויינלעכע קאמיסיע).

— און פארקירצט וועט זי הייסן „אב־קא".

— גוט. „אב־קא" דאס איז נישט אזוי שרעקלעך ווי „טשע־קא". עס קלינגט געמיטלעך און נישט ראַשיק.

*

א יאר צייט איז אוועק און צוויי רוסישע מענטשן האבן זיך געטראפן אין בערלין.

— ווי קומט איר אהער? — פרעגט איינער.

— איך בין אנטלאפן פון די רציחות פון דער „אב־קא", — ענטפערט דער אנדערער.

— און איך אויך...

*

איך בין נישט קיין מאראליסט, איך האב בלויז געוואלט באווייזן, וואס ס'מיינט, ווען איין פארטיי האט די מאכט.

אט אזוי איז דאס: ווען א מענטש זאגט „אלף", מוז ער שוין זאגן „בית" אויך...

ווען מען שיסט מענטשן אין רוסלאנד און איינער א טשארט איוואניטש מאכט געוואלטן און פראטעסטירט דווקא קעגן דעם, וואס מען שיסט יענע, וועלכע הייסן גראד אויך טשארט איוואַ־ניטש — איז ווען אזא מענטש וועט שטיין באם רודער פון דער רע־גירונג, וועט ער זיין אפשר נאך ערגער פון דעם רוימישן קעניג נעראן, אבער אן זיין פעיקייט צו שפילן אויף א ציטער־סטרונע.

פארטיי־מענטשן זענען פונקט, ווי טאלאנטלאזע אקטיארן, וועלכע זענען משוגענערווייז פארגלייבט אין זיך.

און נישט אומזיסט זאגט מען:

נישט יעדער קעניג אויף בעראנס פלאץ וואלט געווען אן אקטיאר, אבער יעדער אקטיאר אויף א קעניגס פלאץ וועט זיין א בעראן.

# קנײדלעך.

„קנײדלעך" !!!

דאס איז דאס שרעקלעכע טשעכישע װארט, װאס האט מײ־נע טשעכישע פרײנד ארײנגעטריבן אין אזא כעס...

— אנטשולדיקט מיר, מײנע הערן, — האב איך געפרװװט זיך פארענטפערן. — װאס פאר א טעם האבן טאקע די קנײדלעך אײ־ערע? קנײדלעך! דאס איז דאך נישט מער װי טײג, װאס צעלײגט זיך אין מאגן, שװער װי א ציגל... און זאגט אלײן: אויב עס װעט װײטער אזוי אנגײן און מען װעט מיך דא שטאפן מיט קנײד־לעך יעדן טאג, װעט נאך בא מיר אין בויך מיט דער צײט אויס־װאקסן א מויער פון ציגל!

— נישט אין בויך װאקסט בא אײך א מויער פון ציגל, — האט אײן טשעך אנגעהויבן שרײען אויפן קול, — נישט אין בויך, נאר אין הארצן! װאס װײסט איר װעגן קנײדלעך?! האט איר דען אמאל געגעסן ריכטיקע קנײדלעך?!

און דער אנדערער טשעך, זײער אן אײדעלער און זײער א העפלעכער מענטש, האט געזאגט:

— איך האב גאר פארגעסן, אז איך בין איצט זײער שטארק פארנומען. איך מוז שוין גײן א הײם...

— איר האט דאך אלײן געזאגט, אז הײנט אװנט זענט איר פרײ...

— יא, איך האב אבער נישט געוואוסט, אז דער היינטיקער אונט וועט זיך ענדיקן אזוי טרויעריק...

— איך גיי אויך אהיים, — האט זיך אנגערופן דער דריטער.

— איך אויך.

אלע זענען אוועק. איך בין געבליבן איינער אליין...

נו, פארפאלן. איך וועל שוין מוזן עסן אן א קאמפאניע.

— קעלנער, עסן!

דאס ערשטע געריכט איז באשטאנען פון זופ מיט א קניידל; דאס צווייטע געריכט — א שטיקל געבראטנס מיט א קניידל, און דאס דריטע געריכט — א קניידל מיט עפל אינעווייניק...

קיין אנדערע ברירה נישט געווען, בין איך אזוי געזעסן א פארומערטער, געקוקט אויף די דריי קניידלעך, וואס איך האב אין מויל אריין נישט געקענט נעמען, און געטראכט:

— געשיקט זיך, אז איבער אזא קלייניקייט, ווי קניידלעך קענען אמאל צוויי פעלקער ווערן ברוגז איינער אויפן אנדערן און אינגאנצן איבעררייסן די דיפלאמאטישע באציונגען?...

* *

*

יא, איך האב פארגעסן צו זאגן: דאס גלעזל בראנפן, וואס איך האב באשטעלט פארן עסן, האט מיר דער קעלנער דערלאנגט נאכן עסן, צו דער קאווע...

אן אומעטיקער בין איך אוועק אהיים, זיך אויסגעטון און ארונטערגעקראכן אונטערן איבערבעט... איך ווייס?... אפשר וועל איך זיך כאטש דארטן קענען באהאלטן פאר דעם צארן פון די טשעכן, וואס לאזן נישט באליידיקן זייערע קניידלעך?...